STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09277

ERTSEHLUNGEN

David Pinski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פינסקי

ערצעהלונגען

אין צוויי בענד

ערשטער באנד.

פיערטע אויפלאגע.

ליטעראַרישער פערלאַג, נויאָרק

.1918

Copyright 1910
by The International Library Publishing Co.

אינהאלט.

ערשטע אבטיילונג

ליעבע

זייטע

ערוואכונג 9
דער ערדגייסט 29
ליעבע 41
דאָס מיידעל ביים ארון קודש 52
איין אָנהעב (מאָנאָלאָג פון איהם און איהר) 60
געשלאָגען דעם טאטען 80
א קלויזניק 84
א היינטמאָדישער ראָמאן 92
אין משוגעים הויז 95
קעמפפער (פראגמענטען) 108

צווייטע אבטיילונג

אלטינקע

אַלטינקע 113
היינטיגע יונגע לייט 121
צוויי וועלטען 127
ביים אדוואָקאט 139
אין שטורם 145
רב שלמה 153
יום־כיפור דאווענער 188
דער גרויסער מענשענפריינד 195
א פרעהליכער גביר 212
פון דער לייטער אראָב 219

א מהומה	224
די נסיעה	229
דער לייב און דער העלפאנט	237
שיני (א טרויעריגע מעשה מיט נאך א טרויעריגען צוגאב)	242
די יונגע	251
גאסען-בילדער	257
זרבבל	263

ערשטע אבטיילונג
ליעבע.

ערוואַכונג.

לייבקע איז געוועזען א גוטער גמרא־איינגעל און האט דאס לעבען נישט געקאנט. מיט זיעבצעהן יאהר איז ער געוועזען א פרעמדער אין דער וועלט, ווייל זיין לעבען און זיין וועלט זיינען געוועזען איינגעפאסט אין די דיקע טאוולען פון דער גמרא. זיין נשמה האט ארומגעשוועבט אין דער אלטער גרויער פערגאנגענהייט, זיין אויער איז געוועזען צוגעצייגט צו די פערקלונגענע רעד, זיין הארץ האט געשלאגען מיט דעם פולס פון די אלטע חכמים. זיין געשפרעך איז געוועזען דאס, וואס ער האט געלערנט. ער האט געקאנט אויפגערעגט ווערען נור פון א שארפען חידוש אין דער גמרא. ער האט געהאט שארפזינן און געהאט פאנטאזיע. אבער זיין שארפזינן איז געוועזען אנגעווענדט אויף ארויסצוגעפינען הארבע קשיות, און זיין פאנטאזיע האט געשפינט און געוועבט נאך דעם פאדעם פון די אלטע אגדתות.

ווען ער פלעגט מיד ווערען פון דעם אייביגען פלפול, מיט די הארבע קשיות און פערטיפענים, און זיין נשמה פלעגט לעכצען נאך רוה, נאך א ווייעגענליעד, פלעגט ער דאמאלס ארייןקוקען אין איין עין־יעקב אדער אין א מדרש. מיט איין אנדער ניגון, מיט איין אנדער שטימע. דאמאלס האט זיין נשמה געבייינקט נאך דער אלטער פערגאנגענהייט און נאך דער גרויסער צוקונפט; דאמאלס האט זי געבייינקט נאך וואונדער און נאך שיינהייט.

און דאמאלס פלעגט זיך טרעפען, אז ער פלעגט זיך אנוועקלעגען אויף דער סאפא אדער אנשפארען זיך מיט א זייט אן ווענטעל און בייסען די נעגעל פון איין האנד און מיט דער אנדערער האלטען זיך פעסט פאר א לאך פון זיין ראק און קוקען אין די אונבעגרענצטע

וויטקייט. דאמאלס האט ער געזעהען זעהונגען. בילדער פון א רייכער אבער בײנקענדיגער נשמה פלעגען ארויסשווימען פאר איהם. פערגאנגענהייטס־בילדער, צוקונפטס־בילדער, טרוים־בילדער.

ער פלעגט זיך זעהען נאך נישט־א־געבארענעם. דארטין אין הימעל, אין גן עדן, זיטצט זיין נשמה — זי זעהט אפילו אוים, ווי ער זעהט יעטצט אוים. אבער דאס איז נישט ער נור זיין נאך נישט־געבארענע נשמה — און זי לערנט תורה מיט גאט. ביי א גרויסען גרויסען טיש, א בעזעטצטען מיט די גרעסטע און געטליכסטע נשמות. די גרעסטע תנאים און אמוראים און גאונים, מיט גאטט אין אויבען־אן, מיט משה'ן פון זיין רעכטער זייט און מיט דעם מלאך סנדלפון הינטער איהם, זיטצען אלע און לערנען תורה, און זיין נשמה איז צווישען זיי. און זיין נשמה צייכענט זיך אוים אין לער־נען, און זי בריינגט ארויס אזעלכע חידושים, פון וועלכע אלע ווערען נתפעל. און גאטט איז מיט איהר אזוי צופריעדען, און אלע האבען זי אזוי ליעב. זי זיטצט ביי איין אנדער עק טיש און אלע ווייזען אן, אז זי דארף זיטצען אין אויבען־אן און טאקי גאר ביי גאטט אין שוים — — און זיין הארץ קלאפט אזוי שטארק. ער צוגעהט באלד פון מתיקות און גרויסער בײנקענים. און דאן נעמט ער זיך וויע־דער צום לערנען, מיט א פייער, מיט א היטץ און א ברען, אום צו דערגרייכען איטצטער די הויכע מדרגה, וועלכע זיין נשמה האט פער־נומען פאר זיין געבארן ווערען. —

אדער אין דער אלטער גרויער צייט פון דעם אידישען פאלק פלעגט ארומשוועבען זיין גייסט, לעבען אין איהר, איבערלעבען דאס נישט־צוריקקעהרענדיגע. אין יעדעם דור פון דער גאנץ אלטער צייט האט ליבקע געלעבט, מיט יעדעם גרויסען מאנן אין פאלק ישראל איז ער געוועזען בעקאנט, מיט יעדעם האט ער געהאט עפעס צו טון. און קיין פרעהליכע זאך איז נישט געשעהען אין פאלק ישראל און קיין אונגליק, וואו לייבקע זאלל דערביי נישט זיין און נישט אנטייל נעמען. אבער דער גרעסטער און אפטעסטער העלד פון זיינע חלומות און זעהונגען, איז געוועזען משה, דער תורה־געבער. ער, לייבקע, איז משה'ס משרת. א מין יהושע בן נון. אבער

ער איז מעהר פאר יהושע'ן. ער איז ווי משה'ס א קינד, ווי א שטיק פון משה'ן, א ניצוץ פון איהם. און ער האט פיעל צו טון. משה שאפט זיך מיט איהם זעהר אפט. משה פערלאזט זיך אויף איהם ווי אויף זיך אליין. און משה האט איהם איבערגעגעבען אלע סודות פון דער תורה, אלע דרשות אויף יעדעם אות. — און ווען ער קעהרט זיך אום פון זיין פאנטאזיע־וועלט, ווייס ער דאמאלס, אז ער וועט נאך ארויסוויזען גרויסע וואונדער אין לערנען, אז ער וועט נאך דערזעהען זאכען און אויפטון חידושים, וועלכע קיינער האט נאך נישט געזעהען און נישט אויפגעטאן. און דאן נעמט ער זיך ווידער צום לערנען, מיט א פייער, מיט א היטץ און א ברען, אום צו זוכען און צו געפינען נייע לענדער, וועלכע זיינען נאך נישט ענט־דעקט געווארען, נייע טיעפעניסען, וועלכע זיינען נאך נישט דער־גראבען געווארען. —

אדער איז די ווייטע גרויסע צוקונפט פלעגט ער אוועקשוועבען. משיח איז געקומען, דער בית המקדש איז שוין אויסגעבויט געווארען פון די טייערע שטיינער, וועלכע מלאכים זיינען געשטאנען און גע־שניטען לאנגע יאהרטויזענדער און גאט האט ארויסגעצויגען די זון פון איהר שייד, און די גאנצע וועלט איז פערטרונקען פון איהר ליכט — — און וויטער זיצט ער מיט אלע הייליגע און גרויסע, מיט גאט אויבען־אן, מיט משה'ן ביי גאט'ס רעכטער האנד און מיט סנדלפון'ען הינטער גאט, און מען לערנט די תורה. און די תורה שטעהט יעטצט אין איהר גאנצער גרויס, אלע סודות זיינען אין איהר ענטדעקט, נור דעם לעטצטען גרעסטען סוד וועט גאט יעטצט ענט־דעקען, דעם סוד פון אלע סודות, און דאן וועט עס ווערען אזא ליכ־טיגקייט אין דער וועלט, אז די זון וועט פערשעמט ווערען. אבער ער ווייס שוין דעם לעטצטען סוד, ער טרעפט איהם, איידער גאט זאגט איהם ארוים — — און עס העבט איהם אז אזוי שטארק צו קלאפען דאס הארץ, אז ער נעמט זיך ווידער צום לערנען, מיט א פייער, מיט א היטץ און א ברען, צו לערנען אום צו לערנען, פון דער תורה אליין וועגען, פון מתיקות וועגען, פון דער גרויסער ביינקענים וועגען. — —

אין יעדעם דור פון דער גרויער פערגאנגענהייט האט ליבקע געלעבט, און אין דער ווייטער גרויסער צוקונפט, אבער נישט אין אונזער צייט. ער האט דאס לעבען נישט געקאנט און די וועלט נישט געוואוסט. זיינע עלטערן האבען שווער געארבייט פאר זייער בן־יחיד, און ער האט נישט געפרעגט ווי. די בעסטע מלמדים האבען זיי געהאט פאר איהם, געצאלט דאס גרעסטע געלד שכר לימוד, בעשאפען איהם די גרעסטע אנגענעמליכקייטען, און ער האט נישט געפרעגט, פון וואנען זיי נעמען. זיי האבען זיך אפט געסוד'עט וועגען שווערע צייטען, אבער ער האט זיך נישט צוגעהערט און נישט געוואוסט, אז ער דארף זיך צוהערען. דעם טאטענס אדער דער מאמעס א זיפץ האבען איהם נישט ארויסגעריסען פון זיין וועלט.

א פרעמדער איז ער געוועזען אין דער וועלט. פרעמד צו איהרע שטורמס, צו איהרע יסורים; פרעמד צו איהר ליעבע. דער זיעבצעהניעהריגער בחור'ל האט קיין פלענער נישט געהאט. ער האט זיך קיינמאל נישט פערטראכט, ווי וועט ער דורכקעמפפען זיין לעבען, ווייל ער האט נישט געוואוסט, אז דאס לעבען מוז דורכגעקעמפפט ווערען. ער האט זיך געזעהען שווימען זיין גאנץ לעבען אויף א גרויסען אונענדליכען ים, און דער ים איז די תורה. און דאס האט געזאלט זיין זיין לעבען. איין אונענדליך לעבען, וואס ציעהט זיך פון פאר דער געבורט און הינטער'ן טויד, אונטער די שווערע לאפּעטעס ערד פון דעם קבר. — —

האט ער געטראכט וועגען ליעבע, וועגען הייסע אומארמונגען, וועגען דאס גליק אין דער ליעבע? א, דאס איז געוועזען ווייט פון זיין נשמה. דער זיעבצעהניעהריגער בחור'ל האט געלערנט די זינדען־שטעלען אין דער גמרא מיט דער נאאיווסטער אונשולד, מיט דער רייצענדסטער נאאיוויטעט. ער האט נישט געוואוסט, וואס פאר א קויט עס קאן זיך דא אבזעטצען אין דער נשמה פון א יונגען אינגעל. אין איינער פון די זינדיגסטע, גראבסטע שטעלען האט ער אויסגעפונען א קשיא אויפ'ן תוספות. א קשיא, מיט וועלכער ער האט אוועקגעשטעלט דעם רב פון שטאדט. און דאס איז בעקאנט געווארען אין שטאדט און ארויסגערופען א גראבען געלעכטער און

שלעכטע וויטצען. אבער לייבקע האט איבערגעחזרט און איבער־געחזרט זיין קשיא פאר יעדעם, ווער עס האט נור געוואלט הערען, גאנץ גליקליך מיט זיין שארפזינן, גאנץ גליקליך מיט דער אונענד־ליכער טיעפקייט פון דער גמרא, וואו מען קאן נאך גראבען און גראב־בען. און ער האט נישט בעמערקט דאס צינישע אויפלייכטען אין די אויגען פון זיינע צוהערער און דעם עקעלהאפטען שמייכעל אויף זייערע ליפען. נישט פערשטאנען זייערע צווייד־יטיגקייטען, און מיט היטץ האט ער גערעדט און מיט חשק האט ער איבערגעחזרט ווערטער, פון וועלכע זיין מוטער האט אראבגעלאזען די אויגען צו דער ערד און איז רויט געווארען, און די זיעבצעהניעהריגע הינדע די יתומה, די האלב טאכטער, האלב דיענסטמיידעל ביי זיי אין הויז, איז ארויסגעלאפען פון צימער גאנץ פערפלאמט און שטארק בעליידיגט אין איהרע הייליגסטע געפיהלען.

ער איז געוועזען א שיינער בחור׳ל. איבער מיטעלען וואוקס מיט ברייטע פלייצעס, וועלכע ער האט גע־ירשענט פון זיין טאטען — א געוועזענעם ישובניק, און פון זיין זיידען איז עלטער־זיידען — לאנגע דורות פון ישובניקעס, און וועלכע דער גמרא מיט דער באנק־קוועטשענים האט זיך נישט איינגעגעבען איינצושמעלערען. א ריין מאט דיק געזיכט האט ער געהאט, בעקרוינט מיט געדיכטע קאשטאניען־פארביגע געקרייזעלטע האר און בעלויכטען פון צוויי ברוינע גרויסע טיעפע אויגען, אונטער געדיכטע גרויסע ברעמען. די מיידלעך פון זיין גאס און נאהנטע גאסען האבען אפט גערעדט וועגען איהם. פון ווייטען דערזעהענדיג איהם, פלעגען זיי זיך שטעלען אין פענסטער און אבשטעהן, ביז ער פלעגט אריבער־געהן. אבער ער האט זיי קיינמאל נישט געזעהען און נישט בעמערקט. שמחת־התורה ביי הקפות איז זיין ספר תורה אם מייסטען בעריהרט געווארען פון די מיידעלשע ליפען און אפט פלעגען א פאר ווארמע פייכטע ליפען איינעסען זיך אין זיין וייכע, ווייסע האנד, אבער אין איהם האט ארויסגערופען דער קוס נישט מעהר ווי איין אונאנ־גענעהם געפיהל — א מין פעראכטונג צו דער ניעדעריגער בעשעפע־נים, וועלכע קאן אפילו די תורה נישט א קוס טון ווי בעהעריג, און א

מיז בעליידיגונג פאר דער הייליגער תורה, מיט וועלכער ער האט געטאנצט. —

און די זיבעצעהניעהריגע הינדע, וועלכע זיינע עלטערן האבען אריינגענומען צו זיך אין שטוב און אויפגעצויגען האלב פאר א טאכטער און האלב פאר א דיענסטמיידעל, איז געוועזען ענטציקענד שיין. פון קליינעם וואוקס מיט ציערליכע קליינע רונדע גליעדער, מיט איין אלאבאסטער־ווייסען געזיכט, איין ארומגעראמטען מיט שווארצע סאמעטענע האר, בלויע אויגען, וועלכע האבען געקוקט אזוי פרעהליך און צניעות׳דיג אין די וועלט אריין, בעגלייט מיט א שטענדיגען גוטען שמייכעל אויף די קליינע זיסע ליפען, וועלכע האבען פערבארגען הינטער זיך צוויי רייהען בלענדענד ווייסע ציינדלעך.

און זי האט איהם געליעבט. שטארק, פייערדיג, מיט דער גאנצער קראפט פון איהר צניעות׳דיגער נשמה. פערבארגענערהייט, קיינער זאל נישט בעמערקען, האפנונגסלאזן, ווייל זי איז געוועזען האלב א דיענסט. איהרע נעכט זיינען געוועזען די אונרוהיגסטע און אפט פלעגט זי טרוימען אויף דער וואך, אוועקגעהן גאנץ נאך איהרע געפיהלען, שטעהענדיג אין קיך איבער א געוואשענעם טעפעל. זי האט געטרוימט פון זיך און פון איהם. פון א שידוך צווישען זיי, ווייל די לייט האבען אונטערגערעדט, אז „חאשע און סענדער האבען אויסגעהאדעוועט א שיינע כלה — פשוט א קוקלעטשקע — פאר זייער ליעבקען“. אבער זי האט געוואוסט, אז דאס וועט קיינמאל נישט זיין, ווייל מען וועט איהם אבשיטען מיט געלד און ער וועט טון א גרויסען שידוך. דאך האט זי פאנטאזירט מיט הארצקלאפענים: וואס, ווען ער וועט זיך אין איהר פערליעבען?

אבער ער האט זי בעהאנדעלט ווי א דיענסט, איבערהויפט ווי אזא ניעדעריגע בעשעפענים ווי א מיידעל. —

פרעמד איז ער געוועזען אין דער וועלט. ווי פון איין אנדער וועלט איז ער דא ארומגעגאנגען. א נישט־געבארענע נשמה צווישען מידע און אויסגעמוטשעטע, א גליקליכער צווישען פערצווייפעלטע, אבער דאך א שלאפעדיגער צווישען וואכע.

און פלוצלונג איז אויף איהם געקומען דאס גרויסע ער־וואכען. — — —

די װענד זיינען געװעזען אויסגעקלעבט מיט נייע אבאיעס, דער באלקען געוויסט, די פאדלאגע געוואשען בלאנק־רייז, די פענסטער־שויבען געפוצט. דער טיש איז זאל איז געװעזען געדעקט מיט א שפאגעל־נייעם וויסען טישטוך, אנגעשטעלט מיט שיינע נייע טע־לער, מיט בלאנקע מעסער און גאפעל, מיט זילבערנע בעגולדטע בע־כער און מיט צוויי פלאשען פונקעלדיגען וויין — איינפאכער ראָ־זינקעס־וויין, אבער געפונקעלט האט ער אונטער דעם שיין פון דער גרויסער הייגגענדיגער לאמפ, אין וועלכער עס האט געברענט א גרויסער קיילעכדיגער קנויטעל, און פון די פולע ליכט איז די בלישצענדיגע קאנדעליאברעס. די ריינהייט האט געהערשט אין יע־דעם ווינקעל, און די ליכטיגקייט האט אנגעפילט די גאנצע שטוב. דאס אויג, דאס ניט געוואוינטע צו אזא ריינהייט און אזא ליכטיג־קייט, האט זיך נישט געקאנט זאט אנקוקען, און די הערצער זיינען געװעזען אנגעפילט מיט יום־טוב — — פסח איז עס געװעזען, אין דער ריינער, ליכטיגער ערשטער סדר־נאכט.

און אלע מענשען אין שטוב האבען געלויכטען. אויסגעבאדענע, פערקאמטע, אנגעטאנענע רייז און ניי. פרישע מענשען יום־טוב־מענשען. אויף די פנים׳ער איז געלעגען א גליקזעליגקייט, אויף די לי־פען האט זיך געבעטען א ניגון. נור דער טאטע האט געהאט א ביסעל איין ערנסט געזיכט, ווי עס פאסט פאר א הערשער, וועלכער וועט מוזען „פראוועז״. ער איז געװעזען א ביסעל קארג אויף ווערטער, שטארק פערטיעפט אין די הכנות צום סדר.

און לייבקע איז ארומגעגאנגען גאנץ אונטער דעם איינדרוק, וואס א נייער איינפאל האט אויף איהם היינט געמאכט ביים „סיום״. אין איינער פון יענע שטימונגען איז ער געװעזען, וועלכע האבען איהם אוועקגעטראגען וויט און געלאזען איהם זעהען זעהונגען, אבער נאך אין א געהעכערטער שטימונג, אין א יום־טוב־שטימונג. ער איז געװעזען צופריעדען מיט זיך, גליקליך מיט זיין שארפזינן, גליק־

ליך מיט דער טיעפקייט פון דער גמרא. ער, וועלכער האט געהאט אין זיך וועניג נגינה, האט יעטצט געזונגען. די ליכטיגקייט און ריינהייט אין שטוב האבען איהם אנגעפילט מיט ליכטיגקייט און גליקזעליגקייט. ער האט געפיהלט א טעם גן עדן, איבערגעלעבט א שטיק גאולה, זיין נשמה האט אין איהם געשריען פאר פרייד. עס האט זיך איהם געדאכט, אז די פסח־נאכט האט זיך ארונטערגעלאזען אויף דער ערד נור פון זיינעטוועגען, ווייל ער האט זי געדארפט, ווייל זיין נשמה האט געלעכצט נאך ליכט און שיינהייט. — —

הינדע איז אריין איז זאל צו מאכען די הסיבה־בעטען. זי איז געוועזען צו בעוואונדערן אין דער ווייסער בלוזע און דעם ראזעווען טיכעל ארום האלז און דעם גרויסען ווייסען פארטוך, וועלכער איז געהאנגען אויף גרויסע ברייטע בענדער איבער די שולטערן און גע־וועזען ארומגעבונדען ארום רוקען מיט א גרויסער ברייטער שלייף. און ראז זיינען יעטצט געוועזען איהרע רונדע, ווייסע בעקלעך, און פור־פור'ן די קליינע, זיסע ליפען. זי האט זיך אנגעטאן און אויסגעפוטצט פון זיינעטוועגען. זי איז לאנג געשטאנען פאר'ן שפיעגעל, צוקליי־בענדיג צום געזיכט א האלזטיכעל און איבערפרובענדיג אלערליי פאסאנען פון אויסבינדען. זי האט געוואלט זיין זיין מלכה, און ווען ער וועט דערפון אפילו נישט וויסען. יעדעס מאל ווען זי פלעגט אריינקומען אין זאל, פלעגט זי א ווארף טון אויף איהם איין ענטציק־טען בליק. און ווי האט זי געוואלט, ער זאל זי ד ע ר ז ע ה ע ן, ער זאל דערזעהן, ווי שיין זי איז!

און הירשע דער אלטער, א ווייטער קרוב, וועלכער האט דא גע־געסען שבת און יום־טוב, האט איהר געהאלפען אויסלעגען די קי־סען אין די שנעע־ווייסע, מיט רויטע בוכשטאבען אויסגענעהטע ציכלעך אויף צוזאמענגעשטעלטע שטולען און אויף דער סאפא. ער האט איהר געהאלפען און נישט אראבגענומען פון איהר די אויגען. און אז זי האט געענדיגט, האט ער אויף איהר אזוי א קוק געטאן, אז זי איז ארויסגעלאפען נאך מעהר פערפלאמט, וויסענדיג, אז זי איז יעטצט זעהר שיין, און איהר הארץ האט שטארק געשלאגען.

און הירשע דער אלטער האט טאקי געזאגט:

„א זעלטענע שיינהייט די הינדעלן!"

„זי שיינט ווי די זונן," האט זיך די מאמע אבגערופען.

„איהר האט עס ערשט בעמערקט?" האט איהם דער טאטע גע־פרעגט.

„ניין, ווי זי איז איטצטער האב איך זי נאך קיינמאל נישט גע־זעהען. א מאדנע, זעלטענע שיינהייט."

הינדע איז אריינגעקומען מיט די קיטלען, און לייבקע האט יעטצט אויפגעהויבען אויף איהר זיינע אויגען און דערזעהען, אז זי איז שיין. די ליכטיגקייט און יום־טוב׳דיגקייט פון גאנצען צימער האט אבגעשלאגען אין איהר געזיכט, די גאנצע ווייסקייט און רייני־קייט האט זיך צוזאממענגענומען אויף איהר ווייסען פנים, אויף איהר ווייסען פארטוך, אין די קנייטשען פון איהר ווייסער בלוזע. ער האט אויף איהר געקוקט מיט ווייט פערנאנדערגעעפענטע אויגען, גלייך ער וואלט זי געזעהען צום ערשטען מאל. זיינע אלע געדאנ־קען זיינען פערפלויגען, אבער ער איז נישט ארמער געווארען. ער איז געוועזען פול מיט די שטראלען פון איהר גאנצען וועזען, און זיין נשמה האט געטרונקען אין גרויסע זופען פון איהר שיינהייט. זי האט אויפגעהויבען אויף איהם איהרע בלויע אויגען, און ער איז בע־גאסען געווארען פון דארטען מיט ליכט. ער האט זיך אנגעכאפט מיט דער רעכטער האנד פאר דער לאץ פון זיין ראק, און זיינע ליפען האבען זיך בעוועגט. ער האט אראבגעלאזען זיין בליק, ווי פער־שעמט, און דערפיהלט זיך ווי מיד פון דעם נייעם ליכט, אין וועלכעם ער האט אריינגעקוקט, פון דער נייער שיינהייט, פון וועלכער ער האט געטרונקען. און הינדע האט געוואוסט, אז ער האט זי ענדליך ד ע ר ז ע ה ע ן, אז ער האט דערזעהן איהר שיינהייט. און א ציי־טער איז איהר דורכגעלאפען איבער׳ן גאנצען קערפער. זי האט אוועקגעלעגט די קיטלען, און איהר האנד האט זיך געטרייסעלט. זי איז מעהר ארויסגעלאפען ווי ארויסגעגאנגען פון זאל. און ער האט זי בעגלייט מיט א קורצען בליק.

„ביזט דו עפּיס א מבין אויף איהר?" האט איהם געפרעגט דער אלטער.

ליבקע האט נישט געענטפערט. ער האט נור געפיהלט, אז איז צימער איז געוועזען ליכטיגער און שעהנער, ווען זי איז דא געוועזען, אז זיין נשמה, וועלכע האט געלעכצט נאך ליכט און שיינהייט, האט ערשט דערפיהלט איהר דורשט, ווען ער האט זי דערזעהן. ער האט געוואַרט, זי זאל ווידער אריינקומען.

אבער דער אלטער הירשע האט זיך געוויצעלט:

„ביי איהם פרעג איך מבינות אויף א שיין מיידעל! א מיידעל איז עפעס א מהרשא?"

און די מאמע האט געענטפערט:

„נישט־קשה, זאל נור קומען זיין בעשערטע, וועט ער שוין זיין א מבין."

אבער ליבקע האט געווארפען בליקען אויף די טיר און געוואַרט, אז הינדע זאל אריינקומען. איז צימער איז עפיס געוועזען נישט גענוג ליכטיג, און זיין נשמה האט געביינקט. —

אלץ איז שוין געוועזען אין ארדנונג. דער טאטע און דער אלטער הירשע האבען אנגעטאן די קיטלען, מען האט זיך געזעטצט צום סדר. און הינדע איז אריינגעקומען, אבטועענדיג איהר לעטצטע ארבייט, פערשפארענדיג די גאסטיר. ער האט אויף איהר א ווארף געטאן זיין פערשעמטען בליק, און עס איז ווידער ליכטיגער געוואָרען אין צימער. עס האט געשטרעמט פון איהר איין אונענדליכע פרעהליכקייט, איין אויפלעבען, איין ענטציקטער אויסגעשריי פון א זיעגעריין. אין זיין נשמה אבער איז פערבליעבען עפיס פון דער ביינקענים. עס האט איהם געצויגען אין הארצען פון א שטיללער טרויער.

מען האט זיך צוזעטצט. דער טאטע אויבען־אן אויף זיין טראן פון צוזאמענגעשטעלטע שטולען, די מאמע ביי זיין לינקער זייט, ליבקע ביי זיין רעכטער זייט אויף דער סאפא. נעבען איהם ביים אנדער עק סאפא איז געזעסען דער אלטער הירשע, און ענטקעגען נעבען דער מאמע'ן איז געזעסען הינדע. מען האט געמאכט קידוש און אנגעהויבען די הגדה. ליבקע האט ארויסגעזאגט די ערשטע ווערטער, ווי עס וואלט איהם געוועזען פערלעגט אין האלז. אויגען

האבען זיך אויף איהם אויפגעהויבען. ער האט א ציטער געטאן און איז רויט געווארען. ער האט זיך פערשעמט.

זיין סאלא, די פיער קשיות, איז איהם אנגעקומען שווער. שטענדיג פלעגט ער זיי זאגען מיט א מין פרעהליכקייט; הויך אויפ'ן קול. דאס מאל האט ער זיי אבגעכאפט, מיט א מידען טרר־קענעם בליק, און ער האט געפיהלט אויף זיך פרעגענדיגע בליקען. ער האט נישט אויפגעהויבען די אויגען פון דער הגדה, און קיינמאל נאך האט ער זי אזוי שלעכט נישט געזאגט. ער, וועלכער האט שטענדיג גע־זאגט די הגדה מיט א מין לעבעדיגקייט און פלעגט אויפטון אין איהר חידושים און שטענדיג געפינען אין איהר צו זאגען עפיס א דרוש, און דער טאטע און די מאמע און הינדע און הירשע דער אלטער פלעגען הערען און אנקוועלען און פרייען זיך, כאטש זיי האבען גאר נישט אדער ווייניג פערשטאנען — ער האט היינט „געבראקט". זיין קאפף איז נישט געווען ביים זאגען. זיין קאפף איז יעטצט איבער־הויפט געווען פוסט. ער האט וועגען גאר נישט געקאנט טראכ־טען, און נישט געקאנט אריינטון זיך. ער האט נור געפיהלט, אז ענטגעגען זיטצט הינדע, און אז זי קוקט אויף איהם נישט און ער קוקט אויף איהר נישט. און עס איז איהם געווען, גלייך ער וואלט געזעסען מיט צוגעמאכטע אויגען און געוואוסט מיט יעדעם גליעד און מיט יעדעם נערוו, אז עס איז וואונדער־ליכטיג אין שטוב, און נישט געוואלט אויפעפענען די אויגען.

און די אנדערע האבען זיך געוואונדערט. דער טאטע און די מאמע האבען איהם עטליכע מאל אונרוהיג אנגעקוקט. ער האט גע־פיהלט זייערע בליקען, און זיי האבען איהם אריינגעבראכט נאך אין א גרעסערע פערלעגענהייט.

און הירשע דער אלטער האט זיך געווענדעט צו איהם:

„און וואס, דו ועסט היינט גאר קיין דרוש נישט זאגען?"

און דער טאטע האט צוגעגעבען כלומרשט מיט א וויטץ:

„טאקי, מיר האבען שוין אויסגעצעהלט די מצרים אלע מכות און דו שווייגסט נאך."

די מאמע האט פאר איהם געענטפערט, אונרוהיג איינקוקענדיג זיך אין איהם:

„מסתמא האט ער עפעס אנגעגרייט אויף שפעטער."

אבער הינדען האט א קלאפ געטאן אין הארצען, און זי האט פערגראבען איהר געזיכט אין דער הגדה. זי האט זיך ווי פער־שעמט, אבער אין איהר האט עס געשריען פאר פרייד.

און לייבקע האט זיך פערלארען און איז רויט געווארען. ער האט געענטפערט:

„איך האב היינט גאר נישט געפונען וואס צו זאגען."

אבער ער איז גלייך ברגז געווארען אויף זיך. ער האט געזאגט א ליגען: ער האט גאר נישט געזוכט און נישט געטראכט און אפילו פערגעסען צו טראכטען וועגען א דרוש. און דאן איז ער אויך בייז געווארען אויף הינדען. א מין געפיהל איז איהם דורכגעלאפען, אז ער וואלט אויסגעשריען: ווילט איהר פון מיר עפעס הערען, טא זאל הינדע ארוים פון צימער! אבער ער האט זיך איינגעהאלטען א קוק צו טון אויף איהר אפילו אין זיין בייזקייט. און ער איז גע־ווען פול פון איהר שיינהייט, פול פון איהר ליכטיגקייט, ווי זי איז דא אזוי געזעסען, מיטביידע הענד אנגעשפארט אן טיש, און לאנג־זאם דורכגעשלאגען זיך דורך דער הגדה, מיט א גליקליכען אויסדרוק אויף איהר גאנצען געזיכט.

ערשט שפעטער, ווען זי איז אויפגעשטאנען דערלאנגען דאס עסען, האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף איהר לעדיגען שטול און געהאלטען זיי דארטען, ביז זי איז אריינגעקומען.

ער איז געזעסען די גאנצע צייט פון עסען ווי א פערחלומטער. דער וויין פון די כוסות האט איהם נישט אויפגעמונטערט, דאס עסען האט איהם נישט דערווארעמט, און עס האט איהם געררייטצט, וואס די אנדערע קוקען אויף איהם מיט זייערע פרעגענדיגע אונרוהיגע בליקען, און ער פלעגט ווערן בייז און איז נישט ארוים פון דער פערלע־גענהייט. די עלטערן און דער אלטער הירשע האבען גערעדט, אונ־טערהאלטען זיך. אבער ער האט געשוויגען און נישט צוגעהערט זיך. און אונרוהיגער זיינען געווארען דער מאמע'ס בליקען.

„וואס איז עס געוואָרען מיט דיר מיט א מאָל?" האט די גוטע געפרעגט. „דו ביזט דאָך געוועזען גאר עפּיס אזוי..... און יעצט ביזט דו עפּיס אזוי....."

אבער לייבקע האט אנגערוקט די שטערן און בייז געענטפערט:

„וואס געפינסט דו וואס אזוי?"

און הינדע, אוועקטראגענדיג די טעלער אין קיך, האט דאָרטין אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך און נאָכדעם מיט פייער צוזאמענגעקרויצט זיי אויף דער ברוסט און געדריקט זיך שטארק דאס קלאפּענדיגע הארץ און מיט געוואלט איינגעהאלטען א פרייי־דענס־אויסגעשריי. עס האט זיך איהר געוואלט אראבלאזען זיך אויף די קניע און אויסשרייען: דו ליעבער, ליעבער, ליעבער! אבער זי האט אריינגעלעגט דעם צימעס אין די טעלער און שטיל געשעפּצעט, פול ענטציקען: „דו ליעבינקער, לייבקעלע, לייבעטשקע, לייבינקע!" —

מען האט אבגעגעסען און אבגעבענשט און ווידער גענומען זיך צו דער הגדה. מען האט אנגעגאסען די פיערטע כוסות און אליהו הנביא'ס כוס און הינדע איז ארויס אויפצועפענען די טיר פאר אליהו הנביא'ן, וועלכער געהט יעטצט איבער די אידישע הייזער, אום אנצונעמען דעם אידישען פראטעסט געגען די פעלקער, וועלכע ווייסען נישט פון זייער גאט. און דאן איז זי געקומען צוריק און געבליבען שטעהן אין טיר צווישען זאל און עס־צימער, אבווארטען ביז מען וועט אבזאגען „שפוך חמתך". זי איז געשטאנען מיט איין האנד אויף דער טיר און דער אנדער האנד אין קעשענע פון ווייסען פארטוך. דאס מויל פערנאנדערגעעפענט אונטער א גליקליכען שמייכעל, הינטער וועלכען עס האבען ארויסגעלאכט איהרע ווייסע ציינדלעך, און די אויגען האבען געקוקט פאר זיך טיעפער, ערנסטער, צניעות'דיגער, ווייל אליהו הנביא איז יעטצט אין שטוב און ער זעהט איהר גרוים גליק.

לייבקע האט אויפגעהויבען אויף איהר זיין בליק. ער האט גע־וואלט זעהען, וואס איז זי שטעהן געבליעבען. און זיי האבען זיך אנגעטראָפען מיט זייערע בליקען. א הייליגער ציטער האט זיך

צוגאסען איבער לייבקע׳ס קערפער. ער האט געהאט דאס געפיהל, ווי הינטער איהר אין דער האלב דונקעלהייט פון דעם עסצימער, וואס איז געוועזען בעלויכטען פון א שטעהענדיגער לאמפ, איז אליהו הנביא געשטאנען, בעדעקט זי מיט זיין שאטען, ארויסגעקוקט פון איהרע אויגען. און אז זי איז אריינגעקומען שפעטער, צומאכענדיג צוריק די גאסטיר, איז אליהו הנביא נאך אלץ געוועזען מיט איהר און ארויסגעלויכטען פון איהרע טיפע אויגען. אין דעם מאמענט האט ער דערפיהלט, אז ער וועט איהר מעהר קיינמאל נישט זאגען קיין גראב ווארט. און עס איז איהם געווארען דערפון אזוי וויך און אזויווארם ביים הארצען. און ער האט זיך פלוצלינג ווידער דער־פיהלט אזוי אויפגעלעבט, און עס איז איהם געווארען אזוי ליכטיג, ליכטיג, און דער קאפ האט ווידער בעקומען געדאנקען.

און דאן האט ער געזאגט א דרוש. אויפ׳ן פיערטען קאפיטעל פון הלל, אויף „ד׳ זכרנו“. „גאט געדיינקט אונז און בענשט אונז; ער בענשט בית ישראל.... ער בענשט די גרויסע און די קליינע. גאטט זאל אייך געבען וואס מעהר, אייך און אייערע קינדער. געבענשט זייט איהר ביי גאט, דעם בעשאפער פון הימעל און ערד. דער הימעל איז פאר גאט, די ערד פאר מענשענסקינדער. נישט די טוידטע לויבען גאטט, און נישט די, וואס געהען אראב אין קבר“. ער האט גערעדט מיט היטץ, מיט א ליעבענדער ווארמקייט. זיין נשמה איז יעטצט געוועזען גוט צו דער גאנצער וועלט, און ער האט געבענשט אלע מענשען. ער, וועלכער האט נאך נישט געלעבט, האט געלערנט ווי צו לעבען. די נאך נישט־געבארענע נשמה האט ענט־דעקט סודות פון לעבען. דער הימעל איז פאר גאט, די ערד אבער פאר די מענשענסקינדער. נישט טויט דארף מען זיין אויף דער ערד, טויטע לויבען נישט גאט. נור לעבען מוז מען, די ערד איז געגעבען געווארען פאר דאס לעבען. און לעבען הייסט ליעבען. ליעבען גאט, ליעבען די מענשען, ליעבען די גאנצע וועלט. און דאן געדיינקט אונז גאטט און דאן בענשט ער אונז.

ער האט גערעדט לאנג, ער האט גערעדט ווארם. זיין נשמה איז געוועזען אנגעפילט מיט׳ן ליכט פון גן עדן ער האט איבערגע־

לעבט די מתיקות פון דער הייליגער ליעבע. זיין געזיכט האט גע־שיינט, זיינע אויגען האבען הימליש געלויכטען. זיינע צוהערער האבען געזעהען די שכינה אויף איהם. זיי האבען איהם צום ערש־טען מאל פערשטאנען, און גליק און פרייד און הייליגקייט האבען אנ־געפילט די שטוב.

אז ער האט געענדיגט, איז די מאמע ארויפגעפאלען איהם אויפ'ן האלז מיט איהרע מוטערליכע קושען, און דער טאטע האט מיט ענטציקונג איין די אויגען צוגעשאקעלט מיט'ן קאפף צום אלטען: וואס זאגט איהר, הייסט עס, אלטינקער, וואס מיין זוהן קאן? און דער אלטער האט געפונען נור איין אויסגעשריי פאר התפעלות:

„א גדול בישראל!"

און הינדע איז ענטלאפען אין קיך און דארטען האט זי גע־וויינט טרערען פון ליעבע, טרערען פון טיעפער בייגקענים. — —

די ווייבער זיינען נאך געוועזען בעשעפטיגט אין קיך מיט'ן אבוואשען, און די מאנסביל האבען ווייטער געזאגט. אבער דער אל־טער הירשע האט שוין געכאפט א דרעמיל און דער טאטע איז אויך געוועזען מיד און געהייסען מאכען דאס בעט. נור איין לייבקע איז געוועזען מונטער און אויפגעלעבט. ער האט געזאגט פרעהליך מיט א ווארמען ניגון, און געפיהלט זיך אזוי גליקזעליג. די ליכט אין די קאנדעליאברעס זיינען שוין אויסגעגאנגען און אנגעפילט דאס צי־מער מיט געשטאנק. אבער לייבקע האט עס נישט בעמערקט. איהם איז געוועזען אזוי גוט, אזוי מחיה'דיג. זיין נשמה האט ארומגענומ־מען די גאנצע וועלט, וואו הינדע'ס קיך איז געוועזען דער מיטעל־פונקט. און ער האט געזאגט, אונטערזינגענדיג, ווארמער, פרעהלי־כער, גליקליכער. —

הינדע איז אריינגעקומען אויסבעטען דעם אלטען הירשען אויף צוזאמענגעשטעלטע שטולען און לייבקען אויף זיין געוועהנליכען ארט אויף דער סאפא. די עלטערן זיינען שוין געלעגען אין די בעד־טען; דער אלטער איז געזעסען אויף דער סאפא, פערוווארפען דעם קאפף, מיט איין אפענעם מויל, און געבראפעט. און לייבקע און

הינדע האבען זיך געפיהלט אליין אין צימער און איבערגעלעבט א ציטערן אין זייער אליין־זיין. הינדע האט צוזאמענגעשטעלט די שטולען און נישט אויפגעהויבען אויף איהם די אויגען. און ער האט זיך געפיהלט שעמעוודיג און פערלעגען. עס האט איהם געצויגען עפּים צו זאגען איהר, מאכען מיט איהר א געשפּרעך, און ער האט נישט געוואוסט, וואס צו רעדען. און ער האט זיך געשעמט מודה צו זיין זיך פאר זיך אליין, אז ער וויל, זי זאל צוקעהרען צו איהם איהר געזיכט און אויפעפענען אויף איהם איהרע טיעפע הימעל־אויגען און ער זאל געניעסען פון איהר שיינהייט.

„הינדע?“ האט ער ענדליך געזאגט פערלעגען און רויט ווערענ־דיג, און אראבגעלאזען די אויגען.

זי האט א ציטער געטאן און איז באלד אויך רויט געווארען.

„וואס?“

אבער זי האט דעם קאפּ נישט אויפגעהויבען און נישט א קוק געטאן אויף איהם. זיין פערלעגענהייט איז גרעסער געווארען. ער האט זיך געצויגען פאר'ן לאץ און געשאקעלט דעם אויבערסטען פון די צונויפגעלעגטע פּיס.

„איז נאך פראנן הייסע וואסער?“

„ניין, איך האב אין גאנצען אויסגעגאסען אויף די געפעס.“

און עס פערדריעסט איהר, פאר וואס זי האט אויסגעגאסען דאס גאנצע הייסע וואסער, אבער דעם קאפּ האט זי אלץ נישט אויפ־געהויבען.

„איך וואלט אזוי געטרונקען א גלעזעל טיי.“

„אז איך וואלט געוואוסט.“

זי האט אויפגעהויבען אויף איהם איהרע אויגען מיט דעם ערנסטען אויסדרוק פון שטארקען פערדראס; און ער האט א ווארף געטאן אויף איהר א בליק, און עס האט איהם אזוי געקיטצעלט.

„ווייסט דו וואס?“ האט זי געזאגט, „מען קאן נאך דערקאזען אויפשטעלען דעם סאמאוואר.“

„ניין, גאר עפּים.“

דאס וועט נישט קיין סך נעמען.“

אבער ער ענטפערט געריצט, ער וויל אפילו דערפון נישט הערען. און הינדע'ן גיט א שטאך פון דעם טאן. אבער באלד זאגט ער שוין ווייבער, ווי איבערבעטענדיג זי, אז ער וועט ענדיגען און וועט זיך לעגען שלאפען, און הינדע פיהלט דעם געביטענעם טאן און עס קיטצעלט איהר צום שמייכלען.

זי האט פערנאנדערגעוועקט דעם אלטען און אנגעזאגט איהם, אז זי האט איהם שוין „געמאכט די שטולען". לייבקע און דער אלטער זיינען אראב פון סאפא, און זי האט גענומען מאכען דאס געלעגער פאר לייבקע'ן. זי האט עס היינט געטאן מיט א בעזונדער חשק, אבער ער האט זיך עפּיס ווי געשעמט.

דער אלטער איז אויף א ווייל ארויס. דאס ציטערן איז זיי איז גרעסער געווארען. זי האט ווידער נישט אויפגעהויבען דעם קאפּ פון איהר ארבייט, און ער האט אראבגעלאזען דעם קאפּ אין די הגדה, און געזאגט ווייטער, און מורא געהאט צו זוכען וואס צו רעדען מיט איהר. און דאך האבען זיי זיךביידע אזוי גוט גע־פיהלט, אזוי נאהנט איינס צום אנדערן און אזוי גליקזעליג. הינדע האט געענדיגט איהר ארבייט, אבער זי האט נישט געאיילט אוועק־צוגעהן. זי האט נאך א מאל א ציה געטאן דאס ליילעך, נאך א מאל איבערגעגלעט דאס קיסען. און ער האט עס געפיהלט, אוןביידען איז געווארען אזוי שווער, אזוי שווער.

דער אלטער איז אריין, און זיי האבען דערפיהלט א מין בע־פרייאונג. הינדע האט געזאגט א גוטע נאכט. און דאן אין טיר האט זי זיך אומגעקעהרט מיט'ן געזיכט צו לייבקען און נאך א מאל געזאגט: „א גוטע נאכט, לייבקע!" און ער האט שעמעוודיג אויפ־געהויבען די אויגען און געזאגט, רויט ווערענדיג: „א גוטע נאכט!" און זי איז אוועק שלאפען אויף איהר קאנאפּע אין עס־צימער, מיט פערפלאמטע באקען, איין אראבגעלאזענעם קאפּ און א קלאפּענדיגען הארץ, פול ליעבע, פול ציטערנים און בייגקענים — —

אויף לייבקען איז אנגעפאללען א מידיגקייט. ער האט מעהר נישט געקאנט זאגען, די ווערטער האבען זיך געמישט פאר זיינע אויגען, און ער האט מעהר נישט געוואוסט וואס ער זאגט. זיין

נשמה האט געלעכצט נאך רוה. ער האט צוגעמאכט די הגדה, אבער ער איז נאך נישט געגאנגען שלאפען. ער האט זיך אנגעשפארט אן ווענטעל פון סאפא. ער האט געוואלט טראכטען, פאנטאזירען. ער האט געוואלט נאכגעהן נאך דער ציעהענים ביי איהם אין הארצען, ערקלערען זיך די ציעהענים. אבער דער קאפף האט נישט געאר־בייט. ער האט זיך דערמאנט אויף זיין היינטיגען גלענצענדען איינ־פאל ביים סיום, דערמאנט זיך נאך אויף איין איינפאל אין די לעטצ־טע טעג, דערמאנט זיך אויף זיין פריהערדיגען דרוש, און דאן איז הינדע פאר איהם געשטאנען אין איהר שיינהייט און אין איהר ליב־טיגקייט.

עס איז איהם געווארען ווי קאלט, און ער האט בעמערקט, אז איהם איז מארנע טרוקען אין מויל און די ליפען זיינען אזוי פער־שמאכט. ער איז אויפגעשטאנען נאך א גלאז וואסער. אבער ער האט דערפיהלט, אז ער וועט יעטצט דארפען דורכגעהן דאס עסצימ־מער, און הינדע שלאפט דארטין. און ווען ער פלעגט עס שטענדיג טון און אפילו נישט א טראכט טון ווענען דער ליגענדער אויף דער קאנאפע און נישט א קוק טון אין איהר זייט, האט איהם יעטצט אבער דאס הארץ געקלאפט, און עס איז איהם געווען, ווי ער וואלט דארפען אריין אין קדשי קדשים, און ער האט געמוזט מיט זיך אב־מאכען, ער זאל נישט א קוק טון אין איהר זייט.

אבער הינדע איז נאך נישט געשלאפען. די לאמפ אין צימער האט נאך געברענט און אויסלעשען זי האט זי נישט געטארט. אבער נישט אזוי דאס אויסענליכט, ווי די אינוועניגסטע גליקזעליגקייט און אויפגערעגטקייט האבען זי נישט געלאזען איינשלאפען. צוערשט איז זי געלעגען אויף איהר געלעגער און געדריקט צו זיך די קיסען, גאנץ ווילד און פייערדיג. און דאן איז אויף איהר פלוצלינג אנ־געפאלען אראבצושפרינגען פון געלעגער, שטעלען זיך געגען שפיע־געל און בעוואונדערן איהר אייגענע שיינהייט. זי האט פערנאנ־דערגעלאזען איהרע לאנגע, געדיכטע שווארצע האר און פערנאנדער־געווארפען זיי איבער די ווייט פערנאנדערגעשפרייטע נאקטע ארמס. דאס טיעף אויסגעשניטענע העמד מיט די גאנץ קורצע ארבעל איז

געהאנגגען אראבגעלאזען איבער איהרע רונדע נאקטע ארמס, וויים אבדעקענדיג דעם פולען שניי־ווייסען בוזים און די רונדע שול־טערן, וועלכע האבען נור קוים ארויסגעגלעצט פון אונטער די גע־דיכטע האר. און זי איז געשטאנען מיט לייכטענדיגע אויגען, גאנץ ענטציקט, גאנץ פערטרונקען אין דער בעוואונדערונג פון איהר זיע־גענדיגער שיינהייט, פון איהר אייגענעם אונשולדיגען, נישט־בע־ריהרטען יונגען קערפער.

די טיר האט זיך אויפגעעפענט און לייבקע האט זיך בעוויזען. זי האט אויסגעשריען פאר שרעק און א לאז געטאן זיך צו איהר גע־לעגער, איינוויקלענדיג זיך אין דאס געדיכטע האר, גאנץ פערשעמט, גאנץ אונגליקליך. און לייבקע'ן איז געוועזען, ווי ער וואלט גע־זעהען א שיינע זעהונג, א וואונדערבארע טרוים־פיגור. ער האט אויף גיך צוגעמאכט די טיר און איז צוריק פערשוואונדען צו זיך אין זאל. אבער הינדע איז געשטאנען פאר איהם אין איהר נאקטער שיינהייט. ער האט זי דורכגעלעבט אין אלע זיינע גליעדער, און זיין בלוט האט זיך שטארקער געיאגט. ער האט נישט געטראכט מעהר וועגען טרינקען און מורא געהאט דורכגעהן דאס צימער.

„וואס האסט דו געוואלט, לייבקע?" האט זיך געלאזט הערען אין א ווײלע ארום הינדע'ס אויפגערעגטער, ציטערנדיגער קול.

אבער ער האט נישט געענטפערט. לאנגזאם האט ער זיך אנגע־הויבען אויסצוטון, לייענדיג די קורצע קריאת שמע. ער האט עס געטאן גאנץ מאשינעל. ער האט נור געפיהלט, אז עס איז איהם קאלט, און די גרעסטע מידיגקייט איז אויף איהם אנגעפאלען, ווי ער האט זי נאך קיינמאל נישט געשפירט.

ער האט זיך שנעל פעררוקט אונטער דער דיקער דעקע און גע־ציטערט אין יעדעם אבר. עס האט איהם געקלאפט א צאן אן א צאן. ער האט נישט געוואוסט און נישט געוואלט וויסען, וואס מיט איהם איז. ער האט נור געזעהען פאר זיך הינדען. הינדען די ליב־טיגע, הינדען די אנגעטאנענע אין ווייסען, הינדען די נאקטע, די איינגעטונקטע אין דעם ים פון פון איהרע שווארצע האר. ליעגענ־דיג מיט וויים פערנאנדערגעעפענטע אויגען, קוקענדיג פאר זיך אין

דאס גרויסע צימער אריין און טרייסלענדיג זיך פאר אינוועניגס־טער קעלט, האט ער זי געזעהען. און ווען ער האט צוגעמאכט די אויגען, איז דאס צימער אנגעפילט געווארען מיט ליכטיגקייט, און די דאזיגע ליכטיגקייט האט ארויסגעשטראמט פון דער נאקטער הינדע'ן, וועלכער איז געשטאנען דארט איז טיר מיט פערנאנדער־געלאזענע האר אויף די ווייט פערנאנדערגעשפרייטע ארמס. ער האט אויפגעמאכט די אויגען — די זעהונג איז פערשוואונדען, אבער ער האט געפיהלט הינדע'ן נעבען זיך, ער האט געפיהלט איהר בע־ריהרונג, איהר אטעם.

ער האט זיך אנגעהויבען קעהרען פון איין זייט אויף די אנ־דערע. ער האט אויפגעמאכט די אויגען און געקוקט אויף דאס וועגטעל פון דער סאפא און געטרייסעלט זיך. ער האט געוואלט אנהעבען וועגען עפּים אנדערס צו טראכטען, ער האט ארויסגערופען פאר זיך דעם איינפאל ביים סיום, געזוכט צו דערמאנען זיך שווערע שטעלען אין דער גמרא, וואו מען האט נאך געדארפט עפּים ענט־דעקען. אבער עס האט איהם נאך אלץ געווארפען.

הינדע איז געשטאנען איבער איהם, געוועזען אין איהם, פול ליכט, פול שיינהייט, פול ריינהייט און הייליגקייט.

און ער האט נישט אויפגעהערט צו קעהרען זיך פון איין זייט אויף די אנדערע. און אפט מאל האט ער אזוי שווער אבגעקרעכצט, גאנץ פעררוקט און איינגעקארציעט אונטער דער שווערער דעקע.

אבער ענדליך איז ער פערזונקען איז א ים פון ליכטיגקייט. די ליכטיגקייט האט זיך צושפרייט איבער דאס גאנצע הויז און וויית ווייט אריבער דאס הויז—און זי האט דאך ארויסגעשטראמט פון הינ־דען, וועלכע האט געשיינט ווי די זון. דאן איז ער איינגעשלאפען.

אבער זיין שלאף איז געוועזען שווער, און דער קומענדיגער טאג איז געוועזען פאר איהם נאך שווערער. און עס האבען זיך אנגעה־הויבען פאר איהם שווערע טעג און שווערע נעכט, נעכט און טעג פון הארטען קאמפף, וועלכער האט גאנץ איבערגעאקערט זיין נשמה. — —

.1901

דער ערדגייסט.

דאס איז געווען א מאל, מיט יאהרען צוריק.

און יענמאלט האט אויף די לבנה געשיינט — און אפשר נאך ריינער ווי יעטצט, ווייל יענמאלט האבען די מענשען געקוקט אויף איהר מיט ריינערע אויגען. זי איז געשוואומען שטיל איבער דעם ריינעם הימעל, און אלע די שטערנדלעך האבען איהר נאכגעקוקט און צוגעשמייכעלט איהר און געלאסצעט זי מיט זייערע זאנפטע שטראלען.

און אונטען אויף דער ערד איז געווען א ווארמע פריהלינגס־נאכט, אנגעזאפט מיט גוטע ריחות. א נאכט פון לעבען און ליעבע און לוסט. עס האט זיך געשמעקט אזוי פריי, און א ביינקענים איז געלעגען אין דער לופט. א ביינקענים נאך לעבען און ליעבע און לוסט. דאס איז דער ערד־גייסט געשטאנען אויף'ן בערגעל הינטער'ן שטעדטעל, און געהויבען די הענד איבער'ן קאפף און געשטרעקט זיי ווייט פון זיך, און זיין הארץ האט שטארק געשלאגען, און ער האט געדריקט זיך די ברוסט, און געזוכט נאך אטעם, און געדרעהט און געקרימט זיך און געבעטעלט נאך ליעבע און לוסט און לעבען.

אבער די אידען פון שטעדטעל האבען גאר נישט בעמערקט. פאר זיי האט נישט עקסעסטירט די גאנצע אויסענוועלט. די מענער זיינען געזעסען איבער זייער תיקון: ווער עס איז אוועק אין דעם לופטלאזען בית המדרש און ווער עס זיטצט אין דער שטיקענדיגער לופט פון דער שטוב. און די ווייבער זיינען בעשעפטיגט מיט אלערליי געבעק: דער מאן, נישט אויסגעשלאפען און מיד פון א גאנצער נאכט זאגען, זאל זיך גלייך אין דער פריה דערקוויקען מיט א גלעזעל קאפע און ווארמען פלעצעל. די מענער ווי די פרויען איז

חיים. אבער זיי טועז זייערם מיט התמדה און ראנגלען זיך מיט׳ן שלאף. און זיי ווייסען, אז דעם שלאף שיקט אויף זיי אז דער יצר הרע, דער ערדגייסט, און זיי זיינען זיכער, אז זיי וועלען איהם גובר זיין.

פון די אפענע פענסטער הערען זיך די זינגענדיגע קולות פון די תיקון־זאגער: דאם מונטער און קונדס׳דיג און דאם מיד און שלע־פעדיג; צייטענווייס הערט זיך א הויכער גענייץ אדער א קול פון א בעשעפטיגטער פרוי. און אין דער לופט טראגט זיך ארום דאם ווארמע זומען פון דער ערד׳ס הייסען אטמען.

א טיר האט זיך אויפגעעפענט און א יונג בחור׳ל פון א יאהר אכטצעהן איז ארוים. דאם פנים איז ריין און נאך נישט בעוואקסען מיט האר, אבער דיננע, געקרייזעלטע פאות׳לעך דערגרייכען וויים ביי די אויערן. א לאנג סורטוקעל אויף איהם, א סאמעט היטעל, די הויזען אין די שטיפעל, א „תיקון ליל שבועות" אונטער׳ן ארם. ער שפרייזט שנעל און איז רויט. ער האט נאר וואם געזאגט א ליגען. ער האט געזאגט, אז ער געהט אין בית־המדרש, און זיין וועג פיהרט גאר אין איין אנדער זייט, וויים פון בית־המדרש. ער פיהלט זיך נישט גוט. עם דריקט איהם דער ליגען. און ער האלט די אויגען צו דער ערד און שעמט זיך. אבער ער שפרייזט שנעל. ער איז צוגעקומען צו א גארטען־וואנד איז א שטילען געסעל מיט ווענינ הייזער. דארטען האט ער זיך אבגעשטעלט, ארומגעקוקט און אנ־געקלאפט אין וואנד.

זי איז שוין דארטען געוועזען. א מיידעל פון א יאהר זעבצעהן אין א ווייסען יאקעל און קלייד. הינטער א קארשענבוים נעבען גארטענוואנד איז זי געשטאנען און געקוקט דורך א שפאלט אין גאס אריין. זי האט דערקאנט זיין שאטען און דערקאנט זיינע טריט. איהר הארץ האט אנגעהויבען שטארקער צו קלאפען, און זי האט זיך צוגעדריקט מיט די אויגען צו דעם שפאלט אין דער וואנד און מורא געהאט, עס זאל נישט פערלארען געהן פון איהר כאטש איין בעווע־גונג זיינע. אויף איהרע ליפען איז געלעגען א ברייטער, גליקליכער שמייכעל און עס האט זיך איהר געלוסט צו לאכען, הויך לאכען, פון

גאנצען הארצען לאכען. פאר גליק און ליעבע. זי האט זיך א לאז געטאן צו דעם ארם, וואו ער האט זיך אבגעשטעלט און מיט א פער־כאפטען אטעם האט זי אבגעענטפערט אויף זיין לייכט קלאפען:
„איך, מאיר'ל!"

אין איין מינוט האט ער פערגעסען דאס דריקענדיגע געפיהל פון דעם געזאגטען ליגען און די מורא, ניט געזעהען צו ווערען.

„דו, חנה'לע?" האט ער געשעפטשעט פון ענטציקען. ער האט זיך אויפגעהויבען אויף די שפיץ פינגער, דערלאנגט דעם ברעג וואנד, מיט דעם תיקון שבועות אין דער רעכטער האנד. אין א מאמענט איז ער געוועזען אין דער הויך אויף דער וואנד און באלד איז ער פערשוואונדען געווארען אויף יענער זייט.

זי האט א לאך געטאן און אויסגעדרעהט זיך אויף א קאריק, פערטשעפענדיג זיך מיט איהר קלייד אן צווייגען און קוסטען. אך, זי וואלט עפעס אזוי אויסשרייען! נור זי האט ארויפגעלעגט איהרע קליינע, ווייסע הענד אויף'ן מויל און געלאכט און געשריען אין זיך, און געקוקט אויף איהם ליעבעפול מיט איהרע גרויסע אויגען. און ער האט אויך געקוקט אויף איהר און געשמייכעלט און געלאכט, א ביסעל פערלעגען פון דער אונגעוועהנליכער ארבייט און דעם אונגע־וועהנליכען צוזאמענקומען, און גערייניגט מיט דער האנד זיינע יום טוב'דיגע קליידער — און געוועזען אזוי גליקליך, אזוי גליקליך.

זי האט זיך א ווארף געטאן אויף איהם, ארומגענומען איהם מיטביידע הענד ארום רוקען, ארויפגעלעגט איהר קאפף אויף זיין ברוסט און געדריקט זיך צו איהם: א־א־א! און פול קראפט און לעבען האט זי איהם א דרעה געטאן, ווי זי וואלט איהם וועלען אומווארפען, און נאך שטארקער געדריקט זיך צו איהם: א־א־א! און דאן ארויםגעכאפט זיין קאפף און א שטארקען קוש געטאן אין די ליפען. ער האט געשמייכעלט און געלאכט און איז געוועזען גליקליך. אבער דאך איז ער נישט געוועזען פריי פון דער פערלעגענהייט.

און דאן האט זי איהם געשעפטשעט:

„קום, מאיר'ל. נעבען דעם גרויסען עפעלבוים האב איך גע־מאכט א גוטען פלאץ. עס וועט דארטען זיין גוט צו זיצען. די לבנה

פונקט אנטקעגנען, און דער גאנצער הימעל. מען וועט קענען אלץ זעהען. און דארטען איז אזא זיסער ריח — אזא חיות, אזא לעבען. דארטען וועלען מיר רוהיג זיצען אוןווארטען."

און זי האט איהם גענומען אונטער דער האנד און געפיהרט צום גרויסען עפּעלבוים און געטוליעט זיך צו איהם און איהר גאנצער קערפּער האט געציטערט.

ער האט אריבערגענומען דעם תיקון אין דער לינקער האנד, בע־פרייט זיין רעכטע פון איהר און ארומגענומען זי. ער האט זי צו־געדריקט צו זיך און געוואלט א שטארקען קוס טון. אבער ער האט זיך פערשעמט פאר דעם תיקון אין זיין לינקער האנד און דער קוס איז ארויס א שוואכער, א האלבער.

און זי האט דערפיהלט זיין האלבען קוס, א קוק געטאן אויפ'ן תיקון אין זיין האנד און פערשטאנען. דאן אבער האט זי זיך דער־מאנט, אז זי האט זיך שוין אויפגעפיהרט צו אויסגעלאסען, גאר נישט ווי א פרום אידיש מיידעל.

זיי זיינען צוגעגאנגען צום גרויסען עפּעלבוים.

„זעהסט," האט זי אנגעהויבען מיט איין ערנסטען טאן, — „פון דאנען קען מען גוט זעהן, ווען דער הימעל וועט זיך שפּאלטען. דער גאנצער הימעל ליעגט דא פאר אונז אזוי וויים און ברייט. שטענדיג שלאפט דא דער זיידע. איך שלאף דארטען, זעהסט, הינטער די אגרעסען־קוסטען. זעהסט, ווי הויך די קיסענס ליגען. דא איז מיין בעטגעוואנד און דעם זיידענס בעטגעוואנד. עס וועט זיין גוט צו זיטצען, זאג? וואו ווילסט דו דיך זעטצען? דא, הא? דא ליעגען מיינע קיסענס. ווילסט אפשר ניט זיטצען אויף מיידעלשע קיסענס? אויף מיינע מעגסט דו דאך, יא? מיינע וועלען דאך זיין דיינע! זעץ דיך טאקי אויף מיינע קיסענס."

זי האט געשעפטשעט, אליין עפּעס נישט הערענדיג, וואס זי רעדט, אויפגערעגט און צופלאנטעט. עפּעס האט אין איהר געקאכט און געזאטען, און זי האט זיך געשעמט. איהר האט זיך עפּעס אזוי געוואלט, ער זאל זיטצען אויף איהרע קיסען, און זי האט געוואוסט, אז זי וועט נאכדעם נאכט איין נאכט ליעגען אויף די קיסען און וועט

זיי דריקען צו זיך, און וועט זיי קושען און קושען אהן איין אויפהער. און זי האט זיך נאך מעהר געשעמט.

און ער האט געשמייכעלט און איז געווען שטארק פערלעגען. ער האט געהאלטען דעם תיקון איןביידע הענד און געפיהלט, אז ער וואלט זי דאכט זיך „אויפעסען“, און מורא געהאט, אז ער זאל עפּיס אבטון אזוינס, וואס מען טאר נישט, פון וואס ער וועט קיינמאל נישט קאנען זיך אויסקויפען און אבוואשען. כמעט האט ער שוין חרטה געהאט, וואס ער איז געקומען. אבער ער האט נישט פער־שפּירט די קנאפּסטע לוסט אוועקצוגעהן.

זי האט איהם אוועקגעזעטצט אויף איהרע קישען און אליין אוועקגעזעטצט זיך אויף דעם זיידענם קישען. און ווייטער האט זי געפּליסטערט, אויפגערעגט און צופלאנטעט:

„אט אזוי א! איז גוט צו זיטצען, הא? יעטצט קאנען מיר קוקען אויפ'ן הימעל. סאר'א שיינער הימעל! מאיר'ל, זאג, קוקען אויף אונז נישט די שטערען? אט זעה, יענער שטערן, זעהסט, אן דארטען לינקס פון דער לבנה, קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין. היינט איז נאר א האלבע לבנה.... איך האב ליעב א פולע לבנה. — דאס איז דאך יהושע'ס צורה, יא? איך וואלט שווערען, אז דאס איז א ווייבערשער פּנים.... וואס שווייגסט דו מיר עפּעס, ווי א חתן־בחור?“

און עס פאלט איהר איין אריינצונעהמען זיין קאפּ צו זיך אין שויס. אבער איהר בליק פאלט אויף דעם תיקון שבועות אין זיינע הענד — און זי דערוועגט זיך עס ניט צו טון.

„וואס האלטסט דו דיך מיט דעם תיקון די גאנצע צייט?“ —

— זי פיהלט, אז זי צבועציעט, און גיט דאך צו: „ווארט, איך האב פאר איהם א גוטען ארט.“

און זי האט גענומען דעם תיקון און אוועקגעלעגט איהם אויף איין אגרעסען־קוסט. אבער פון דאנען האט ער זיי געקאנט זעהען. און זי האט איהם אראבגענומען און פערטראגען איהם ווייט אין גאר־טען אונטער א געדיכטען קוסט, פון וואנען ער וועט זיכער ניט קאנ־נען ארויסקוקען. איהר האט זיך געדאכט, אז זי זינדיגט שווער געגען

דעם הייליגען ספר, אז זי נארט איהם אוים, אז זי נארט גאט. אבער זי האט א שטארקען קום געטאן דעם ספר, אוועקגעלעגט איהם אויף צווייגען און אוועק צוריק צום גרויסען עפּעלבוים, מאכענדיג זיך, אז זי בעמערקט ניט דעם געדאנק, אז זי וועט יעטצט אריינלעגען מאירל׳ס קאפּף צו זיך אין שויס.

ער איז געזעסען און געווארט אויף איהר. ער האט געפיהלט, אז זי האט אייגענטליך גאנץ גוט געטאן, וואס זי האט צוגענומען פון איהם דעם הייליגען ספר. דאך האט ער ווי מורא געהאט צו זיין מיט איהר יעטצט אויג אויף אויג אהן דען „עדות“. ער האט גע־קוקט מיט איין ערנסטען בליק צום הימעל. און דאן האט ער זיך געראנגעלט מיט דעם געדאנק, צו זאל ער זעהן אדער ניט זעהן, וואוהין זי האט אוועקגעלעגט דעם „עדות.“

און דאן איז זי געקומען. איהר געזיכט האט געלאכט. מיט א שפּרונג האט זי זיך אראבגעלאזט אויף דעם זיידענעם קיסען, געכאפּט זיין קאפּף, אראבגעבויגען איהם צו זיך אין שויס און צוגעדריקט שטארק, שטארק.

ער האט זיך ווי דערשראקען דערפאר. ער האט איזור געוואלט זאגען, אז מען טאר דאס ניט, אז דאס פּאסט זיך ניט. ער האט גע־מאכט א בעוועגונג. אבער זי האט שטארקער צוגעדריקט זיין קאפּף, אראבגעבויגען זיך און צוגעפּרעסט א קוס אויף זיינע ליפּען.

„א! דער הימעל האט זיך געשפּאלטען!“

און זי האט ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זיין מויל, ער זאל זיך נישט בייזערן פאר איהרע ליצנות און אנגעשפּארט זיך אן א בוים. מיט דער האנד אויף זיין מויל האט זי געדריקט צו זיך זיין קאפּף און מיט דער אנדערער האט זי אנגעהויבען צו קראטצען אין זיינע געדיכטע האר.

„יעצט ווילען מיר רוהיג קוקען,“ האט זי געזאגט און געמאכט איין ערנסט געזיכט.

ער איז געבליבען מיט׳ן קאפּף אויף איהר שויס. עס איז איהם געווען אזוי אנגענעהם צו פיהלען די ווארעמקייט פון איהר קערפּער. ער האט זיך געזאגט, אז זי האלט איהם צו און ער קאן נישט אויפ־

שטעהן. און דאן האט ער זיך בעקוועמער אויסגעצויגען און לאנג־זאם געקוקט איהר האנד אויף זיין מויל, כלומרשט שטארק פערזונקען אין געדאנקען. און זי פלעגט זיך אפט אראבבויגען און צודריקען זיך צו איהם מיט א לאנגען ווארמען קוס.

„אזוי וועלען מיר דאך נישט קאנען קוקען," האט ער געזאגט.

אבער זי האט נישט געוואלט זיצען רוהיג. עס האט זי גאר געהויבען פון ארט. זי האט נישט געוואוסט, וואס צו טון מיט איהם. זי וואלט דאכט זיך צונויפגעגאסען זיך מיט איהם אין איין קער־פער, אויסגעקוסט איהם די נשמה און געשריען פאר לוסט און ליעבע ביז צום הימעל. נור זי האלט זיך איין און זיטצט און קוקט ארויף. אין א ווייל ארום פרעגט זי:

„מאיר'ל?"

„וואס?"

„וויפיעל איז נאך צו אונזער חתונה?"

„איבער פיער חדשים."

„ווי אזוי?"

„סיון, תמוז, אב, אלול און צוויי וואכען אין תשרי."

„וויפיעל האבען מיר יעטצט אין סיון?"

„ווייסט דו דען נישט, ווען שבועות פאלט אוים?"

„ווען?"

„זעקס טעג אין סיון!"

„איז נאך פיער חדשים און א וואך?"

„זאג איך דאך איבער פיער חדשים."

א ווייל׳ע ווערט שטיל און דאן גיט זי צו ווי מיט א בעטענדען טאן:

„די וואך וועלען מיר נישט רעכענען. א וואך פערפליהט דאך אזוי גיך."

„הם! נייז, א וואך איז טאקי א וואך."

זי זיפצט אב און קוקט טרויעריג צו דער לבנה. און שפעטער רעדט זי ארוים ווי פאר זיך מיט טיעפער טרויער:

„נאך איבער פיער חדשים."

און גלייך גיט זי צו אויפגעלעבטער:

„אבער נאכדעם וועלען מיר שוין זיין שטענדיג אין איינעם! שטענדיג, שטענדיג, שטענדיג! זאג, מאיר׳ל?“

און שטיל ווערט עס. אזוי שטיל, אז זיי שיינען צו הערען דאס ווייכע שוועבען פון דער לבנה און דאס לאסצען פון די שטערנשטראלען. עטליכע בליהונגען האלטען ביים אויפעפענען זיך און עס פיהלט זיך אין דער טיעפער שטילקייט זייער אנגעשפאנטקייט — אט־אט וועלען זיי פערנאנדערפלאצען.

די לופט איז אנגעטרונקען מיט דעם שטארקען זיס־זויערן ריח פון די עפעלבוימער און דעם זיסען מאנדעל־ריח פון די קארשענבוימער. און עס עטעמט זיך אזוי גוט אין איהר. און זיי הערען זייערע פולסען שלאגען, און זיי פיהלען זיך אזוי גליקליך, אזוי לייטזעליג און — — אזוי טיעף טרויעריג, מיט א גרויסער בייגקענים אין הארצען נאך עטוואס אונבעוואוסטען און נישט־ערפילטען. — —

זי ברעכט וויעדער איבער די שטילקייט:

„מאיר׳ל?“

„וואס, חנה׳לע?“

„פערדריעסט דיך נישט, וואס דו ביזט געקומען?“

„געה, נארעלע.“

„האב איך גוט געמאכט, וואס איך האב דיך גערופען?“

ער דריקט צו צו איהר שטארקער זיין קאפף.

„גוט, הא, מאיר׳ל? — מעהר וועלען מיר שוין נים קאנען מארגען און א גאנץ זומער וועט שוין וויעדער דער זיידע דא שלאפען.

— אי, איז דאס היינט א גוטע נאכט! זאג מאיר׳ל?“

„אבער אז דו רעדסט, חנה׳לע, קאן זיך דער הימעל שפאלטען און מיר וועלען גאר נים קאנען אויסבעטען.“

„יא, איך וועל יעטצט שווייגען. אבער א גוטע נאכט די היינטיגע, יא?“

און זי בויגט זיך אראב צו איהם און קוסט איהם: „אר־אר־הום!“ און דאן זעטצט זי זיך אויף און קוקט מיט א לאכענדיגען געזיכט צום הימעל. און אין א ווילע ארום רעדט זי שוין וויטער:

„מאיר׳ל?"

„וואס?"

„זאג דעם אמת."

„אז וואס?"

„דו גלויבסט?"

„אז וואס?"

„אז דער הימעל שפאלט זיך?"

„ווי דען?"

אבער ער האט עס ארויסגערעדט מיט א האלבען מויל, און זי לאכט.

„האסט דו דאס ערגיץ געלערנט?"

„ניין, דעם אמת זאגענדיג, איך האב דאס נאך ערגיץ נישט גע־האט. אבער אזוי זאגט מען."

און זי לאכט נאך שטארקער.

„דו, חברה־מאן, דו גלויבסט דאך נישט אין דעם."

„איך ווייס, אזוי זאגט מען, אזוי. דעם אמת זאגענדיג, טאר מען עס גאר ניט ביי אידען. לא ינחשו ולא יעוננו, שטעהט אין דער תורה. מען זאל קיין כשוף ניט ברויכען און נאך אזעלכע זאכען.

„היינט וואס טוסט דו עס, מיין פרומאק?"

„איך ווייס? איך האב געמיינט, דו גלויבסט."

און מיט א גליקליכען געלעכטער כאפט זי איהם ארום און קוסט איהם.

„בע! און איך האב גאר ניט אנגעהויבען צו קוקען."

און ער דרעהט אויס זיין געזיכט צו איהר און שעפטשעט אזוי ווייך:

„פערשטעהסט, מיר האט זיך געוואלט אזוי זיין מיט דיר.... הערסט דו, חנה׳לע, האט זיך מיר אזוי געוואלט זיין מיט דיר....."

און זי גלאצט אויף איהם איהרע גרויסע אויגען, ציהט איין די ליפען ווי צום פייפען און מאכט מיט די פערנאנדערגעשטרעקטע פינגער פון ביידע זייטען פון איהר קאפ. דאן נעמט זי ארום זיין קאפ מיט ביידע הענד, בויגט זיך גאנץ נאהענט צו און קוקט איהם

אריין אין די אויגען מיט א לוסטיגען שקאַצעוואַטען שמייכעל.

„דו, שייגעץ, וואָס וועט זיין מיט דיין תיקון?“

און ער ענטפערט מיט נצחון:

„אור־הום אודאי! איך האָב טאַקי היינט ביי טאָג אַבגעזאָגט מיי גרעסטע העלפט.“

„שווינדעל־בחור!“

„ווי איך בין א איד!“

„און ווען וועסט דו אבזאגען ביז׳ן סוף?“

„פששש, אויך א זאַך, איך קלאַפּ עס אָב אַזוי שנעל. איך האָב מיך עהערנעכטען געוואַטען מיט מענדעל לייבע דעם סופר׳ס, ווער וועט גיכער אַבראוונען, האָב איך אַבגעדראָוועט מיט גוטע צעהן מי־נוטען פריהער. — איך בין זעהר א שנעלער זאגער,“ גיט ער צו מיט זעלבסטבעוואוסטזיין, און זי דריקט שטארקער צו זיין קאָפּ צו זיך און קוקט איהם אריין אין די אויגען. זיי שמייכלען א ווײלע, קור־צענדיג איינער אויף דעם אנדערן. און דאַן פערמאַכט ער די אויגען.

„איך וועל גאַר שלאָפען,“ זאָגט ער אין שפּאַס.

און זי זאָגט צו איהם, ווי מען רעדט צו א קינד:

„דו שלאַ־אַ־אָף, און איך וועל דיר דערצעהלען א מעשה׳לע. א מאָל איז געוועזען — עה־הם — א ציגעלע א ווייסע, א בערעלע א שווארצער, א בהמה׳לע א רויטע, מאיר׳ל איז א שוטה! קיטש־קיטש־קיטש......“ און זי קיצעלט איהם אין האַלז און ער לאַכט.

און דאַן האָט זי אָנגעהויבען צו דערצעהלען א מעשה נאָך א מעשה: מיט א רב און א רביצין, מיט א בת מלכה און א בן מלך..... זי האָט דערצעהלט און געטראַכט, אז ביז דער חתונה איז פיער חדשים — איבער פיער חדשים — פיער חדשים מיט א וואָך..... און דאַן וועלען זיי שטענדיג זיין אין איינעם. און זיי וועלען וואָהנען דאַ ביי׳ם זיידען. און דאַן וועט זי אַפּט האַלטען איהם אין איהר שוים. אין גאַרטען אונטער דעם גרויסען עפּעלבוים אָדער דאָרטען אין איהר צימערל, וואָס געהט ארוים מיט זיין פענסטער אין גאַרטען. און דאָס צימערעל וועט זיין שיין אויסגעקלעבט, מיט ווייס און גאָלד. אַך, וועט דאָס זיין גוט! — — און זי איז געוועזען אַי לוס־

טיג אי אומעטיג; איין אונענדליכע גליקזעליגקייט האט זי אנגעפילט פאר גליק און ליעבע און איין אונענדליכע בייַנקענים נאך דעם אונ־בעוואוסטעז נישט־ערפילטעז.

אבער ווען זי האט דערצעהלט דאס מעשה׳לע מיט א רייך־גע־ווארענעם בעטלער, האט זי זיך איבערגעריסען: מאיר איז געשלא־פען. אזוי רוהיג, אזוי זיס. די לבנה האט איהם בעלייכט, און זיין שיין, ריין געזיכט האט געלויכטען, ווי דאס געזיכט פון דעם בן מלך אין דעם מעשה׳לע. זי האט געקוקט אויף איהם און איינגעהאלטען דעם אטעם. עס איז געווארען נאך שטילער ארום איהר. און זיין געזיכט האט געשטראלט אזוי ווייך, אזוי צערטליך ווייך, און די שטראלען זיינען אריין אין איהר, ארומגענומען זי, געגלעט זי... און דאן האט זי אנגעכאפט די גרויסע בייַנקענים, און זי האט זיך אראבגעבויגען צו איהם און איינגעגעסען זיך אין איהם מיט א קוס, גאנץ שיכור, וועלט־פערגעסען.

ער האט אויפגעעפענט די אויגען מיט א גליקזעליגען שמייכעל און אויסגעשטרעקט די הענד נאך איהר. אבער זי איז געווען מיד, זעהר מיד. די הענד זיינען געווארען אבגעשוואכט, און די פיס האַ־בען איהר געציטערט. זי האט קוים געקאנט ענטפערן אויף זיין הייסען קוס.

אבער ער שפרינגט פלוצלונג אויף מיט א שרעק.

„אוי, עס הענט שוין אן צו טאגען!“

און ער קוקט זיך אום נאך דעם תיקון.

זי הענט זיך קוים אויף און געהט איהם געבען זיין תיקון. און ביים צושיידען זיך נעמט זי איהם ארום, וויעדער מיט יענער גרוי־סער בייַנקענים און וויל איהם גאר נישט ארויסלאזען פון די הענד. ער קוקט ארום דורך א שפאלט אין גאס, און איבערצייגענדיג זיך, אז קיינער וועט איהם נישט דערזעהען, קלעטערט ער ארויף אויף די וואנד און פון דארטען זאגט ער איהר נאך א מאל פול ליעבע: „א גוט יום־טוב דיר, חנה׳לע! מארגען וועלען מיר אונז דאך זעהען,“ און פערשווינדט.

און זי פאלט צו צו א שפאלט אין וואנד און קוקט נאך זיין פער־

שווינדרענדיגען שאטען און קאן זיך גאר ניט אברייסען. און טרויד ערינ איז איהר. איין גערדאנק האט אנגעפילט איהר גאנץ וועזען: „נאך איבער פיער חדשים! נאך איבער פיער חדשים!" און דאן איז זי אוועק צום גרויסען עפעלבוים, א ווארף געטאן זיך אויף די קיסען — אויף א י ה ר ע קיסענס! — און ארומכאפענדיג זיי, האט זי זיך צו־וויינט. — —

די פרויען זיינען שוין געשלאפען — אלמנות חיות איז דער ליעד בער יום־טוב־נאכט, און די מענער האבען נאך „געבראקט" — מיד און פערשלאפען. און דארט אויפ׳ן בערגעל הינטערן שטעדטעל איז געשטאנען דער בלייכער ערדגייסט איז דעם אויפגעהענדיגען מארד גען, און געהויבען די הענד איבער׳ן קאפ, און געשטרעקט זיי וויט פון זיך, און זיין הארץ האט קוים געשלאגען, און ער האט זיך געדריקט די ברוסט, און געזוכט נאך אטעם און געדרעהט און געקרימט זיך, גאנץ שוואך פון בעטלען נאך ליעבע און לוסט און לעבען.

.1900

ליעבע.

די יונגע קינדבעטארין איז געלעגען אויפ'ן בעט און נישט גע־קאנט אבדייסען די אויגען פון איהר פינף־טעגיגען ערשטלינג, וועלכען די אקושעריז האט געבאדען. איהרע אויגען האבען אויסגעדריקט גליקזעליגקייט און פערגניגען, אבער אויך פיעל רחמנות צום נפש'ל, וואס האט פירכטערליך געשריען אין די געשיקטע הענד פון דער יונגער באדערין. די טיר פון צימער האט זיך אויפגעעפענט און עס האט זיך בעוויזען א קאפף פון א יונגען מאנסביל אין א סאמעטע־נער אכטקאנטיגער יארמאלקע. די קינדבעטארין האט א קוק געטאן אויף דעם קאפף און געשווינד פעררוכט דאס ווייסע זיידענע טיכעל, וואס האט פערדעקט איהרע האר, ווי עס פאסט פאר א פרומע אי־דישע טאכטער און א חסיד'ס ווייב. זי האט דאך געלאזען ארויס־שטעקען א בינטעל געקרייזעלטע האר איבער דער שטערן. דאס איז איהר זעהר געגאנגען צום געזיכט. זי האט אויך געוואוסט, ווי צו פערדעקען איהר קאפף. דאס טיכעל, וואס איז געוועזען פערבויגט, הינטער די אויערן און פערבונדען אונטער'ן קינן, האט ארומגענומען איהר שיין פנים ווי א ראם און שארפער ארויסגעשטעלט די ווייס־קייט און צערטליכקייט פון איהר הויט.

„ווי עס שרייט," האט דער קאפף מילד, מיט א שמייכעל גע־זאגט.

„ער קען נעביך דאס באדען ניט ליידען," האט די מוטער גע־ענטפערט מיט רחמנות.

„איך וועל איהם געבען, ער וועט ביי מיר שרייען," האט געזאגט די אקושעריז, וועלכע האט די גאנצע צייט אונטערגעשמועסט מיט דעם קליינעם נפש'ל אין איהרע הענד און געבעטען איהם, ער זאל אזוי נישט ליארמען, אז נישט וועט זי איהם ארויסווארפען אויפ'ן גאס.

„ס'איז איהם קאלט," האט דער קאפף געזאגט.

„ער נעמט זיך איבער," האט די אקושעריז געוויצעלט. „נור איהר דערוויילע פערמאכט די טיר — עס ציעהט פון דארטען א ווינד."

דער קאפף האט זיך אומגעקוקט. בעמערקט איין אפען פענסטער אין דעם צימער, וואו דער איבריגער טייל קערפער איז געשטאנען, דערשראקען זיך און איז נעלם געווארען. די טיר האט זיך צוגע־מאכט.

די אקושעריז האט געענדיגט דאס באדען, פערוויקעלט דאס קינד און צוגעטראגען עס צו זיין מוטער, וועלכע האט עס שוין ערווארט מיט אונגעדולד. מיט אימפעט האט זי ארומגענומען דאס קינד, גע־טשמאקעט מיט די ליפען, ארויסגעגעבען מאדנע פערגניגטע טענער און אריינגערוקט איהם די ברוסט אין מויל. איהר קערפער האט געציטערט פאר תענוג. זי האט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דאס קינד, געדריקט עס צו זיך, בעדעקט עס מיט לאנגע, ווארמע קושען און צוגערעדט מיט א קול פון ליעבע: „זוהנעניו, טאטעניו, הארצעניו!" אדער וויעדער ארויסגעגעבען איהרע מאדנע פערגניג־טע טענער: „אוהוהו, אוהוהו, אוהוהו!"

די יונגע אקושעריז איז געשטאנען נעבען בעט און האט צוגע־קוקט זיך. די שטארקע סצענע פון דער ברענענדיגער מוטערליעבע האט געפונען איין אבקלאנג אין איהר מיידעלשען הארצען, און אין איהרע אויגען און אויף איהרע ליפען האט זיך צוגאסען א ווייכער, צערטליכער שמייכעל.

„איהר זייט גליקליך, יא?" האט זי געזאגט, אום מיט עפים ארויסצורעדען, פרייצוגעבען איהרע געפיהלען. זי האט זיך צוגע־זעטצט אויפ'ן בעט און פריינדליך ארויפגעלעגט די האנד אויף דער קינדבעטארינס שטערן.

„אוּ־אוּ־ו!" האט די קינדבעטאריז אבגעענטפערט און צוגע־דריקט צו זיך דאס קינד נאך שטארקער.

דאס קינד איז איינגעשלאפען. די אקושעריז האט עס געלאזען א ווײלע ליעגען, די מוטער זאל זיך זאט אנקוקען, און דערנאך האט

זי עס צוגענומען, אריינגעלעגט אין וויעגעל און איז צוריק צוגעגאנ־
גען צו דער קינדבעטאַרין. יענע האט זי בעגעגענט מיט א זיסען
גליקליכען שמייכעל, אנגעכאפט זי פארביידע הענד און צוגעצויגען
צו זיך.

„יא, איהר קאנט ליעבען,“ האט די אַקושעריןן געזאגט.

דאס אידישע וויבעל מיט דעם פערדעקטען האר האט נישט
רעכט פערשטאנען, וואס זי מיינט. דאס האט נור שטארקער צוגע־
דריקט צו זיך די אקושעריז, אינסטינקטיוו ענטפערנדיג איהר.

„האט איהר שטארק ליעב אייער מאן?“ האט די אקושעריז גע־
פרעגט, כאטש זי האט געוואוסט דעם ענטפער. עס האט זיך איהר
נור געוואלט רעדען פון ליעבע, פיהלען און איבערפיהלען מיט דעם
ווייבעל צוגלייך.

„א!“ האט די קינדבעטארין אבגעענטפערט און גערריקט די
פויסטען און די ציין. זי האט קיין ווערטער נישט געפונען. איהרע
אויגען האבען געשטראלט פאר ליעבע און גליק.

די אקושעריז האט אנגעשטעלט איהר בליק אויף דאס ליעבענדע
ווייב, א שמייכעל געטאן און פערטיעפט זיך אין געדאנקען. זי האט
נאך קיינמאל נישט געליעבט. — —

אין צימער איז געווארען שטיל. אנגענעהם שטיל. די לופט
איז געוועזען אנגעפילט מיט ליעבע און מיט ביינקענים נאך ליעבע.

„ווי איך ליעב מיין מאן איז — א גרויל!“ האט דאס ווייבעל
איבערגעריסען אין א ווײלע ארום די שטילקייט.

דאס מיידעל האט זיך ווי ערוואכט, א שאקעל געטאן מיט'ן
קאפף, ווי זי וואלט וועללען עפים אראבווארפען פון זיך, און איהרע
אויגען האבען זיך ווידער אנגעהויבען צו בעוועגען. דאס ווייבעל
האט אבגעהאקט, נור באלד ווידער אנגעהויבען צו רעדען.

„א גרויל, ווי איך ליעב איהם! איך געה אוים נאך איהם, איך
לאז נאך איהם פשוט די נשמה.... וואס זאל איך אייך א סך רעדען
— איך שטארב נאך איהם אוועק! פון דער ערשטער מינוט, וואס
איך האב איהם דערזעהן, האב איך גלייך דערפיהלט, אז איך וועל
אהן איהם נישט קאנען לעבען. „אי, רבונו של עולם!“ האב איך

מיר גלייך געזאגט, „הלואי זאל דער זיין מיין בעשערטער!" אז אונ־זער שדכן איז געקומען מיט דער בשורה, אז איך בין איהם געפעלען, האב איך קוים געקאנט איינזיצען נעבען טיש, וואו אלע זיינען גע־זעסען. איך האב מיך אריינגעגנב'עט אין שלאפצימער, אריינגע־ווארפען מיך אין בעט, ארומגעכאפט די קיסען און געדריקט, גע־דריקט צום הארצען. איך האב געמיינט, איך וועל דערשטיקט. עס האט זיך מיר געוואלט.... איך ווייס, וואס מיר האט זיך געוואלט?! עס האט זיך מיר געוואלט טאנצען, שפרינגען, יאגען זיך, שרייען, פערנאנדערטראגען די ווענד, אויפהעבען א שרעקליכע משא, איבער־קעהרען די וועלט. איך האב עפּיס געשפירט אין מיר א מאדנע גבורה. אין צימער איז גראד אריין מיין אינגערע שוועסטער, האב איך זי ארומגעכאפט, צוגעצויגען צו מיר, אונטערגעדריקט זי אונ־טער מיר און גענומען קושען, און גענומען קושען און גענומען קור־סען.... עס האט מיר אזש געשווינדעלט פאר די אויגען. איך האב פערגעסען אויף וואסער וועלט איך בין. די שוועסטער האט זיך דערשראקען, געמיינט, איך בין משוגע געווארען, און גענומען מיט די הענד און די פיס אבשטופען מיך פון זיך. נור שטופ די וואנד, שטופ א בארג! צולעצט בין איך אויפגעשפרונגען און גענומען דרעהען זיך איבער'ן צימער. „וואס ביזטו משוגע געווארען?" זאגט מיר די שוועסטער, „גארנישט, האט מיר צוקוועטשט דאס קלייד און, דאכט זיך, נאך עפּיס אבגעריסען!" און ווי מיינט איהר, איך האב איהר נישט אויסגעריסען צוויי קנעפּלעך? אויסגעריסען, ווי איהר זעהט מיך לעבען!"

זי האט מיט נצחון א קוק געטאן אויף די אקושעריז און אויפגע־הערט צו דערצעהלען.

„אוהום!" האט דאס מיידעל געמורמעלט פערטראכטערהייט.

„און ווייסט איהר," האט דאס ווייבעל ווידער אנגעהויבען מיט א טאן, מיט וועלכען מען גיט איבער א זעהר אינטערעסאנטען סוד, „און ווייסט איהר, איך האב איהם נאך קיינמאל נישט א קוש געטאן!"

„ווי?" האט זיך דאס מיידעל געוואונדערט.

„איהר־ט־טאַך זאַגען, אז איך בין א משגענע, און איך זאָג אייך, אז מען מאָג זיך לערנען ביי מיר. נאָך מיידעלוויים האָב איך מיר געזאָגט: אז גאָט וועט געבען, און איך וועל ווערען א כלה און חתונה האָבען, מיט מיין זווג וועל איך זיין וואָס פון ווייטען, קיין בעזונדערע קרובה'שאַפט נישט בעוויזען. איך האָב געזעהען, וואָס מיינע חבר'טעס האָבען פון זייערע „קוצעניו מוצעניום". איך זאָל מיך היינגען איהם אויפ'ן האלז, און ער זאָל מיינען, אז ער איז דער „יא טעביע דאָס" און דאַרף מיך טרעטען מיט די פים ?!.... ניין, דאָס וועט ער ביי מיר נישט פועל'ן. איך האָב ביי מיר בעשלאָסען, וואָס ווייטער איך פון איהם, אל'ץ נעהנטער ער צו מיר, און אזוי האָב איך איינגעפיהרט פון דער ערשטער מינוט אָן. און מיך דאַרף מען קענען! איך, אז איך מאַך ביי מיר עפּים אָב, טאָ מעג קומען גאָט אליין, וועט ער שוין ביי מיר נישט איבערמאכען. אָט צו דער תנאים־נאכט שוין: ער פון זיין זייט האָט נישט אויפגעהערט צו קוקען אויף מיר, און איך האָב אראָבגעלאָזען די אויגען, ווי איך וואָלט קיין צוויי נישט קאָנען צעהלען. איך הער, איך בלייב: אָי, כאָטש איין בליק טון אויף איהם! און ניין, נישט נאָכגעגעבען זיך דאָס האַרץ. איין מאָל מעהר נישט האָב איך מיר פערדעקט דאָס געזיכט מיטביידע הענד און א קוק געטאָן אויף איהם פון צווישען די פינ־גער. דאָס האַרץ האָט מיר געשלאָגען — א סכנות! איך האָב גע־זעהן, ווי ער קוקט אויף מיר; עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך הער, ווי ער אטעמט. עס איז מיר געוועזען אזא חיות צו האלטען אזוי די הענד און קוקען אויף איהם, נור מעהר ווי איין מאָל האָב איך עס נישט געטאָן. דערנאָך, אז מען איז ארוים פון די טישען, האָט ער זיך ארומגעדרעהט איבער'ן שטוב, געזוכט ווי צו צונגעהן צו מיר, צו בלייבען מיט מיר כאָטש אויף א ווײַלע אויג אויף אויג. און איך האָב עס געוואָלט — ממש צו'ם שטארבען! אָי, דוכט זיך, דאָס גאַנצע לעבען פאר ארומנעמען איהם און האלזען און קושען און גלעטען. נור איך האָב עס ביי מיר נישט געקאָנט פועל'ן. און מיינט איהר, א גאַנצע וואָך נאָך די תנאים איז ער אָבגעוועזען ביי אונז אין שטוב, עטליכע מאָל זיינען מיר געבליעבען גאַנץ אליין, און

איך האב מיך געמאכט קאלט ווי אייז. די נאכט פאר זיין אבפאהר צוריק אין זיין שטעדטעל האט ער מיך געטראפפען אין הויף. מיר איז געווארען אזוי הייס אין מיין בעט, אז איך האב קוים געכאפט דעם אטעם, ביז איך ארוים אויף די פרייע לופט. ערשט אין א ווייל ארום, איך קוק מיך אום, מיין פרומאק איז דא. ווי אזוי האט ער עס דערשמעקט, ווייס איך נישט. ער האט מיך ארומגעכאפט, גע־דריקט צו זיך, געהאלזט, געקוסט — און דוקא אין די ליפען גע־קוסט! — און איך — גאר נישט. און אזוי איז ער אוועקגעפאהרען אהן א קוס.״

„אזא שלעכטע זייט איהר,״ האט די אקושערין געלאכט און גע־דראהט איהר מיט'ן פינגער.

„נייז, הערט נור. נאך שענער איז עס געווען מיט די בריעף,״ האט דאס ווייבעל געשמייכעלט. „ער האט מיר געשריעבען אזעלכע ברענענדיגע בריעף — איך האב זיי נאך אלע — וואס פאר נעמען ווילט איהר נישט, זיינען געווען אין זיינע בריעף! אווארט און „הארצעניו,״ א ווארט און „ליובעניו,״ און קריינעניו,״ און „לעבען,״ און „נשמה,״ און „חיות,״ און פייגעלע, און פייגעניו, און פייגעטש־קע און פייגינקע — מען רופט מיך פייגע באשע.... אט אזעלכע בריעף האט ער געשריעבען! און איך.... מיינע האט עס געמאכט גאנץ טרוקען: „מיין געשעצטער חתן פייוועל זאל לעבען! ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז איך ביז, דאנק גאט, איז גאנצען גע־זונד....״ און אזוי ווייטער. עס צופט מיר ביי דער נשמה צו זאגען איהם א גוט ווארט, עס רייסט מיר דאס הארץ אויסצורעדען זיך מיט טויזענדער נעמען, עס חלשט מיר די האנד, איך הער, איך שטארב: יעדער בריעף קומט מיר אן מיט טעם טויד. און — נישטא! קיין סימן קרובה'שאפט נישט ארויסגעוויעזען.....״

אין דער טיר האט זיך בעוויעזען דער קאפף מיט דער אבטקאנ־טיגער יארמאלקע. די קינדבעטעריז האט אויפגעהערט צו דער־צעהלען און מיט א שמייכעל א קוק געטאן אויף די אקושעריז, וועלכע האט אנגעטאן איהר פענסנע, אום בעסער איינצוקוקען זיך אין דעם הויכען יונגען מאן מיט דעם עדלען, ווייסען געזיכט, מיט

דעם רונדעז בלאנדעז בערדעל, קליינע װוענסעלעך, געקרייזעלטע פאות׳לעך און פינקלענדע בלויע אויגעז אונטער לאנגע דונקעלע ברע־מעז. דאס װייבעל האט איבערגעטראגעז איהר בליק אויף איהר מאז, דערנאך אויף די אקושעריז און בעשלאסעז, אז ער געפעלט דעם יונגעז פריילייז. א גליקליכער שמייכעל האט זיך צוגאסעז איבער איהר געזיכט.

„וואס ווילסט׳ע ?" האט זי געפרעגט דעם מאז מיט א געמאכ־טעז גלייכגילטיגעז טאז, נור אלץ נאך מיט דעם שמייכעל אויף די ליפעז. „געה, איך דארף עפּיס רעדעז מיט דער פריילייז."

נור ער האט נישט געפאלגט.

„וואס מאכסט׳ע ?" ער האט עס געפרעגט אזוי זיס, אזוי האר־ציג ווייך און איז אריין אין צימער.

„גוט, גוט," האט זי קורץ אבגעענטפערט. „געה, געה."

„ס׳שלאפט ?" ער האט א טייטעל געטאז מיט דער האנד אויף די וויעג.

„שלאפט, שלאפט. אבער געה דאך. לאז רעדעז."

„אט באלד."

ער איז צוגעגאנגעז צו דער וויעג, א קוק געטאז אויף דאס שלא־פעדיגע קינד און גליקליך געשמייכעלט.

„ווי עס שלאפט!" האט ער געזאגט מיט התפעלות, א קוק טוענדיג אויף דאס ווייב. און דאז האט ער ווידער אריבערגעטרא־געז זיין בליק אויף דאס קינד און מיט גרויסער ליעבע ארויסגע־רעדט: „קליינס נפש׳ל!"

„אבער געה דאך!"

ער האט נאך א מאל א ווארף געטאז זיין גוטעז, צערטליכעז בליק אויף דאס קינד, און דאז אויף דאס ווייב און איז ארויס.

די אקושעריז האט אויסגעטאז דאס פענסנע, צונאויפגעלעגט עס, א קוק געטאז אויף דאס ווייבעל און צוגעשמייכעלט. דאס ווייר־בעל, וואס האט אויף איהר געקוקט און געווארט מבינות אויפ׳ן מאז, האט עס צוגענומעז פאר די בעסטע מיינונג. איהרע אויגעז

האבּעז אויפגעבּליטצט. עס האָט איהר געקיטצעלט און זי האָט פרעהליך געשמייכעלט.

עפּיס האָט זי געשטופּט צו רעדעז. און זי האָט ווידער אָנ־געהויבּעז.

„און ווי ער ליעבּט מיך — אר״א, ככנות! דאָס לעבּעז לאָזט ער נאָך מיר. זאָל מיר וועה טון א פינגער, וועט ער שוין נישט עסעז און נישט שלאָפעז און זיין אויסער זיך. און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל איך האָב געוואוסט פון אַנפאַנג אָז, ווי צו שטעלעז זיך. אפילו באַלד נאָך דער חתונה, ווייסט איהר... די ערשטע צייט. ווייסט איהר....״

זי האָט אָנגעהויבּעז צו שטאַמלעז און איז רויט געוואָרעז. און באַלד האָט זי זיך א כאַפּ געטאָז, גלייך זי וואָלט עפּיס אריבּער־געהופּט, דורכגעלאָזעז:

„אי, איך וועל אייך דערצעהלעז, וואָס עס איז געוועזעז מיט א האַלבּ יאָהר צוריק! — מיט א האַלבּ יאָהר צוריק האָב איך געדאַרפט פערברייינגעז א פּאָר וואָכעז איז וואַרשוי. באַלד נאָך מיין קומעז אהיז, האָב איך מסתמא אָנגעשריעבּעז א בּריעף — מעז פּאַרט דאָך עפּיס אוועק פון א שטוב, פון א בעל־הבית׳שקייט, מוז מעז דאָך שרייבּעז. נו, געהעז פאַראיבּער דריי טעג — פון מיין פייוולעז איז ניטאָ קיין ענטפער. איך הער, עס געהעז מיר אוים די יאָהרעז. איך ווער שיער משוגע. נור ווי פערשטעהט איהר, איך וועל איהם עפּיס טעלעגראַפירעז אָדער קברים רייסעז? מסתמא נישט. איך האָב פערביסעז די ליפּעז און געשוויעגעז. שרייבּסט נישט, טראַכט איך מיר, דאַרף מעז נישט. נור געדיינק־זשע, וועסט שוין חרטה האָבּעז. אויפ׳ן פיערטעז טאָג איז שוין דאָ פון איהם מיט מזל א בּריעף. ער איז געוועזעז בּעשעפטיגט מיט א סיום, מיט ענדיגעז א מסכתא גמרא. איך ענטפער נישט. דער סיום וואָלט דאָך נישט ענטלאָפעז! איז א פּאָר טעג אַרום עס איז שוין דאָ ווידער א בּריעף: „וואָס איז מיט דיר, פיינעניו־לעבּעז?״ איך שרייבּ נישט. בקיצור, איך האָב אָנגע־הויבּעז צו בּעקומעז א בּריעף נאָך א בּריעף: ער ווערט משוגע! איך — קיין וואָרט. אויפ׳ן צוועלפטעז טאָג — מיין פייוועל איז דאָ.

ארײַנגעפֿאַלן אין שטוב װי אַ טויטער. „געװאַלט, פּײַגעניו, װאָס איז מיט דיר? װאָס האָסטו נישט געשריבען?" איך האָב מיך אויסגעדרעהט צו איהם מיט'ן רוקען און קײן װאָרט נישט גע־זאָגט. ער — פּײַגעניו און פּײַגעניו, האַרצעניו און האַרצעניו, און איך — שװײַג. און איז ד'ר'אמת'ן צאַפּעלט מיר דאָס האַרץ, עס װאַרפֿט מיך שיער פֿון שטול, עס װילט זיך מיר אַרױפֿפֿאַלען איהם אויפ'ן האַלז, בערוהיגען איהם, אויסלאַכען זיך מיט איהם צוזאַמען. איך האַלט מיך אָבער אײַן. צולעטצט נור האָב איך אויסגעדרעהט צו איהם דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן מיט אײן אויג — אַט אַזױ, אַ — און ברגז געזאָגט: „פֿאַר װאָס האָסט דו געשװיגען אויף מײַן ערשטען בריעף?" איהר האָט געדאַרפֿט זעהן, װי ער איז דאָס גע־קראָכען בײַ מיר אונטער די פֿיס! זעהט איהר, האַ? װען איך װאָלט מיך אָבער געפֿיהרט װי מײַנע חבר'טעס אָדער װי מײַן שװעס־טער די נאַר, װאָס װערט אויסגעריסען נאָך איהרע יאָהרען און טעג, װײַל זי האָט זיך צופֿיעל געהײַנגט איהר מאַנדרע אויפ'ן האַלז, װאָלט איך שוין ע־הע־הע!..."

„האָט איהר אײַער מאַן נאָך גאָרנישט געקוקט?" האָט די אַקור־שערין נײַגיעריג געפֿרעגט.

„װי איהר זעהט מיך לעבען. איך װײס דאַרטען... די ערשטע צײַט... דאָרט... אַזױ..."

„און װי איז עס?" האָט דאָס מײדעל פֿערלעגען געפֿרעגט.

„אַט אַזױ איז עס. קלערט איך, עס איז נישט אַזױ אַנגענעם. צי, װי עס װילט זיך מיר אַ מאָל אַנקוקען איהם. איך װאָלט איהם דאַכט זיך אויסקוקען די נשמה."

„איז װאָס טוט איהר?"

„װאָס, װאָס טו איך?"

דאָס מײדעל איז רויט געװאָרען.

„אַט װי דריקט איהר אויס אײַערע געפֿיהלען?"

„איז װאָס טו איך, װאָס?" האָט דאָס װײַבעל איבערגעפֿרעגט, װי זי װאָלט געזוכט אײן ענטפֿער אויף די האַרבע קשיא. „איך... איך קוק."

דאס פריילײן האט געמאכט גרויסע אויגן, און דאס ווײבעל האט צוגעגעבן:

„איך קוק אויס, קאן איך אײך זאגן, מײן נשמה. אז איך עס מיך איין אין איהם מיט די אויגן, איז מיך נישט אבצורײסען פון ארט. איך ווער עפּים ווי פערכישופט! און מיר איז עפּים אזוי זיס, אזוי גוט, אזוי מחיה'דיג ביי דער נשמה, אז איך וואלט אײביג, אײ־ביג געקוקט...א!“

דאס ווײבעל האט פּלוצלונג אריבערגעווארפען די הענד איבער'ן קאפּף, פערמאכט די אויגן און אנגעהויבען שטארקער צו אטמען. די אקושעריןן האט איהר אראבגענומען די הענד פון קאפּף, געהייסען בערוהיגען זיך און איינשלאפען. און אליין גענומען זיך צו ברײנגען אין ארדנונג עטליכע זאכען. דאס ווײבעל האט נישט אויפגעעפענט די אויגען. עס האט זיך געדאכט, אז זי שלאפט איין. די אקו־שעריןן האט צום לעטצטען מאל א קוק געטאן אויף די קינדבעטאריןן און איז ארויס פון צימער אויף די שפּיץ פינגער. מען האט נאך געהערט, ווי זי האט אנגעזאגט עמיצען אין דעם צווייטען צימער, אז עס זאל זיין שטיל.

דאס ווײבעל האט אויפגעעפענט די אויגען און צוגעהערט זיך צו דער אקושערינס טריט. די גאסטיר האט זיך אויפגעעפענט און פערמאכט — די אקושעריןן איז אוועק.

„פייוועל!“ האט אויסגערופען די קינדבעטאריןן.

די טיר פון איהר צימער האט זיך געעפענט. און דער מאן האט זיך בעוויזען אויף דער שוועל.

„וואס, פייגעניו!?... שלאפסט גאר נישט?“

„ניין, עס שלאפט זיך נישט. — וואס איז עפּים אזוי שטיל, דארטין ביי דיר?“

„איך — אליין.“

„וואו זיינען דאס די איבריגע?“

„האבען זיך צוגעלעגט. שוין פון א היבשער ווײלע.“

„וואס טוסט דו?“

„איך קוק אריין אין א גמרא.“

זי האט געזוכט וואס צו פרעגען און געקוקט אויף איהם.

„און ווי פיהלסטו דיך?“ האט ער ווייך און נישטרדרייסט געפרעגט, צוגעהענדיג צום בעט.

„גאנץ גוט.“

„און ער — — שלאפט?“

„שלאפט.“

„הו הו!“ האט ער תמעוואטע אבגעלאכט.

„איך וועל יעטצט אויך שלאפען,“ האט זי געזאגט.

פייוועל האט יעטצט געמאכט א בעוועגונג אויף ארויסצוגעהן פון צימער.

„לאז נור אפען די טיר,“ האט זי איהם נאכגעשיקט.

פייוועל איז אויף א ווײלע פערשוואונדען אין דאס צווייטע צימער, נור באלד האט ער זיך דארטען בעוויעזען מיט דער גמרא אין די הענד. ער האט געפונען א פלאץ, פון וועלכען ער האט געקאנט זעהען די קינדבעטאריז. ביי דער ווייבעל האט אויפגעבליטצט א פייערל אין די אויגען. אה, זי האט אזוי געוואלט, ער זאל דאס טוהן, און נישט געוואלט איהם בעטען! זי האט זיך איבערגעדעקט מיט דער דעקע ביז די אויגען און איינגעגעסען זיך מיט איהר בליק אין זיעם מאן. איהר הארץ האט אנגעהויבען שטארק צו קלאפען. זי האט עס איינגעפרעסט מיט די עלענבויגענס, געגלאטצט די אויגען אויפ'ן מאן און ארויסגעגעבען איהרע מאדנע פערגניגטע טענער:

„אוהוהו, אוהוהו, אוהוהו!“...

.1897

דאָס מיידעל ביים ארון קדש.

ווייניג מענשען אין בית מדרש. עס איז נאָך שחרית, און דער עולם איז זיך שוין לאנג צולאָפען צו זיינע שווערע וועכענט־ליכע עסקים. נור דער אלטער גבאי נאָך, ווייל זיין ווייב איז די עקרת, זיצט און שאָקעלט זיך ביים שטענדער און לערנט זיס זיין בלאט גמרא. אויך דער אלטער נאמן, דער שול־קאססיערער, איז זיך עוסק אין דער תורה און שווימט ארום אין די טיעפעניסען פון דעם „יורה דעה." זיין געשעפט געהט נור אום פרייטאג, ווייל ער האנדעלט מיט ראָזינקעס־וויין אויף קידוש און הבדלה.

און ביים לאנגען טיש אין דער צפון־זייט זיטצען פיער אידען און לערנען משניות. מענער פון פערשיעדענעם עלטער; לופט־מענשען, וועלכע לעבען פון נסים. זייער געשעפט איז „שמעקען" — א שמעק טון דאָ, א שמעק טון דאָרט, טאָמער קאָן מען אריינכאפען פערדיענען א קערבעל. און זיי מאכט ניט אויס, ווען זיי וועלען ארויסגעהן אין גאס. ווארום שמעקען וועלען זיי קיין מאָל נישט אָנווערען און קיין מאָל וועלען זיי נישט אָנווערען גאָרנישט ארויסצושמעקען. און זיי זיטצען און לערנען משניות לשמיה ולשמה, שטארק אריינגעטאָן, וועלט־פערגעסען.

און אין ווינקעל ביי דער טיר פון חדר שני מיט'ן געזיכט צו דער וואנד שטעהט און דאווענט א פערשפעטיגטער דאוונער. ער דאווענט מיט כונה און מיט'ן גאנצען הארצען. ער הערט זיך צו יעדעם וואָרט, וואָס געהט ארויס פון זיין מויל, און טיעף טרויעריג, רחמים בעטענדיג אין זיין קול. ער האָט א וויכטיגע בקשה צו גאָט, און עס איז איהם שטארק נוגע, אז גאָט זאָל דאָס מאָל דער־הערען זיין תפלה. איין ארמער סטאָליאר איז ער, און האָט שטענ־

דיג געמאכט א שווער לעבען פון ארמע אידען. יעטצט מאכט זיך איהם אָנצונעמען א גרויסע בעשטעלונג ביי א פּריצה. איין אר־בייט, וועלכע שמעקט מיט א שיינע פּאָר רובעל פּרנסה. פעהלט איהם אָבער אוים געלד. איז ער היינט אויפגעשטאנען גאנץ פריה און אריינגעכאפּט זיך אין א פּאָר ערטער, „אָנצוטאפּען", צו וועט ער קאָנען קריעגען א הלואה. אָבער פון דעם „אָנטאפּען" איז פּארלוי־פיג נאָך גאָר נישט געוואָרען, און ער ווענדט זיך צו גאָט, ער זאָל איהם העלפען. און ווייך איז איהם אין הארצען, צו וויינען, און טרערען פול איז זיין קול.

הינטער דער גרויסער בימה, ענטקעגען דער ארויסגאנגס־טיר ענדיגט זיין דאווגען לייבע דער בטלן, דער „קהל'שער טאטע." ער האָט אָנגעהויבען זיין דאווגען נאָך מיט'ן ערשטען מנין, אָבער זיין עובדא איז אכטונג צו געבען אויפ'ן עולם, מען זאָל דאווגען און נישט רעדען ביים דאווגען. דערפאר ציעהען זיך זיינע תפלות דורך אלע מנינים. יעטצט ענדיגט ער, שווער ארויסרעדענדיג מיט זיין זעגענדיגער שטימע די ווערטער, וועלכע ער קוקט ארוים מיט זיינע אלטע אייטערנדיגע אויגען פון איין אלטען, געל און גרוי געוואָרע־נעם סידור. —

ווייניג מענשען אין בית מדרש, אָבער דער גרויסער און ברייטער רוים זעהט יום־טוב'דיג אוים, בעוואשען מיט א גרויסער ליכטיגקייט. נאָך לאנגע טעג רעגען האָט זיך די זון ענדליך דורכ־געשלאָגען אויף א ווײַלע דורך די געדיכטע וואָלקענס און דערפרייט די הערצער מיט איהר ליכט. און גאנצע בונטען שטראַלען דרינגען אריין אין בית המדרש דורך די הויכע און ברייטע פענסטער, און צושפּרייטען און צושפּיעלען זיך איבער דעם גרויסען רוים. אין ברייטע, משופּע'דיגע פּאסען דרינגען זיי אריין—שטראַלען־לייטערס פון דעם הימעל צו דער ערד, פערטרינקען די ביינק און די בימה, קושען דעם ארון קדש, פערקלייבען זיך צום שמש און שפּיעלען זיך מיט'ן לייכטער אין זיינע הענד און פּלאָנטען זיך אריין אין זיין גרויסען, גרויען באָרד, קוקען שטיפעריש אריין אין די ספרים פון די לערנער און פערבלענדען זיי די שורות, ציעהען זיך אוים איבער

דעם סטאָליארס רוקען און שאָקלען זיך מיט איהם, כאפען זיך אריין אין דעם גרויסען וואנדזייגער און הייגנען זיך אָן אָן דעם לאנ־גען און ברייטען געהער, קלעטערען ארויף אויף די קאבעלנע הרובע, צולעגען זיך דאָרט אויבען אויף דער שווארצער שטויב־ליניע און נעמען זי דורך מיט ליכטיגקייט, שפּיגלען זיך אין דעם מעשענעם האנדפאס און טראָגען זיך ארויף צום באלקען און בעווייסען איהם און לאכען אראָב פון דעם שפּינוועבס אין די ווינקלען. אלץ שיינט און לייכט און רעדט און זינגט! מלאכים׳לעך טאנצען דאָ ארום, גאָט׳ס חיילים ציעהען לוסטיג ארויף און אראָב די שטראלען־לייט־טערס, און א שטיל זומען פון פערבאָרגענע שטימען מישט זיך אוים מיט די שטימען פון די אידען אין דער שול און מיט דעם שווערען, בכבודיגען טיק־טאק פון דעם וואנד־זייגער און מיט ווייטע, פערבלאָנדזשעטע קולות פון דעם איינזאמען, שטילען דרויסען, און פעראייניגט זיך מיט זיי צו א הערליכער שירה.... קדוש, קדוש, קדוש!.... היילינ איז דער אָרט, פול מיט גאָט, פול מיט זיין גרויס־קייט און ערהאבענהייט! אלץ פערטיעפטער ווערען די לערנער אין זייער לערנען, און זייערע שטימען טריעפען פאר מתיקות. און דער סטאָליאר ווערט הארצעדיגער אין זיין דאווגען, ריהרענדיגער און ווארמער גיעסען זיך די ווערטער פון זיין מויל. און דער שמש פוצט דעם לייכטער מיט אלע כחות, ער זאָל פינקלען און בליש־טשען, און זיין זינגען איז פול מיט יראה און פרומקייט.

נור דער אלטער לייבע אליין פיהלט נישט גאָט, און זיינע ווערטער קומען ארוים ווי דאָס זעגען פון א טומפּער זעג. —

אין שול איז אריין פנחס דעם שוסטערס מיידעל. איהר גע־זיכט איז געוועזען גאנץ פערוויקעלט אין א טוך, נור איהרע שיינע, יונגע אויגען האָבען ארויסגעקוקט, און דאָס זיינען געוועזען אויגען פון איין אונגליקליכער. א טיעפער שמערץ איז געלעגען אין זיי, און זיי זיינען געוועזען פערלאָפען מיט טרערען, ווייל נפתלי דעם רייכען טוכהענדלערס זוהן איז גוסס, און זיי האָבען זיך דאָך אזוי ליעב.

זי האָט זיך ארומגעקוקט מיט שרעקעדיגע בליקען, ווייל א

מיידעל איז זי, און זי געהט בעטען פאר איהר געליעבטען, און אזא זאך איז נאך נישט געהערט געוואָרען ביי אידען. מיט נישט זי־כערע טריט איז זי צוגעגאנגען צום ארון קדש אין דער מזרח־וואנד. די פיס האָבען זיך איהר שיער נישט אונטערגעבראָכען, און א שטיל כליפען איז ארויס פון איהר פערשטיקטען מויל. מיט ציטערדיגע הענד האָט זי אויפגעמאכט דעם ארון קדש, און איהר געוויין איז שטארקער געוואָרען. זי איז צוגעפאלען צו א ספר תורה, האָט ארומגעכאפט זי און צוגעדריקט זיך צו איהר מיט'ן קאָפּ, און איהרע ליפען האָבען פערשעמט געשעפציעט:

„גאָטעניו, ראטעווע איהם! ראטעווע איהם! דו קאָנסט דאָך! דו קאָנסט דאָך אַלץ!"

זי האָט נישט געקאָנט מעהר ריידען. טרערען פון א גרויסען בראָך, טרערען פון א שרעקליכער פערצווייפלונג האָבען פערשטיקט איהר שטימע. זי האָט זיך שטארקער צוגעדריקט צו דער ספר תורה, און איהר קערפּער האָט זיך געוואָרפען פון שטארקען וויינען.

די מענער האָבען אויפגעהויבען אויף איהר די אויגען. נישט איינמאָל שוין האָבען זיי געהערט וועה־געשרייען פון אידענעס, וועל־כע זיינען געקומען אין ארון קדש די הימלען צו רייסען. אָבער דאָס שטילע שעפּציען און דער פערשטיקטער היסטערישער יאמער זיינען געוועזען ניי פאר זיי. און זיי האָבען דערפיהלט א גרויס אונגליק, איין אונענדליכען בראָך. די לערנער האָבען פערגראָ־בען זייערע קעפּ אין די ספרים, און ערנסטער זיינען געוואָרען זייערע פנים'ער, און ערנסטער זייערע שטימען. דער סטאָליאר איז טרויעריגער געוואָרען, האָט אראָבגעלאָזען זיין קול און צוזאַ־מענגעגאָסען זיין געבעט מיט איהר געוויין. און דער שמש האָט אָב־געהאקט זיין זינגען און בעגלייט זיין ארבייט מיט אָפטע זיפצען.

נור דער אלטער לייבע האָט זיך גאנץ גלייכגילטיג אויפגעהוי־בען פון זיין אָרט און איז אוועק צום ארון קדש א קוק צו טון אויף די וויינענדיגע און אָנצוגעמען זיך, אויב מען וועט דארפען, פאר דעם כבוד פון דער תורה. —

און זי וויינט און ראנגעלט זיך מיט'ן וויינען. זי וויל נאָך

עפּעט זאָגען, און איהרע ליפּען שטאַמלען קוים ארויס: „דו קאָנסט דאָך! דו קאָנסט דאָך! דו קאָנסט דאָך!“ עס דריקט זי דאָס גע־פיהל, אז א זינדיגערין שטעהט זי יעטצט פאר גאָט און א נישט־ריי־נע בערירט זי זיינע ספר־תורה׳ס. זי, א מיידעל, וואָס בעט פאר איהר געליעבטען! און זי נעמט זיך צוזאמען און שעפּציעט אַרויס: „דו זעהסט דאָך מיין הארץ! — מיר האָבען זיך דאָך אזוי ליעב!“ און דאן ברעכט זי אויס אין גרויסער פערצווייפלונג: „ראטעווע איהם! נעם איהם נישט אוועק! אָי, גאָטעניו, ער איז דאָך אזא גוטער, אזא וואוילער! רבונו של עולם, נעם איהם נישט אוועק, נעם מיך בעסער אוועק! נעם מיך בעסער אוועק!“ און זי פאלט נאָך שטארקער צו צו דער ספר תורה אין א הערצרייסענדען געוויין.

— — — געדאנקען קומען אין איהר. זי ווייס נישט, ווי זי זאָל זיי ארויסרעדען, און זי קאָן זיי נישט ארויסרעדען. אָבער גאָט ווייס דאָך געדאנקען אויך. און זי ווערט שטיל, און עס רעדט אין איהר.

איהר לעבען וויל זי אוועקגעבען פאַר איהם. ער זאָל נור לעבען און געזונד זיין. זיך וויל זי אויסבעטען נור א קליין ביסעל צייט. שטונדען נור, אז אין די שטונדען זאָל זי כאָטש א ביסעלע געניסען פון דעם גליק פון זיין געזונדהייט. א געזונטער, א פרישער זאָל ער ווידער קומען צו איהר, און דאן..... דאן וועט ער זי ארומנעמען, און זי וועט זיך שטארק צודריקען צו איהם, און מיט דעם קוש פון זיין מויל אויף איהרע ליפּען וועט איהר זין זיין דער טויד.

נאטירליך, ביי גאָט איז אלץ מעגליך. אז ער זאָל וועלען, קאָן ער בלייבען לעבען, און זי קאָן בלייבען לעבען, און ער קאָן נאָך פערקערען דאָס הארץ פון זיינע עלטערן צו גוטען אויף איהר, זיי זאָל אָנשטעהן איהר יחוס און איהר ארמקייט.

בימערער ווערט איהר געוויין. די גאנצע צייט פון זיין קראנקהייט האָט זי דאָך איהם אפילו נישט געזעהען! נור פון דער דיענסט־מיידעל ווייס זי, וואָס מיט איהם טוט זיך, און פון די ארומיגע שכנים און פון הערען־זאָגען: „גאָט, גאָט, גאָט!“

אָטעם פערפעהלט איהר. זי גלייכט זיך אויס מיט א טיעפען

קרעכץ, שפּאַרט זיך אָן אָן דאָס טירעל פון ארון קדש, און פער־ווארפט דעם קאָפּ אויף הינטען. עס פאלט אויף איהר אָן א גרויסע מידיגקייט, זי האלט זיך קוים אויף די פיס, און זי מערקט נישט, אז דאָס טוך האָט זיך אראָבגעגליטשט פון איהר קאָפּ, און זי איז געבליעבען שטעהן מיט איין אָפענעם געזיכט, איבער וועלכען עס האָט זיך אראָבגעלאָזען א בינטעל צושויבערטע האָר.

אָבער דער אלטער ליבע האָט בעמערקט דאָס האָר און ארויס־געקוועטשט מיט זיין זעג־שטימע: „דו, פערדעק דאָס האָר!“

זי האָט נישט געהערט. א פערגליווערטע איז זי געשטאַנען; איהר הארץ האָט געשמאכט און גערעדט מיט גאָט.

ליבע איז צוגעגאַנגען נעהנטער. ער האָט אָנגעשטעלט אויף איהר דעם בייזען בליק פון זיינע אייטערנדיגע אויגען און דערקאָנט זי. צוערשט האָט ער זי פערוואונדערט אָנגעקוקט: פאר וועמען איז זי דאָס אריינגעפאלען אין ארון־קדש? ביי פנחס דעם שוסטער איז דאָך קיינער נישט קראנק! אָבער באלד האָט ער בעגריפען, ווייל לאַנג שוין האָט די גאַנצע גאַס געקלונגען פון דער „ליובקע“ צווישען דעם רייכען איינגעל און דער ארמער מיידעל. עס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהם א ווילדער כעס, און ער האָט א שטארקען שפּיי געטאָן. „אוועק פון ארון קודש, דו הולטייקע!“

זי האָט נישט געהערט די ווערטער, זי האָט נור פערנומען דעם געשריי. זי האָט ווייט פערנאַנדערגעעפענט די אויגען אויף דעם שרייער, ווי פון שלאָף אויפגעוועקט.

און דער „קהל'שער טאַטע“ האָט נאָך שטארקער געשריען. מיט שווערע, בעליידיגענדע זידעל־ווערטער האָט ער זי געטריבען פון בית־מדרש. „ארויס, זאָג איך דיר! פאר'ן פאַליובויניק וועסטו הימלען רייסען, דו צויג, דו!“ ער האָט אָנגעהויבען שנעל ארויפ־צוגעהן אויף די טרעפּלעך.

דאָס מיידעל איז געשטאַנען א דערשראָקענע, א בלייכע, און געקוקט אויף ליבען מיט ווייט פערנאַנדערגעעפענטע אויגען. זי האָט נישט פערשטאַנען, וואָס ער וויל פון איהר, נור דאָס וואָרט

„פּאָליובוייניק“ האָט איהר א ריס געטאָן אין הארצען, און א שוידער איז איהר דורך איבער'ן גאנצען קערפּער.

אלע אויגען האָבען זיך געווענדעט מיט ערשטוינונג צו דער מיידעל און צום אלטען. די לערנער זיינען ארויסגעריסען געוואָרען פון זייער לערנען, דער סטאָליאר האָט איינגעהאלטען זיין דאווגען, און דער שמש איז אויפגעשטאנען, האָט זיך איינגעקוקט און גענומען איבערלעגען, וואָס ער האָט דאָ צו טון.

און דער אלטער גבאי האָט ארויפגערוקט די ברילען אויף די שטערן, איינגעקוקט זיך מיט א שארפען בליק און געפרעגט: „וואָס איז, פאר וואָס טרייבסטו זי?“

א משניות־לערנער האָט אָבגעענטפערט: „מסתמא ווייס ער שוין פאר וואָס. איהר הערט דאָך, וואָס פאר א סחורה: פאר'ן פּאָליובוייניק איז זי אריינגעפאלען אין ארון־קדש!“

יעטצט האָט זיך געלאָזט הערען פון דער בימה דער שארפער קול פון דעם שמש: „דו, ארוים פון שול!“ און דער אלטער לייבע האָט אויפגעהויבען אויף איהר די האנד.

דאָס מיידעל האָט זיך א טרייסעל געטאָן פאר שרעק.

דער אלטער האָט זי א שטויס געטאָן. „ארוים! א פּגירה זאָל קומען אויף דיר און דיין פּאָליובוייניק צוזאמען! ארוים, איך וועל דיר צופּאטשען דיין פּנים!“

זי האָט ארויפגעלעגט די האנד אויפ'ן געזיכט, אויסגעבראָכען אין א יאָמער, און אָנגעהויבען אראָבצוגעהן פון די טרעפּלעך. ווי א שיכורע איז זי געגאנגען, א פערשעמטע, א צובראָכענע און איין אונגליקליכע, און ביטער־עלענד איז געוועזען איהר געוויין. דרויסען, אין פאָרהויז פון בית־מדרש, האָט זי זיך אָנגעשפּארט א ווייליע אָן וואנד, בעהאלטען דאָס געזיכט אין דעם רעכטען ארם און שווער געקעמפּפט מיט'ן וויינען. —

און אין שול האָט דער אלטער לייבע נאָך לאנג געשאָלטען און געזידעלט און געבורציעט.

מען האָט געלאכט און מען האָט געשאָקעלט מיט די קעפּ. הא, הא, סאר'א מין העזה! פאר'ן פּאָליובוייניק רייסען הימלען! און א

משניות־לערנער האָט געזאָגט, ער האָט געמיינט, גאָט ווייס וואָס עס איז געשעהען, ערשט נאָ דיר! דער פּאָליובוויניק איז קראַנק! „א פּגירה!“ און דער אלטער גבאי האָט צוגעגעבען, אז די „פּאסקודסטוועס“ ווייסען שוין אליין נישט ווי צו זינדיגען. און מען האָט ווידער געלאכט און געשאָקעלט מיט די קעפּ. הא, הא, כאר׳ א מין העזה׳דיגער איינפאל! פּאר א פּאָליובוויניק אריינ־פּאלען אין ארון־קדש און רייסען הימלען!

מען האָט זיך געוואָלט נעמען צוריק צו די פרומע בעשעפטי־גונגען, אָבער אלעמענס אויגען האָבען זיך פלוצלונג געווענדט צום זייגער.

גאָט איז נישט געוועזען מעהר אין בית מדרש.

די ספרים האָבען זיך אָנגעהויבען צו צומאכען, דער סטאָליאר האָט „דערבראָקט“ זיין דאוונען, דער שמש האָט געפונען, אז דער לייכטער וועט אזוי אויך גוט זיין, און לייבע דער אלטער האָט געגנו־מען צונויפלעגען דעם טלית, פיהלענדיג שוין אין מויל דעם טרונק שנאפּס, וועלכען ער וועט יעצט מאכען ביי צביה דער שיינ־קערין. — —

געדיכטע וואָלקענס האָבען ווידער פערדעקט די זון, און די שטראלען־לייטערס פון דעם הימעל צו דער ערד זיינען פערשוואונ־דען. און די מלאכים׳לעך זיינען פערשוואונדען, און גאָט׳ס חיילים. שווארצע שאָטענס האָבען זיך צולעגט איבער א פעררויכערטען באלקען, א לאנג שוין נים געוואשענער, קויטיגער פּאָדלאָגע און שמוטציגע, שווארץ־געוואָרענע ווענד. טרויעריג און עלענד האָט אויסגעזעהען די אלטע קאכעלנע הרובע אונטער דעם געדיכטען שטויב, און פון די ווינקלען איז אראָבגעהאנגען דאָס שפּינוועבס שווער און פינסטער.

ערגעץ אין א ווינקעל האָט אָנגעהויבען צו וויינען א פליעג אין די פיסלעך פון א שפּין. — — —

1903.

איין אָנהעב.

(מאָנאָלאָגען פון איהם און איהר.)

זיינע מאָנאָלאָגען.

ע ר ש ט ע ר   ט אָ ג.

.... ענדע! א סוף! איין עק!

און וואָס ווייטער? וואָס וועט ווייטער זיין מיט מיר? יעטצט האָבען זיך שוין אלע קוואלען אויסגעטריקענט. איך האָב זיך געוואָרפען אויף אלע זייטען, געוואָלט אלע עבודה־זרות איבערדינען — און אומזיסט. פון וואָס לעבט מען? וואָס עסט מען?

עס מישט זיך מיר אין מח, עהרענוואָרט! איך קאָן שוין נישט טראכטען וועגען אלע מיינע פּלענער, זיי קריכען מיר גאָר אין קאָפּ נישט. עסען — עסען וויל איך! ברויט — א שטיקעל ברויט! צו וועל איך דען שטארבען פאר הונגער? גאָט מיינער, עס פערכאַפּט מיר דער אָטעם, עס שווינדערט מיר דער לייב, עס בעגיסט מיך מיט שווייס! איך וועל שטארבען פון הונגער! איך וועל שטארבען פון הונגער!

עס ברענט מיר אין קאָפּ. אָט איז א סוף פון אלע מיינע פּלענער: זעלבסטשטענדיגקייט, זיין א בעל הבית אויף זיך, נישט ווערען געטראָטען פון יענעמס פיס... אוי! א! עס ווילט זיך מיר עפּעס טון! ברעכען רייסען, בייסען, צופּען! גאָט מיינער, איך וועל שטארבען!

אוף! מיט מיר וועט זיין, דאכט זיך, א קאָנוואולסיע. די נערווען פּלאטצען. איך וועל, דאכט זיך משוגע ווערען. וואָס איז די פּעולה, איך רייב די שטערן. רייב היינט, רייב מאָרגען!

וואָס טוט מען? וואָס העבט מען אָן צו טון?

שא, איך האָב נאָך עפּיס צו פּרובען. אויב דערפון וועט זיך גאָר נישט אויסלאָזען — יענמאָלט, יענמאָלט וועט מיר צוגיטץ קומען דער טשוואק אין באַלקען.

כא, כא, כא! זעלבסטשטענדיגקייט, א פריי לעבען, העלפען מענשען, לעבען פון דעם אנדערנס וועגען — און א טשוואק אין באַלקען, הונגער־טויד, כא, כא, כא! נייז, מען דארף געהן אין א „פּאָדריאַד“. איך האָב דאכט זיך, א גרוים טאלענט מצה צו רעדלען, כא, כא, כא! איך לויף. לעבען זאָלען טאלענטירטע הענד!

צווייטער טאָג.

געלונגען! ווי איך בין א איד, געלונגען!

דער פּאָדריאַטשיק האָט מיך בעקוקט פון קאָפּף ביז די פיס, שטרענג געקוקט אויף מיר: מיינע צוריסענע קליידער און דער קויט אויף מיר זיינען איהם, א פּנים, געפעלען געוואָרען. עס פּאַסט פאַר א מצה־רעדלער. דערנאָך האָט ער א שמייכעל געטאָן. איך וועל שווערען ביי זיינע באָרד און פּאות, אז ער האָט פערשטאנען, וואָס איך בין. פערשאָלטענע בילדונג, דו קריכסט פון די אויגען! נור היינטיגען מאָל האָט זי מיר נישט קאליע געמאכט. ער האָט נור א שמייכעל געטאָן און געהייסען אָברעדלען א מצה. ביי'ם עקזאַמען האָב איך אזוי נישט געציטערט. רבונו של עולם, ווען איך האָלט נישט אוים דעם עקזאמען! נור דעם עקזאמען האָב איך אויסגעהאלטען. דאָס מצה רעדלען איז מיר גליקליכער אראָב, ווי די לאַטיינישע איבערזעטצונגען. וויוואט דאָס מצה־רעדלען! איך וואָלט שווערען, אז די בילדונג האָט מיר נאָך דאָס מאָל א טובה געטאָן, איך וואָלט מיך דאָס פון איהר נישט געריכט. דער פּאָדריאַטשיק האָט מיר אפילו געזאָגט „דו“, נור געגעבען מעהר ווידער איין אנדערן. אזוי האָט ער על כל פנים געזאָגט; איך וועל איהם גלויבען.

און איך בין א מצה־רעדלער געוואָרען. מיר האָט זיך שטארק געוואָלט, אז אין „פּאָדריאַד“ זאָל אריין איינער פון אונזער שטאָדט, איך וואָלט איין אמת פערגניגען געהאט. איך וואָלט טייוולאָניש

געלאכט. איך וואָלט עפּיס יענעם דורכשטעכען. פאַר וואָס? וויים איך נישט. נור מיר ווילט זיך נקמה נעמען פון אלע מיינע שטאָרטיגע. ברר, ברררר, נקמה! ציאָרט איך פאַדערי!!...

איך בין בייז אויף דער גאנצער וועלט! איך וואָלט יעטצט, דאכט זיך, א מענשען געקוילעט און רוהיג געקוקט, ווי עס גיסט זיך פון איהם דאָס בלוט, ווי ער כאָרכעלט, ווי ער וואַרפט זיך; זיין קרעכצען, זיין שרייען, זיין וואָיען, וואָלט ביי מיר געוועזען די בעסטע מוזיק. איך וואָלט איהם נאָך אפשר דערביי געקניפּען, געביסען, געשטאָכען!....

דאָס הארץ צורייסט זיך מיר, אוף!

נור איך וועל דאָך אזוי משגע ווערען. איך האָב אין זיך אלע סמנים פון א משוגענעם. פע, יעטצט משגע ווערען — איך בין דאָך עפּיס א מצה־רעדלער! כא! כא! כא!

איך וועל בעסער טראכטען וועגען פּאַדריאַד. א פינסטערע גרוב, פערשטיקטע לופט; צושויבערטע קעפּ, אויסגעדארטע געזיכטער, צופּיצעלטע קליידער, הונגעריגע נפשות, איבריגע נשמות, לעדיגע מיילער, קויט פון לעבען, קללות, חרמות, ציניזם, גראָבהייט...

נו, און וואָס נאָך? שא, אין ווינקעל, ענטגעגען טיר — א הויבע מיידעל, עדעל־פריש, שווארצע אויגען, א געטאָקטע נאָז, חן־גריבלעך... ווי איך בין א איד, מען דאַרף גאָר אָנהעבען שפּיעלען א ראָמאַן, כא, כא, כא! א ליובקע אין פּאַדריאַד צווישען דעם מצה־רעדלער און א וועלגערקע. אויף א דועל ארויסגערופען דעם מצה־זעטצער, בעקומען א וואונד אין הארצען מיט דער לאָפּעטע און פּאַטעטיש אויסגעצויגען דאָס קאלטע רעדעל נעבען דער בלייכער קאַטשעלקע.

טפוי! איך ווער דאָך טאַקי משגע!

דריטער טאָג.

היינט האָב איך זיך אָנגעגעסען פאַר אלע הונגעריגע טעג פון א גאַנץ יאָהר און וואָלפּיל געקאָסט. איך האָב געגעסען מצה. דערציהאָב איך מיך דערמאָנט, אז איך האָב ליעב געהאט מצה מיט מילך.

דאָס איז געווען לאנג, גאנץ לאנג.... איך האָב מיר געקויפט מילך און געשטאָפּט מיך א גאנצען טאָג מיט מצה און מילך. דער בעל הבית קוקט מיר אין די אויגען און לאכט. אָט, א שופט! ער „ווי לאנג האָסט דו שוין קיין מצה נישט געגעסען?" האָט ער פערשטעהט, וואָס איך בין.

מיך געפרעגט מיט א כיטרען שמייכעל.

ווען ער וואָלט קיין לאנגע קאפּאָטע נישט געטראָגען און קיין פּאָדריאַטשיק פון מצה באַקען נישט געווען, וואָלט ער זיכער ווייט אוועק.

ער העבט שוין אָן אַריינבריינגען מיך אין כעס מיט זיין קוקען. וואָס וויל ער? ער וויל א ביסעל שפּאַס טרייבען אויף מיין חשבון? דאָס וועט איהם נישט געלינגען! איך האָב היינט שארפע ציינער. זיי האָבען זיך שטארק אָנגעשארפט, זינד איך האָב אויפגעהערט צו עסען. ער וועט ביי מיר ארויס בשן ועין.

און נישט ער אליין — אלע קוקען אויף מיר, אפילו דאָס שיינע מיידעל קוקט אויך. — נור דאָס איז שוין איין אנדער קוקען. איך האָב קיין שפּיעגעל נישט, נור איך גלויב, אז איך בין זעהר שיין אין דעם ווייסען פארטוך, וואָס פערדעקט מיר די שמאטעס מיינע.

זיי פערשטעהען אלע, אז איך בין נישט קיין „איינפאכער" מצה־רעדלער. פון וואנען פערשטעהען זיי דאָס? אָן די אויגען, ארויס־קריכען זאָלען זיי! נור דערהויפּט שולדיג איז די בילדונג. איך וויים נישט, מיט וואָס פאר א קללה איך זאָל זי שילטען.

איך האָב געוואָלט עפּיס ריידען מיט זיי, נור איך האָב נישט געקאָנט. איך געפין עפּיס קיין טעמא נישט, איך האָב נישט פון וואָס צו רעדען מיט זיי. שווייג איך; לאכען זיי פון מיר. נור איך וואָלט נישט געקאָנט רעדען, ווען איך וואָלט אפילו געהאַט פון וואָס. איך קאָן נישט רעדען. איך בין בייז! איך וויל זיך זידלען. און איך וועל זיך מיט זיי זידלען. דער בעל הבית זאָל בעסער מיט גוטען פון מיר אָבטרעטען!

פיערטער טאָג.

די שיינע וועלגערקע מאגנעטיזירט מיך. זי קוקט אויף מיר, איך אויף איהר. זי קוקט אזוי ערנסט מיט איין אומעטיגען בליק, גלייך זי וואָלט מיך בעדויערען. איך האָב זי געוואָלט אָנרופען „נארר“ — נור איהרע אויגען בעווייזען אויף שכל. איך וועט זיך, אז זי איז גאָר קיין נארר נישט.

איך האָב געוואָלט אָנהעבען שרייען, וואָס קוקט זי אזוי אויף מיר, נור פון קולות האָב איך זיך איינגעהאלטען און איינגעדרונגען אין איהר א בייזען קוק. זי האָט אראָבגעלאָזען א פריהער די אויגען און דערנאָך אויפגעהויבען זיי צוריק און ווידער געקוקט אויף מיר. נור איהר קוק האָט זיך געביטען. זי האָט שוין געקוקט אויף מיר מיט א פאָרוואורף, ווי זי וואָלט געזאָגט: „פאר וואָס בעליידיגסט דו מיך?“

איך וואָלט געשוואָרען, אז זי אויך האָט געהאלטען עקזאמען א פריהער אין גימנאזיום און דערנאָך אויף א מצה־וועלגערין. נור פאר וואָס קוקט מען אויף איהר נישט אזוי, ווי אויף מיר? ניין, דאָס איז א ריין קינד פון פאָלק, א ראָזע צווישען דערנער, א בריליאנט צווישען שטיינער, שיינהייט צווישען אלערליי העסליכ־קייטען. נור בילדונג קריכט איהר נישט פון די אויגען, ניין. איהרע אויגען דריקען עפּיס אנדערש אוים: טוגענד, צניעות, גרויסמוט, עדעלקייט, גוטהערציגקייט און שכל, שכל, שכל. בילדונג וואָלט געוועזען א שיינער ראם; אזוי איז זי א פּראכטפול בילד אָהן א ראם. נור דאָס בילד בלייבט דאָך אַלץ פּראכטפול.

איך קוק אויף איהר און קאָן זיך נישט אָבקוקען. איך בין שוין נישט אזוי בייז. אָבער וואָס בעדויערט זי מיך אזוי? וואָס זעהט זי אין מיר? איך וואָלט זי שוין געפרעגט — שטעהט זי פערדרוקט אין א ווינקעל, ארום און ארום מיט וועלגערקעס און מען קאָן א וואָרט נישט רעדען. פאר נאכט ארבייט זי זיך אָב פריהער פון מיר. מאָרגען, ווען זי וועט זיך אָבארבייטען, מוז איך ווארפען דאָס רעדעל און לויפען נאָך איהר. אזוי וועט עס זיין.

דער בעל הבית האָט ביי מיר היינט שיער נישט געקראַגען, נור ער האָט זיך אָבגעטראָגען צו דער צייט. ער קלייבט נחת, ער האָט עפּיס א ווילדע הנאה, וואָס איך בין ביי איהם א רעדלער. ער האָט היינט געבראכט מיט זיך נאָך איינינע לאנגע קאפּאָטעס און געטיי־טעלט זיי מיט די פינגער אויף מיר. זיי האָבען געלאכט און גע־שאָקעלט צו מיר מיט די קעפּ. איך בין זיכער, אז מאָרגען וועלען נאָך קומען כהנה וכהנה. ער וועט באלד מאכען בילעטען און אריינלאָזען קוקען אויף מיר. ער וועט פערגולדטען ווערען.

מיר האָט בשעת מעשה דאָס בלוט אָנגעגאָסען אין געזיכט. שלעכט! זיי פייערן דען נצחון פון פינסטערנים אויף ליכטיגקייט, פון נאכט אויף טאָג. זיי ווילען מיך שטעלען פאר א משל — דאָס הייסט, אָט צו וואָס בילדונג ברייננט! ווי ער האָט עס דערשמעקט. איך בין איהם גרייט צו שווערען, אז איך בין א האָר נישט גע־בילדעט, אז איך ווייס און קאָן גאָר נישט, אז איך האָב אויפ'ן עק־זאמען בעקומען פון לאטייניש א צוויי. איך בין גרייט דייטליך צו ערקלערען איהם, אז א צוויי איז ערגער פאר א דריי, אז א צוויי איז א סימן, אז מען ווייס נישט.

זי איז בלייך געוואָרען, ווען ער האָט די אידען געטייטעלט אויף מיר מיט די פינגער. איך האָב עס בעמערקט. זי האָט זיך אָבער פאר מ י ר בעליידיגט, פאר דעם מענשען, נישט פאר דער בילדונג, נור ווער ווייס זי! ווער איז זי? וואָס איז זי?

איהר ענטפערט מיר, שטערן,
איך וועל אייך בעשווערען.....
פע, א נאריש ליעדעל!

פ י נ פ ט ע ר ט אָ ג.

איך האָב נעכטען נביאות געזאָגט: היינט האָבען געשאָטען אידען קוקען אויף מיר. איך וועל ווערען איין אנטיסעמיט: אידען זיינען ביטרע. ערשטענס האָבען זיי געטראָפען, אז איך בין א ליט־וואק, צווייטענס, אז איך בין איין ארמער בעל־עברה'ניק, דריטענס, אז מסתמא האָב איך גוט געהונגערט. דאָס האָבען זיי גערעדט

צווישען זיך בסוד, אז איך האָב געהערט און זי מסתמא אויך. איך האָב געזעהען נאָך איהר.

איינער האָט געפרעגט, פון וואנען קאָן איך דאָס אזוי רעדלען.

דער צווייטער האָט געענטפערט, אז א ליטוואק קאָן אלץ. דאָס האָט ער שוין געזאָגט א ליגען. נור איך בין איהם עס מוחל.

זיי האָבען זיך אָנגעשטעלט קוקען אויף מיר. איך בין אין כעס געוואָרען.

„וואָס קומט איהר?“ האָב איך א פרעג געטאָן שטרענג. איך האָב געפיהלט, אז זי האָט א ציטער געטאָן.

זיי האָבען זיך צולאכט; איך בין נאָך מעהר אין כעס געוואָרען.

„וואָס האָט איהר זיך אָנגעשטעלט קוקען, זשידי פארשיוויע!“ האָב איך שוין אויסגעשריען אויף די הויכע טענער. איך האָב געפיהלט איהר פאַרווירפליכען בליק. איך האָב געוואָלט חרטה האָבען אויף מיינע לעטצטע ווערטער, פערענטפערען זיך. נור איך בין נאָך מעהר בייז געוואָרען. איך האָב זיך קוים איינגעהאלטען נישט ארויפצוואוארפען זיך מיט די פויסטען אויף די אידען.

„אז מיר זיינען „פארשיווי זשידי“, וואָס רעדעלסט דו אידישע מצה?“ האָט מיך איינער פון זיי געפרעגט.

ער האָט מיר געגעבען מיט א שטיין אין קאָפּף. עס האָבען זיך פערנאנדערגעלאכט די אידען, עס האָבען זיך פערנאנדערגעלאכט די וועלגערקעס, דער זעטצער, דער גיסער, דער שיטער; די מצות, דאכט זיך, האָבען געלאכט! נישט געלאכט האָט זי נור, ברגז אָנרוקענדיג די שיינע ברעמען אויף די ליכטיגע אויגען און אָנקנויטשענדיג די הויכע, ווייסע שטערן. נישט געלאכט האָב איך, ווייל דאָס הארץ איז מיר פערגאָסען געוואָרען מיט בלוט. איך בין שיער נישט צו־לאָפּעט געוואָרען פון כעס, פון שוואכקייט, פון נישט קאָנען ענט־פערן. מיין כעס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. נור איך האָב זיך איינגעהאלטען. איהר מילדער קוק האָט מיר געהאָלפען.

„וואָס ווילט איהר?“ האָב איך כמעט מיט א קרעכץ ארויסגע־רעדט, — „וואָס ווילט איהר? איהר ווילט וויסען, ווער איך בין?

א ליטוואק. וואָס איך בין? איין ארמער בעל־עברה׳ניק. ווי קום איך אהער? איך האָב געהונגערט. פאר וואָס האָב איך געהונ־גערט? דארפט איהר דאָך צעהן מאָל נארישער זיין, ווי איהר זייט, דארף דאָך ביי אייך א פריהער דער מארך זיך איבערקערען, איידער איהר זאָלט פרעגען אזא קשיה! וואָס זייט איהר געקומען קוקען?" האָב איך ערהעכבערט די קולות מיט פערצווייפלונג, „איהר ווילט זעהען, ווי איינער, ראטעווענדיג זיך פון הונגער־טויד, פון דעם טשוואק אין באלקען ביי זיך אין צימער, איז ענטלאָפען רעדלען מצה?.... וואָס ווילט....״

„רעדעל, רעדעל!" האָט מיך איבערגעריסען דער זעטצער, „ער האָט זיך צו־דרשנ׳ט! מע׳קען אייערע חברה, אין גהינם אליין וועט איהר נישט בעסער ווערען."

ער האָט שוין עפּיס גערעדט נישט צו דער זאך און פערטשע־פּעט א נייע טעמא. נור איך האָב מיך ארויפגעוואָרפען אויף די מצה און מיט אלע כחות גענומען זי רעדלען. עס האָט זיך מיר געוואָלט א וואָרף טון דאָס רעדעל, א שפּיי טון אלעמען אין צורה און ענטלויפען, ענטלויפען. איך האָב גערעדעלט מיט וואוטה, מיט ווילדקייט, מיט נייענציג פּראָצענט פון א שטארקען, שטירמישען משגענעם. די טייג האָט זיך צום רעדעל געקלעבט, איך האָב צורי־סען א פּאָר מצות. איך האָב געוואָרפען דאָס רעדעל אויף דר׳ערד און געכאפּט זיך פאר׳ן קאָפּ. מען האָט זיך דערשראָקען. די אידען זיינען זיך גלייך צוגאנגען; די וועלגערקעס האָבען מיך גע־נומען בערוהיגען. זי איז געוואָרען נעבען מיר.

„בערוהיגט זיך," האָט זי גערעדט מיט א זיסער קלינגענדער שטימע, „וואָס דארפט איהר זיך פון אזעלכע פּראַים אָבעסען דאָס הארץ? איהר זייט א קינד."

אין איין מינוט האָב איך אלץ פערגעסען און נור צוגעהערט זיך צו דער פיינער, ליעבער שטימע. מיר איז געוואָרען מאָדנע אומעטיג — עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך וועל מיך צו־וויינען. זי האָט אויפגעהויבען דאָס רעדעל, גוט אויסגעווישט עס און דערלאנגט מיר.

„רעדעלט, רעדעלט," האָט זי געזאָגט, „מאַכט זיך נישט אויס פון זייערע פּוסטע דבורים. עס פּאַסט נישט פאַר אַ געבילדעטען מאַן."

איך האָב אויפגעהויבען אויף איהר די אויגען: פון וואַנען ווייס זי עס? איך האָב איהר געוואָלט עפּעס זאָגען און נישט געוואוסט וואָס. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף איהר בעדאַנקען פאַר די טרייסט־ווערטער, נור זי איז שוין געוועזען אויף איהר אָרט. האָב איך איהר פון ווייטען בעדאַנקט פאַר דאָס רעדעל, וואָס זי האָט אויפגעהויבען און אויסגערייניגט.

„נישטאָ פאַר וואָס!" האָט זי געענטפערט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל.

איהר שמייכעל, איהר קוק האָבען מיך דערקוויקט. עס האָט זיך מיר פערוואָלט אַרויפפאַלען איהר אויפ'ן האַלז, וויינען ביי איהר אויפ'ן האַרץ, טרייסטען זיך מיט איהרען אַ קוש...

איך האָב שוין געוואַרט מיט אונגעדולד, ביז זי וועט זיך אָבּ־אַרבייטען. אָבער אומזיסט: מען האָט מיך בשום אופן נישט אָבּ־געלאָזען — נישטאָ קיין צווייטער רעדלער. איך האָב געמיינט, איך וועל פּלאַצען.

פו, דו טייפעל! איך קאָן נישט איינשלאָפען: דאָס מיידעל קריכט מיר פון קאָפּ נישט, זי שטעהט מיר פאַר די אויגען; איהר שטימע קלינגט מיר אין די אויערן; אָט זעה איך איהר מילדען קוק. ווי ער דרינגט מיר אריין אין האַרץ! עפּעס ווערט מיר אַזוי וואַרם, אַזוי אַנגענעהם. עפּיס צוגיסט זיך מיר אַ זיסקייט איבער אַלע גליעדער. פון וואַנען קומט עס צו איהר? וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידעל? איין אַלטע קשיה! ווי אַזוי האָב איך ביז אהער נישט דערוואוסט? עס איז אפשר נישט מעגליך געוועזען? כזב ושקר! ווי אַזוי האָב איך טאַקי נישט דערוואוסט? וואָס האָב איך נישט דערוואוסט? טפו, דו טייפעל, עס מישט זיך מיר אין מח!

ווי זי שטעהט דאָס פאַר די אויגען! איך האָב עפּיס קיינמאָל נישט געזעהען אַזאַ....

וואָס, איך וועל היינטיגע נאַכט נישט שלאָפען? ניין, איבער־געקעהרט זאָל ווערען אויף דער אנדער זייט און איינגעשלאָפען! איך וועל צעהלען ביז הונדערט. איינס, צוויי, דריי, פיער פינף, זעקס, זיעבען... ווי עס קלינגט איהר שטימע! וואָס פאַר א זיס־קייט! קלינגט א מאָל אזוי א פּאָרטאָפּיאַנאָ? עפּיס קלאַפּט מיר שטאַרקער דאָס האַרץ. עס פעהלט מיר מעהר נישט פערליעבען זיך! נור איך בין נישט פעהיג אויף אזעלכע זאכען. איך האָב זי נישט ליעב; איך האָב זי אפילו פיינד. ווען זי שטעהט יעטצט נעבען מיר, וואָלט איך... אר־אר־או, איך האס זי, איך קאָן זי נישט ליידען! וואָס בין איך משוגע! איך וויל זיך איינ־שמועסען, אז איך האָב זי פיינד, און דאָס בלוט לויפט אין מיר שנעלער, שטאַרקער, הייסער; אין די שלייפען קלאַפּט אזש נור. פו! מען מוז איינשלאָפען, האַלטען קאָפּ און צעהלען, דאָס איז א גוטע סגולה. איינס, צוויי, דריי, פיער...

בין איך פערליעבט, האַ? וואָס, פערליעבט בין איך? וואָס פאַר א קוק ביי איהר איז! א שאַרף שווערד.... איך טראַכט שוין ווייטער וועגען דאָס מיידעל!.... איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף.... איך וועל גאָר טראַכטען וועגען איין אנדער זאַך. מען דאַרף פון זיך דאָס מיידעל אָבטרייבען. וואָס זאָגסט דו צו דיין בעל הבית? ווי פערשטעהסט דו די אידען? דער פאַנאַטיזמוס איז נאָך זעהר שטאַרק, שטאַרק איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין די הערצער און מחות. זיי האָבען א ווילדע הנאה, וואָס א געבילדעטער הונגערט: זיי זעהען אין דעם „בעשיינפערליך" א גאָט'ס זאַך. בילדונג איז ביי זיי שטאַרק צוזאַמענגעבונדען מיט פרנסה. נאָך איין ארמען געבילדע־טען דאַרף מען נאָכלויפען אין די גאַסען. וואָס איז פאַראַן צו קור־קען, וואָס איך רעדעל מצה? איך רעדעל... רעדעל... רעדעל... ווי שיין זי שטעהט ביי'ם וועלגערן! זי דרעהט זיך נישט איין אין פיער'ן, ווי אלע. זי שטעהט שלאַנק, עדעל, גראַציעז, ווי א בוים... איך וועל פּרובען אזוי רעדלען... געכאַפּט דאָס רעדעל און א שלייי־דער געטאָן אויף דר'ערד... „וואָס דאַרפט איהר זיך אָבעסען דאָס האַרץ?"... „רעדעלט, רעדעלט"...

אך, ציאָרט וואָזמי! איך ברעדיע דאָך. איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף, זעקס, זיעבען, אכט, נייען....

איהרע מאָנאָלאָגען.

ערשטער טאָג.

דאנקען גאָט, איך האָב שוין געפונען ארבייט! איך שטעל מיך אין א פאָדריאד וועלגערן מצה. מאָרגען שטעלט מען זיך באקען. אָט זעה איך טאקי, אז א מענש טאָר נישט זאָרגען. איך האָב גע־מיינט, דער הימעל לעגט זיך שוין אויף דר'ערד, און אז גאָט האָט געוואָלט, האָב איך זיך געפונען ארבייט. פיערציג קאָפּיקעס א טאָג — און מצה, כאָטש עס זיך איבער! יעטצט וועל איך ערשט לעבען א טאָג. איך וועל זיך מאכען מצה־ברייען.... איך וועל נאָך קויפען א שטיקעל שמאלץ. מען וועט נור דארפען באלד דירה־געלד איינצאָלען. יאָ, און די שיך פעררירכטען. נו, און לאה'ן קומט אויך א רובעל אָנדערט־האלבען. אוי, אוי, וואָס איך דארף האָבען געלד! איך וועל בעסער גאָר נישט קלערען...

זאָל שוין לאה קומען פון איהר נייטאָרען. ווי זי וועט זיך דערפרעהען, וואָס איך האָב געפונען איין ארבייט. וואָס זי איז נע־ביך אויסגעשטאנען זיך פון מיר. אומעטום ארומגעפיהרט מיך, ארומגעשלעפט זיך מיט מיר. „דורך מיר, זאָגט זי, זייט איהר אוועקגעפאָהרען פון דער היים, דארף איך פאר אייך זאָרגען.“ זאָל איהר גאָט בעצאָלען, סאר' א טייערע נפש דאָס איז. בעסער ווי א לייבליכע שוועסטער...

די לייבליכע שוועסטער האָבען מיר דעם ביסען נישט פערגונען, פערשאָלטען מיר דאָס לעבען. זיי וואָלטען געקאָנט, וואָלטען זיי מיך דערטרונקען אין א לעפעל וואסער. לייבליכע שוועסטער! זאָלען זיי... נור איך וועל זיך נישט שילטען. פע, מען דארף זיך פאָרט אָבגעוואוינען פון די קללות.

לאה ווערט אין כעס, אז איך רעד אויף מיינע שוועסטער. זי

זאָגט, אז מלאכים וואָלטען נישט בעסער געוועזען. דער'אמת'ן טאקי, עס זיטצען זיעבען גרויסע מוידען, איינע גרעסער פאר דער אנדערער, ביי ארמע עלטערן, וואָס ציהען זייער פרנסה פון א קליי־נעם גאלאנטעריע־קרעמעל און פון דירה־געלד. די עלטערן זיינען בעלי־גאוה'ניקעס, בלאָזען פון זיך איבער זייער יחוס. און זיטצען די זיעבען מוידען, טוען גאָר נישט, גיבען נישט א קלאפּ א פינגער אָן א פינגער, ווייסען נישט פון קיין ארבייט, קאָנען א וואָרט נישט אי־בערלייענען — טאָ וואָס זאָלען די מוידען טון? זיטצט מען גאנצע טעג און מען רייסט זיך.

איך לאך, ווען איך דערצעהל, ווי מיר האָבען זיך אויפגעע־פיהרט, ווי מיר פלעגען זיך רייסען. נור לאה הערט זיך צו אזוי ערנסט — זי שמייכעלט אפילו נישט. נישטאָ פון וואָס צו לא־כען, זאָגט זי. דאָס פערשטעה איך שוין נישט; מיר דוכט, אז מען דארף זיך קייקלען פון געלעכטער. אז איך דערמאָן מיך, לאך איך.

כא, כא! זיעבען גרויסע מוידען — איך, די יונגסטע, בין גרע־סער און דיקער פאר די עלטערע זעקס — זיטצען צונויפגעלעגט די הענד און האָבען קיין אנדער געשעפט נישט, ווי צו קריגען זיך. פריער שלאָפט מען ביז'ן האלבען טאָג, ווי די פריצות; דערנאך העבט זיך אָן, ווער זאָל פריער אויפשטעהן.

„גנענדיל, טאָמער וועסט דו אויפשטעהן?“ שרייט צו מיר די עלטסטע שוועסטער דבורה־גישע.

איך האָב שוין לאנג געוואָלט אויפשטעהן. נור אז זי וועקט מיך, וויל איך איהר דאָס פערגניגען נישט אָנטון און מאך זיך שלאָ־פענדיג.

„פריצה, מעגסט שוין ארויס פון בעט!“ שרייט צו מיר נאָך א שוועסטער, ציהענדיג זיך.

„זי וואָרט, מען זאָל זי אראָבווארפען פון בעט!“ שרייט פון אונטער קאָלדרע א דריטע שוועסטער, וואָס ליגט צונויפגעדרעהט ווי א בייגעל.

איך ענטפער נישט.

„שטעה אויף, דו!“ בריקעט מיך מיט די פיס די שוועסטער באשע, וואס שלאפט מיט מיר אין איין בעט.

איך שוויג.

„פערגיב איהר דארטען אזוי, אז איהר זאל נישט ניחא זיין דאס שלאפען,“ שרייט מען צו איהר פון א בעט.

באשע איז גאר קיין פאלגערקע נישט, נור, אז מען הייסט איהר שלאגען, פאלגט זי. זי גיט מיר א קניפ מיט די נעגעל, אז עס פערכאפט מיר דער אטעם. איך כאפ זיך פאר באשע'ס פנים, באשע פאר מיין נאז; די איבריגע שוועסטער שפרינגען אראב איינציגווייז פון די בעטען און קומען העלפען באשען; אין א ווייל'ע ארום ליעג איך שוין אויף דר'רערד אין גאנצען צוקניפען און צו־דראפעט. נור אלע זיינען שוין אויף די פיס — מען איז אויפ־געשטאנען. און די שכנים ארום קייכען פון געלעכטער.

און אזוי יעדען טאג, ווי ביי גאט א טאג! היינט ווי זאל מען נישט לאכען? ביי אונז אין שטאדט זענען מיר א שם דבר, ווי וואהר איך לעב! יאשע געציל'ס געזינד — ווער ווייס עס נישט? און מיר אלע ווייסען, אז מען וויים פון אונז, אז מען רעדט וועגען אונז אומע־טום אין אלע הייזער, אז מיר זיינען אויף אלע צונגען — און גאר נישט, עס ארט אונז, ווי די וואנד. יעטצט ווארפט זיך מיר דאס בלוט אין פנים פאר בזיון, איך שעם מיך דעם קאפף אויפצוהעבען —און דארטען גאר נישט. קיין בושה און קיין חרפה איז גאר נישטא! זיי, רבונו של עולם, ווי לעבט מען דאס גאר אזוי! איך מאג מאקי דאנקען און לויבען גאט, וואס איך האב זיך ארויסגעריסען פון דער היים, א גליק איז מיר געשעהען. כל זמן איך וועל לעבען, וועל איך לאה'ן נישט פערגעסען. זי, מאג מען זאגען, האט מיין לעבען גע־ראטעוועט.

מיט א האלב יאהר צוריק, איידער איך האב זיך מיט איהר דער־קאנט, בין איך געוועזען ווילד, ווי אלע מיינע שוועסטער; איך האב געוואוסט נור זיטצען און רייסען זיך מיט אלעמען...

אט קלינגט זי, דאכט זיך...

לאה'טשקע, איך האב שוין ארביים!...

צווייטער טאָג.

די ערשטע פערדיענטע פיערציג קאָפּיקעס! די ערשטע אָנגעהאָרע־וועטע גראָשען! עס ווילט זיך מיר טאַנצען, שפּרינגען! טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ!... די ערשטע פערדיענטע פיערציג קאָפּי־קעס! צמאָ! צמאָ! איך וואָלט זיי, דאכט זיך, געקוסט אָהן איין אויפ־הער! אָ, ליעבע, טייערע, גאָלדענע! א י ך האָב אייך פערדיענט, איך אליין מיט מיינע הענד, אָט מיט די מאָזאָליעס! איך האָב אייך נישט אויסגעבעטען ביי'ם טאַטען אין קראָם, נישט בעקומען פאַר אייך א פּאָר קללות פון דער מאַמען און קניפּ און שטויס פון די שוועסטער! איהר זייט מיינע, מיינע אייגענע, פון מיין שוויים פון מיין מיה! איך מאָג מיט אייך טון, וואָס איך וויל, איך דארף קיינעם קיין חשבון פון אייך נישט אָבגעבען — איך בין די בעל־הבית'טע! גע־זונד זאָלט איהר זיין, מיינע פיערציג קאָפּקעליך!

סאַר' א נייער „צוואַנציג־קאָפּיקעס"... פון טויזענד אכט הונ־דערט זיעבען און אכציגסטען יאָהר... זעה — און נאָך א נייער. אָט דער „פינף־קאָפּיקעס" איז גראָד שוין פערשימעלט, קוים וואָס מען קאָן לייענען. קוק נור — ערשט פון צוויי און נייענציגסטען יאָהר!... כע! אָט א מאָדנע זאַך!... דער „צוואַנציג־קאָפּיקעס" איז עלטער און נייער...

אוי־אוי־אוי, מיינע פיערציג קאָפּקעליך! מיין ערשטע ארבייט, מיין ערשטע האָרעוואַניע! איך וואָלט זיי וועללען ווייזען מיינע שוועסטער. וואָס, שוועסטערליך, איהר ווייסט דעם טעם פון א פער־דיענטען גראָשען? נארעלעך! זיי דאַרפען נויטיג זיטצען און ריי־סען זיך, אויסעסען זיך דאָס הארץ מיט די עלטערן איבער יעדע קאָ־פּיקע. א רחמנות אויף זיי, זאָל איך אזוי לעבען! איך מוז זיי אלע אריבערשלעפּען אהער. נאָך פּסח וועל איך... אָי, מיינע טייע־רע קאָפּיקעס! עס ווילט זיך מיר גאָר נישט אויסגעבען אייך, איך וואָלט וועללען אייך אייביג, אייביג האַלטען, אויפ'ן האלז טראָגען, אלעמען ווייזען...

ארבייטען איז מיר גאָר נישט שווער געוועזען! איך האָב גע־

ארבייט מיט אזא פערגניגען, אזוי לייכט, אזוי פלינק. די הענד ברע־כען מיר אפילו, נור דאָס איז אלץ פון די זאכען! איך וויל זיך אפילו נישט צוהערען. ניין, א ליגען, עס טוט גאָר נישט וועה, עס העבט מיר גאָר נישט אָן וועה צו טון. ביי דער ארבייט האָב איך געוואָלט זינגען, שפרינגען. מיר איז געוועזען אזוי פרעהליך, א! עכ האָט זיך מיר געוואָלט ארומנעמען אלע וועלגערקעס, קוסען זיי, האלזען זיי ווי שוועסטער... נישט ווי מיינע, נאטירליך. וואָס וואָלטען גע־זאָגט מיינע שוועסטער, ווען זיי וואָלטען מיך דערזעהן אין פאד־ריאד? עס וואָלט זיך פון זיי קערען די וועלט! גאָר, אוים, איך האָב זיי שוין פערשווארצט די אויגען, זיי וועלען שוין קיין שדוך נישט קאָנען טון... און פון די עלטערן וואָלט זיך דאָס א ביסעל געטאָן! או־הא! זיי וואָלטען קברים געריסען. סטייטש יאַשע געציל'ס טאָכ־טער שטעהט אין א פאָדריאד! מען דארף זעהען, אז זיי זאָלען זיך דערוויסען... זאָלען זיי... אוי, סאר' א שלעכטע איך בין! לאה וואָלט שוין מיר אויסרערען. אָהן א גאל איז עפּים די לאה...

נור בייז איז דער מצה־רעדלער ביי אונז אין פאדריאד! ער שטעהט מיט אזא מינע, גלייך ער ווארט, מען זאָל איהם נור זאָגען א וואָרט, ער זאָל זיך אָנהעבען צו זידלען. ער האלט די אויגען אויף די מצות און העבט זיי זעלטען אויף. אויף זיינע איינגעצוי־גענע ליפּען ליעגט א שלעכטער, בייזער שמייכעל...

לאה'טשקע, זעהט נור, מיינע ערשטע פערדיענטע פיערציג קאָפּיקעס!...

דריטער טאָג.

ווער איז צו מיר גלייך? א קרומער אודאי נישט. אָט האָב איך נאָך פיערציג קאָפּיקעס! נעכטען האָב איך געוואָלט מאכען א באל פאר די ערשטע אָנגעהאָרעוועטע, מיט'ן אייגענעם שווייס פערדיענטע, פיערציג קאָפּיקעס. לאה האָט מיך געוואָלט אָבהאלטען. איין עברה געלד, האָט זי געזאָגט. נור איך האָב זי נישט געפאָלגט. איך האָב געקויפט איין אפּעלסין אָדער, ווי מען רופט עס דאָ אָן, א פּאָמעראַנץ, פאַר גאַנצע אַכט

גראָשען, פיער קאָפּיקעס... איך האָב געקוקט דער אידענע, ביי וועל־כער איך האָב איהם געקויפט, אין די אויגען אריין: צו פיהלט זי, אז די אכט גראָשען האָב איך אליין פערדיענט? איך האָב איהר געוואָלט ווייזען דאָס גאנצע געלד... איך האָב איהר געוואָלט טאקי זאָגען, אז די גאנצע פיערציג קאָפּיקעס האָב איך אָנגעהאָרעוועט אין איין טאָג, איך האָב איהר אפילו די מאָזאָליעס געוואָלט ווייזען...איך האָב געוואָלט רעדען א סך, א סך; נור איך האָב עפּיס קיין ווערטער נישט געפונען.

„זעהט,“ האָב איך מיך לסוף נישט איינגעהאַלטען, „דער פיער־ציגער איז א סך עלטער פאר'ן צעהנער און דאָך נייער...“

„איז וואָס,“ האָט מיר די אידענע געענטפערט, ארויסנעמענדיג א הויפען קליין־געלד פון קעשענע און זוכענדיג א קאָפּיקע רעשט פון צעהנער, „דער צעהנער איז אין מעהר הענד איבערגעוועזען.....“

„וויפיעל פערדיענט איהר א טאָג?“ איז מיר איינגעפאלען צו פרעגען און האָב געטראכט, אז אויב זי פערדיענט נישט קיין פיערציג קאָפּיקעס א טאָג, וועל איך איהר איין עצה געבען, שטעלען זיך אין א פּאָדריאד.

„וויפיעל עס מאכט זיך,“ האָט מיר די אידענע געענטפערט מיט א האלבען מויל און אפילו נישט א קוק געטאָן אויף מיר.

זי האָט מיר אָבגעגעבען דעם אויסגאָב. נור מיר האָט עפּיס דער צעהנער שטארק פערדראָסען. איך האָב געפיהלט, אז איך בייגק נאָך איהם. איך האָב א קוק געטאָן אויף דער אידענעס קעשענע, ווי איך וואָלט דאָרטען וועללען דערזעהן מ י י ן צעהנער, מ י י ן א י י־ג ע נ ע ן צעהנער... עס האָט מיר עפּיס באנג געטאָן, וואָס איך האָב לאה'ן נישט געפאָלגט און געקויפט דעם אפּעלסין... מיר איז אומע־טיג געוואָרען... כא, כא, כא, סאר' א נארר איך בין! לאה האָט שוין פון מיר געלאכט. נעבען איהר בין איך ווידער פרעהליך געוואָ־רען. מיר האָבען געמאכט א סעודה. איך האָב געגעסען מיין חלק מיט א גרויסען טעם. צו לאה'ן זיינען געקומען נאָך א פּאָר מיידלעך און איך האָב זיי געגעבען צו שטיקלעך אפּעלסין און אויס־גערופען: „איז מען מכבד מיט א שטיקעל אפּעלסין, וואָס גנענדיל

בת יאָשע געציל'ס האָט געקויפט פאַר אייגענע געלד, אָנגעהאָרעוועטע אין פּאָדריאַד פון מצה וועלגערן!" זיי האָבען געלאַכט, לאה האָט געלאַכט, און איך האָב געטאַנצט און געשפּרונגען און אַלעמען דערעסען מיט מיינע קוסען...

לאה האָט געוואָלט לייענען פאַר אונז א בוך, נאָר איך האָב נישט געלאָזען! מיר איז גאָר נישט געקראָכען אין קאָפּ. איך האָב נור דערצעהלט פון אונזער היימישען אויפפיהר און זיי האָבען געלאַכט. עס איז טאַקי א וואהרעס טעאַטער.

די זיעבען מוידען טרינקען טיי, אַלע זיטצען אָנגעבלאָזען — מען זוכט זיך עפּיס, ווי צו בינדען זיך איינע צו דער אַנדערער.

„ביי דיין דוואָשקע'ן אין קראָם איז שוין איין שטיקעל ציטץ", זאָגט די עלטערע שוועסטער דבורה גישע צו דער פיערטער, צו שימע'ן.

„אזוי פיעל וואונדען דיר, וויפיעל מעהר אלס איין שטיקעל," ענטפערט שימע.

„אָך, הלואי! איך האָב אליין געזעהען," שווערט דבורה גישע.

„זאָלסט אזוי זעהען א חתן!" שילט זי שימע.

„זעה דו קיין חתן נישט!" שרייט ארוים דבורה גישע, וועלכער עס געהט שוין דאָס נייען און צוואַנציגסטע יאָהר.

„איך וועל שוין געראַד זעהען, נור דו... או־הום, א סברא אז פערפאַלען!" לאַכט די דריי און צוואַנציג־יעהריגע שימע, אין וועלכער עס ליעבט זיך דוואָשקע דער שניט־קרעמערינס זוהן.

דבורה גישע געפינט קיין ווערטער נישט און גיעסט ארויף אויף שימע'ן דאָס גלאָז טיי.... נו, און עס ווערט א מלחמה!

לאה זאָגט, אז אין זיי זיינען שולדיג די עלטערן, און אין די עלטערן ווייטער איז שולדיג דאָס גאַנצע אידישע לעבען. צווישען די אידען, זאָגט זי, הערשען נאָך א סך מאוסע מנהגים און געוואוינהייטען. מען האלט נאָך פון יחוס; די פרומע יחסנים האָבען פיינד מלאכה און בעלי־מלאכות, וועיכען אוים די בילדונג. די עלטערן, זאָגט זי. האָבען נישט געקאָנט פערשטעהן מעהר, ווי אלע אידען... הום! ביי איהר איז קיינמאָל קיינער נישט שולדיג. און מען

מוז איהר מודה זיין: זי גיט עפּים אַלץ אַזוי ריכטיג צו פערשטעהן. נאָך אין דער היים, אַז זי האָט מיר אָנגעהויבען אויפצואווייזען, אַז איך לעב שלעכט, איז מיר יעדעס וואָרט אריינגעקראָכען אין האר־צען... איך האָב איהר נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. און, דאכט זיך, אַ פּראָסטע נייטאָרין!

דער רעדלער ביי אונז אין פּאַדריאַד איז, ווי איך פערשטעה, אויך קיין פּראָסטע זאַך נישט. ער ווייזט אוים זעהר איין עדעלמאַן. ער האָט זעלטען קלוגע אויגען — שוואַרצע אויגען, פייערדיגע. אַ שיינער יונג! איך וואָלט שווערען, אַז ער איז עהנליך צו... ניין, ביי יענעם זיינען גאָר גרויע אויגען און בלאָנדע האָר...

איז ער אָבער נאָך בייז, אַ גרויל! ער מוז נישט זעהר צופריע־דען זיין, וואָס ער ארבייט אין פּאַדריאַד: איהם מוז עס נישט אָנ־שטעהן. סאַר׳ אַ נאַררעלע! ערד גראָבען, שטיינער טראָגען, האָלץ האקען, אבי זיין זיך אַליין אַ בעל־הבית, נישט זיטצען ביי די על־טערן אויפ׳ן קארג און רייסען זיך מיט די היימישע. ווי פערשטעהט ער דאָס נישט?

ער האָט געמוזט אַ סך צרות איבערטראָגען, נעביך, מען זעהט נאָך זיין פּנים, נאָך זיינע קליידער...

אָ־אָך!...

שאַ, מען דאַרף שוין אוועקגעבען די שיך פעררינכטען.

פ י ע ר ט ע ר ט אָ ג.

איך קאָן עפּים גאָר נישט טון, איך וועל היינט נישט קאָנען צוהערען, ווען לאה וועט לייענען. מיין קאָפּ איז פערנומען.... עס איז מאוס פאר זיך אַליין... מיין קאָפּ איז פערנומען מיט׳ן רעדלער. וואָס קלייבען זיך די לאַנגע קאַפּאָטעס צו קוקען אויף איהם? וואָס איז ער, אַ בער, וואָס? ווילדע מענשען עפּים, פע!

ער האָט אויף מיר אויך אַ פּאָר מאָל אָנגעשטעלט די אויגען מיט אַזאַ כעס, אַז איך האָב מיך דערשראָקען. פאר וואָס איז ער אין כעס אויף מיר? אַז א י ך קוק אויף איהם, טו איך איהם עפּים שלעכטס? נור אַז ער וויל נישט, דאַרף מען נישט. איך האָב אראָב־

געלאָזען די אויגען; איך האָב זיך אָבער נישט לאנג געקאָנט איינ־האלטען. איך וויים אליין נישט — מיר ווילט זיך עפּעס קוקען אויף איהם; איך וויל טרעפען, ווער איז ער? וואָס איז ער פאר א מענש? איך האָב אויפגעהויבען די אויגען, איך האָב איהם געוואָלט זאָגען, אז אויף מ י ר דארף ער נישט זיין בייז. ער האָט אויף מיר אויך א קוק געטאָן, נור שוין נישט אזוי צאָרניג. ער האָט מיך אָנגע־קוקט נייגיעריג, גלייך ער וואָלט וועלען וויסען — ווער א י ך בין?

איך וואָלט עס איהר גרייליך געזאָגט: איך שעם מיך גאָר נישט, זאָלען אלע וויסען, אז יאָשע געציל'ס טאָכטער איז א מצה־וועלגערין, א גרויסע זאך! איך וועל מיך אפילו שטעלען דיענען, אבי צו פערדיענען מיין ברויט.

ווען איך וואָלט געהאט געלד, וואָלט איך מיך געלערנט איין ארבייט. לאה'ם בעל הבית'טע בעט ביי מיר דרייסיג רובעל.

אָי, געלד, געלד!... ווען איך וואָלט געהאט געלד!... א, וואָלט גוט געוועזען! איך וואָלט די ערשטע זאך — איהם געהאָלפען.... איך וואָלט איהם געליהען געלד... נאָט, טוט אייערס, לערנט זיך, וואָלט איך איהם געזאָגט. מען זעהט נאָך איהם, אז ער האָט זיך געלערנט.

איך וואָלט זיך אויך געלערנט... נור—מאלע וואָס!...

סאר' א ביטער רחמנות אויף איהם מוז זיין! ער נעמט מיר אוועק דאָס לעבען...

פ י נ פ ט ע ר ט אָ ג.

איך בין אויסער זיך, אויסער זיך בין איך! רבונו של עולם, וואָס ווילען זיי פון איהם? קלייבען זיך ארום איהם, רייצען זיך מיט איהם, נעמען איהם אוועק דאָס געזונד! וואָס שניידען זיי איהם דאָס הארץ?

ער האָט אלץ געקוקט אויף מיר, גלייך ער וואָלט ביי מיר אום הילף געבעטען; זיינע אויגען האָבען געברענט. נור איך האָב איהם געוואָלט בערוהיגען, איך האָב צו איהם געשמייכעלט. איך האָב איהם געבעטען מיט די אויגען, ער זאָל נישט אָנהעבען מיט די אידען. מיר

האָט זיך עפּעס נישט געוואָלט, ער זאָל זיך קריגען... ער האָט זיך אָבער נישט איינגעהאַלטען...

שולדיג בין איך! פאַר וואָס האָב איך געשוויגען? נישט ער האָט געדאַרפט קריגען זיך, איך האָב דאָס געדאַרפט טון. איך בין א גרויסער נאַרר, א שוטה — ווען מען דאַרף רעדען, שווייג איך! אָט, מיט די שוועסטער, אָ, קען איך מיך רייסען... אוי־אוי־אוי!

„איהר ווילט זעהען,“ האָט ער געשריען, „ווי איינער ראַטע־וועט זיך פון הונגער־טויד, פון א טשוואַק אין באַלקען?“...

איך האָב מיך שיער נישט צו־וויינט... איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטען, איך האָב געפיהלט, אז מיינע טרערען וואָלטען איהם נאָך מעהר צורייצט.

אזוי פיעל יאוש, אזוי פיעל יאוש... ווי ער האָט דאָס א וואָרף געטאָן דאָס רעדעל, ווי ער האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּף!

איך האָב מיך דערשראָקען, ער זאָל חלילה נישט אראָב פון זיי־נען, און בין צוגעלאָפען צו איהם צו בערוהיגען איהם....

איך וואָלט געוואוסט, וואו ער וואוינט, וואָלט איך געגאַנגען צו איהם. ער קאָנן נאָך קראַנק ווערען פון עגמת נפש... ער איז נאָך דאָ אפשר אַיין עלענד...

רבונו של עולם, דאָס האַרץ צורייסט זיך מיר.

שטאַרקער גאָט, העלף איהם אין זיינע נויטען!...

.1895

געשלאָגען דעם טאַטען

זיי, זיי רייצען מיך! זיי, זיי זידלען מיך!... „געשלאגען דעם טא־טען!“ פראים! דעם טאטען האב איך געשלאגען? א י ך וועל שלאגען דעם טאטען?!... כע!...

וואס אמת איז אמת, משגע בין איך. אזוי זאגט דער דאק־טאר, אזוי האט געזאגט אונזער שכן דער סטודענט און איך וויים דאס אליין.

איך בין קיין מענש נישט! איך בין, איך בין... איך האב שטענ־דיג געוואלט פרעגען ביי אונזער שכן, וואס בין איך אזוינס.... נור א מענש בין איך געווים נישט.

ער פלעגט מיר זאגען, אז א מענש דארצ האבען אייגענעם שכל, אייגענעם ווילען און דארף קאנען אויספיהרען זיינס... איהר פער־שטעהט איהם? איך — אסור. ווי איז דאס, איך בעט אייך, איין אייגענער שכל און ווילען?

נור ווי די מעשה איז — קיין מענש בין איך נישט. אבער שלאגען דעם טאטען?! איך?! ווי הייסט?!...

וואס אמת איז אמת — מיך האט דער טאטע גאנץ אפט גע־שלאגען, אפילו צו אפט... „טירריבוינץ“ אין קאפף... „טירריבוינץ“ אין הארץ... איך האב געשמייכעלט, שטענדיג געשמייכעלט, ביז עס פלעגט נישט אנהעבען געהן בלוט. לאזט זיך בלוט, ווער איך אבהענדיג, כי הדם הוא הנפש — דאס בלוט איז דאך דאס לע־בען!... ד א ס איז שוין איבריג, ד א ס דארף מען שוין נישט... נור געשוויגען האב איך, שטענדיג געשוויגען. קיין ווארט נישט הויך, קיין פיפס... צו וואס?...

און דער טאטע האט געשלאגנז סכנות׳דיג... איינמאל איז גע־וועזן אזא מעשה:

עס האט זיך צובראכנז אייז אלטע מאשין. דער טאטע האט אבגערעכנט דעם ארבייטער פינף רובל פאר פעררריכטנז זי.

דער ארבייטער איז אבגעוועזן ביים טאטנז צוואנציג יאהר; ער האט זיך נאך מיט מיר געניאנטשעט, ארומגעטראגנז. אייז ערליכער מענש געוועזן, א שווייגענדיגער. מסתמא אויך קיין מענש נישט, כע...

דאס רחמנות־פנים׳ל פון דעם ארבייטער, זיינע שבועות דורך טרע־רענז, אז ער איז נישט שולדיג, האבנז מיך געריהרט. „טאטינקע,״ האט זיך מיר ארויסגערעדט, „טאטינקע, אייז עולה טוסט דו... א רחמנות... ער איז נישט שולדיג... אייז אלטע מאשיז״... נו, נו, האב איך געהאט! די אויגנז זיינע געוועזנז אונטערגעשלאגנז, פון נאז איז מיר געגאנגנז בלוט. איך האב געשוויגנז. מיך האט מעהר נישט פערדראסנז אויפ׳ן טאטנז — גערעכט ביז א י ך דאך... א רחמנות אויפ׳ן ארבייטער איז דאך געווים... און בלוט האט געגאסנז — א גאנץ עמער! איך האב אודאי צעהן קווארט וואסער איבער־געפיהרט. גוט נאך, וואס איז אונזער דירה איז א וואסערלייטונג... איז דער אלטער דירה וואלט גאר שלעכט געוועזנז... דארטנז איז פאר נאכט קיין מאל קיין וואסער נישט געוועזנז איז שטוב...

נאכדעם ווייטער איז געוועזנז אזא מעשה. איהר מוזט עס הערנז! א י ך האב געשלאגנז דעם טאטנז, כע!

ער האט מיך איינמאל געטראפנז איבער א בוך... איך האב זעהר ליעב ביכער צו לענז... דער שכן פלעגט מיר געבנז... האט ער מיך, דער טאטע, געווארפנז אויף דר׳ערד, געטאפעט מיט די פיס איז קאפף, איז בויך, איז הארץ... בלוט איז געגאנגנז פון די ציינ און פון נאז. איך האב געשוויגנז. עס האבנז נור די קלעפ געהיל־לעכט. נור, אז ער האט דאס בוך געריסנז, האב איך די האנד אויסגעשטרעקט און א קוק געגעבנז ברוגז׳ליך אויפ׳ן טאטנז. „דאס איז א פרעמדס בוך, א גוטס, איין עברה,״ האב איך ברוגז׳דיג געשטא־

מעלט. איך האב דערפאר בעקומען נאך א פארציע... נאכדעם האט מיך דער טאטע אויף דריי טעג פערשלאסען, וועניג עסען געגעבען און אלע טאג געשלאגען. איך בין געזעסען און געלייענט די שטיק־לעך פון בוך, וועלכע איך האב אריינגע'גנב'עט צו זיך אין קעשענע... כי, כי, כי... עס האט מיר באנג געטאן נור איין זאך: אויף איין שטיקעל איז געשטאנען, אז דער העלד איז געלאפען טרינקען זיך, און איך האב דעם סוף נישט געוואוסט... עס האט מיר טאקי באמת באנג געטאן און רוהען ניט געלאזט...

אבער שלאגען דעם טאטען ?! כע־ע!

דא צום סוף... נאר איך שעם מיך צו דערצעהלען... א ליעבע, כע!... איהר הערט, ווי מיין קול ציטערט ? איך קאן קאלטבלוטיג ניט רעדען וועגען דעם. זי וואהנט נעבען אונז, א טיר נעבען א טיר... איך זאג אייך — א טייערינקע, א ליובינקע, א גאלדעלע.... זאג איך אייך! שטענדיג זיטצט זי איבער איין ארבייט. מיט דער נאדעל האלט זי אוים איהרע עלטערן. שטיל ווי א טייבעל. קיינמאל קיין אונצופריעדען ווארט נישט; שטענדיג גוט צו אלעמען; שטענדיג מיט א ווארט רחמנות!... איך זאג אייך... א, עס דריקט מיר דאס הארץ... א!.. איך זאג אייך — א זיסינקע, א הארציגע, א... א... א מאמינקע!.... איך פלעג צו איהר אפט געהן... איהר זעהט, א, איך כאפ קוים דעם אטעם... איך האב ליעב געהאט זיטצען און קוקען אויף איהר, נור קוקען, ניט אראבצונעמען איין אויג... דער טאטע האט מיך דערזעהען אריינגעהן צו איהר... איז ער אריינגעלאפען האסטיג נאך מיר גלייך, געכאפט פון טיש א מעשענעם לייכטער און געווארפען מיר אין קאפ... דאס ערשטע מאל, דאכט זיך, האב איך א וויטאג דערפיהלט... עס האט א שפריטץ געטאן דאס בלוט... דער טאטע האט מיך שוין געשלאגען מיט די פויסטען... דאס הארץ האט מיר געדריקט, שטארק געדריקט... עס האט מיר געברענט אין די אויגען. נור וויינען האב איך נישט געוויינט... געשוויגען האב איך: קיין ווארט נישט... עס איז מיר מעהר נישט זעהר אומעטיג גע־ווארען און פערדראסיג אויפ'ן טאטען, ווי ווארפט מען דאס א שווער

לייכטער איז קאפף?... און אז ער וואלט מיך געהרגעט? א גלייכ־ווערטעל איז דאס, וואס... נור איך האב געשוויעגען... זי האט זיך פאר מיר איינגעשטעלט... דער טאטע האט אנגעהויבען זי צו שלא־גען... און איך... עס האט מיך געווארפען ווי אין א פיבער... עס איז מיר געווארען אזוי מאדנע... איך האב געברענט... אז עס איז מיר לייכטער געווארען, איז דער טאטע געשטאנען א פערבלוטיגטער...

הם! האב איך איהם געשלאגען?!... א געלעכטער איז דאס דאך!...

דער דאקטאר זאגט, אז איך בין געריהרט... איהר זעהט, א, עס ווארפט מיך אין קעלט...

.1894

אַ קלויזניק.

כתריאל תודרוס דער ישיבה־בחור איז אומגעגאנגען איבער דער קלויז הין און צוריק שטארק פערטראגען — אזוי פערטראגען, אז ער האט נישט געפיהלט, ווי ווייסע חברה'ניקעס האבען איהם פון היג־טען צוגעבונדען שמאטעס, שטריקלעך, פאפיערלעך, און אנגעקלעבט אויף איהם א געל שטיקעל פאפיער, אויף וועלכען זיי האבען אנגי־שריעבען מיט גרויסע אותיות אזעלכע מיאוסע ווערטער, וועלכע הא־בען אנגעצונדען ווי א פייער דעם אלטען גביר שמעלקע וועלוועלעס. ער האט זיך צושריען הויך אויפ'ן קול, אז די גאנצע קלויז האט גע־הערט, אז אויף די קבצנים איז אסור לרחם, ווייל זיי צולאזען זייערע קינדער און געבען זיי נישט קיין רעכטע ערציעהונג. ער האט נאך צוגעזאגט פינף קאפיקעס אויף שנאפס דעם, ווער עס וועט געפינען די יונגאטשעס, וועלכע האבען עס געטאן: ער וועט זיי שוין אנ־לערנען, זיי וועלען שוין דאכט זיך מעהר קיין כח נישט האבען צו שרייבען אזעלכע ווערטער, ער וועט שוין אויסבעסערען זייער ער־ציעהונג. — אויך דער שטאדט־מגיד האט שבת דערמאנט דאס פאַ־פיערעל אין זיין דרשה און געזאגט, אז אזוינס איז נאך ניט געהערט געווארען אין א מקום קדוש, זינד די ערד איז א פוס־בייגקעלע ביים כביכול. מען זעהט, אז גאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט און וואס ער טוט מיט אידען נאך אזעלכע זאכען איז נאך אלץ ווייניג. די גאנצע שטאדט האט געקלונגען מיט דעם פאפיערעל, נור אין כתריאל תודרוס איז רוהיג געווען, כאטש פון דעם פאפיערעל איז איהם געבליעבען א זעהר מיאוס'ער צונאמען, מיט וועלכען עס פלע־גען איהם רופען אפילו גבירישע קינדער. דעם נאמען האט צום ערשטען מאל ארויסגערעדט טאקי שמעלקע וועלוועל אליין, ווערענ־

דיג איז כעס אויף כתריאל תודרוס׳ן דערפאר, וואס עס אינטערע־סירט איהם גאר נישט די גאנצע מעשה, ווי נישט זיין זאך גאר, און וויל נישט דערגעהן, ווער די ווייסע חברה׳ניקעס זיינען געוועזען. כתריאל תודרוס האט אפילו נישט געהערט, וואס שמעלקע וועלוועלס האט גערעדט צו איהם, ווייל ער איז געוועזען שטארק פערטראגען. ער האט נור געפיהלט, אז מען שטערט איהם נאכצוגעהן נאך זיינע געדאנקען. ער האט פריי אבגעאטעמט, אז אלע זיינען זיך צוגאנ־גען פון קלויז און ער איז געבליעבען אליין. דאמאלט האט ער זיך אבגעשפיעלעט דעם ראק, פערנאנדערגעמאכט דאס העמד און אויס־געצויגען זיך אויף א באנק. א זיסער שמייכעל איז געלעגען אויף זיינע ליפען און אפט פלעגט ער זיך צוגיסען אין א שטילען גע־לעכטער. —

זיסע געדאנקען!

זיי ליעגען ביי איהם אין קאפף פון אין דער פריה, ווען זיין חבר ברוך בינוש, וועלכער האט נעכטען חתונה געהאט, האט צום ערשטען מאל אנגעטאן דעם טלית.

עפּיס האט זיך כתריאל תודרוס בעת מעשה זעהר מאדנע גע־פיהלט. ער איז געשטאנען נעבען דעם חבר א צוגעשמידטער, האט נאכגעקוקט יעדער בעוועגונג זיינער, אין מויל אריינגעקוקט איהם, און א ברייטער חניפה׳דיגער שמייכעל האט זיך צוגאסען אויף זיין געזיכט. ער האט געגלעט דעם טלית, בעטראכט די ציצית און איז געוועזען א בעלן ביי קוסען די ציצית „אנטלייען" זיי ביי ברוך בינוש׳ן. ער האט זיך מעהר נישט געשעמט, נור גלייך האט עס איהם שטארק פערדראסען, און א גאנץ שמונה עשרה האט ער זיך לונג און לעבער אויסגעגעסען.

ויצענדיג אזוי נעבען חבר, האט זיך איהם פלוצלונג פארגעשטעלט א בילד, ווי ער, כתריאל תודרוס, שטעהט אנגעטאן אין א טלית. ער איז אויפגעשפרונגען פון ארט. דאס הארץ האט איהם שטארק גע־קלאפט, אין די שלייפען האט איהם געזעצט ווי מיט האמערס, און דאס געזיכט האט זיך אויף איהם אנגעצונדען. איהם איז געווארען אזוי געשמאק, אזא מחיה אויפ׳ן הארצען, אזוי פרעהליך, לעבעדיג,

אז ער האט זיך פערנאנדערגעלאכט אויפ'ן קול. ער האט זיך גלייך פערכאפט, ווייל מען האט זיך אומגעקוקט אויף איהם, און ער האט אנגעהויבען שטיקען זיך אין דער פויסט.

ער שטעלט זיך פאר, ווי ער טוט אן דעם טלית, וויקעלט זיך איין אין איהם, אריבערוואַרפענדיג איהם איבער'ן קאפּ, און זאגט „מה יקר" אזוי געשמאק מיט הארץ, מיט כח, אונטערשפּרינגענדיג, אז די גאנצע „פמליה של מעלה" לעקט די פינגער און אין קלויז קוקען אלע אויף איהם, און קוועלען פון איהם און ליבען איהם און ווילען איהם נאכמאכען. גאט אליין טאקי טוט אזוי אן דעם טלית — און דאס מיט דער הילף פון מלאכים... נור ער וויל נישט גאט פוגע בכבוד זיי און פערטרייבט פון זיך דעם רעיון. — ער שטעלט זיך ווייטער פאר א בילד, ווי נאך „מה יקר" לאזט ער אראב דעם טלית פון קאפּ און לעגט איהם אזוי שיין אוים אויף די אקסלען, אז זינד עס געהעי ביי אידען טליתים און כל זמן זיי וועלען געהן — און דאס, רעכענט ער, וועט נאך לאנג דויערן — האט נאך קיינער אזוי נישט געטראגען און וועט נישט טראגען! — און איהם האט זיך שטארק פערוואלט א טלית.

אבער צום טלית מוז מען בעקומען נאך עפּים — און דאס נאך עפּים איז איהם טאקי ווי א ביין אין האלז. דער עיקר, דאס ברייגגט ארויף אויף שלעכטע געדאנקען. דאס „נאך עפּים" איז דער פארם פון א נקבה שוויממט ארויף פאר די אויגען און בעשמוצט די ריינקייט פון דעם טלית. אך, ווען מען וואלט געמאגט טראגען א טלית אהן דאס „נאך עפּים". ער שטארקט זיך און פערטרייבט די שלעכטע געדאנקען און טראכט ווי צו בעקומען דעם טלית, היטענדיג זיך, אז דאס „נאך עפּים" זאל חס ושלום נישט אננעמען קיין בעשטימטע פארמען.

ער ווייס פון שדכנים. ברוך בינוש'ן האט אויסגעפיהרט דעם שידוך זלמן חיים דער שדכן. אבער ווען ער זאל ווארטען ביז די שדכנים וועלען זיך דערמאנען אויף איהם, קאן אוועקגעהן װער ווייס וויפיעל צייט. און דער ערשטער וועגדען זיך צו זיי, שעמט ער זיך עפּים. ווי זאגט מען דאס: „רב זלמן חיים, איך וויל חתונה האַבען!" אדער: „גיט מיר א ווייב!" מעשה גראבער יונג, פעו! ער

וואָלט אפילו געקאָנט זאָגען: „ר' זלמן חיים, מאַכט, איך זאָל אָנ־טון א טלית, כי־כי־כי!" אָדער גאָר: „רב זלמן חיים, גיט מיר א טלית!" קורץ און גוט, אָבער דאָך! ער פיהלט, אז עס ציטערט איהם דאָס הארץ און ער וועט נישט קאָנען רעדען.

דאָן טראַכט ער וועגען פערשיעדענע אַנדערע וועגען, אויף וועלכע ער וואָלט אפשר געקאָנט צוקומען צום „נאָך עפּיס." ער וואָלט געשוואָרען, אז ער האָט געהערט, אז מען קאָן אויסקומען אָהן א שדכן אויך. אָבער ערשטענס פיהרט זיך עס ביי גוים און אפּיקורסים. און צווייטענס, וויים ער איינפאַך נישט, ווי זיי טוען עס. — עס בלייבט ביי איהם צולעצט, אז ער וועט זיך דורכרעדען וועגען דעם ענין מיט ברוך בינוש'ן. ברוך בינוש איז א סך עלטער און פּראַקטישער — ער איז שוין עטליכע מאָל געוועזען א חתן. און גלאַט מיט ברוך בינוש'ן רעדט זיך איהם פרייער. ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויף איהם.

ער האָט זיך אריינגעלאָזען מיט איהם אין א שמועס, כלומרשט בלויז פון נייגיעריגקייט וועגען און ברוך בינוש האָט איהם איינפאַך ארויפגעלעגט שטיינער אויפ'ן הארצען:

„ווי שטעלסט דו עס דיר גאָר פאָר, אז מען קאָן חתונה האָבען אָהן א שדכן? מיינסט, אז מען קאָן דאָס לייכט אויסגעפינען, ווער די בעשערטע איז? צו אזא זאַך, שוטה איינער, דאַרף מען זיין מסוגל! אַט אפרים בער האָט מיר נישט געקאָנט אויספיהרען א שידוך, און זלמן חיים האָט געטראָפען מיין בעשערטע אין איינס און צוויי!... נו, טאַ ווי קאָן מען שוין חתונה האָבען אָהן א שדכן, פּרא אדם, דו?... שאַ, נאָך מעהר! דער גאַנצער וועלט איז ידוע, אז שמעלקע וועלוועל'ס איניקעל איז געוועזען פערקאַכט אין דער אַרמער ביילע ריבה'ס און האָט געשריען, אז נור זי מוז זיין זיין ווייב. זי האָט נאָך פון איהם אפילו א קינד געהאַט. און וואָס איז דער סוף? האָט ער טאַקי חתונה געהאַט אויף א נישט היגער און גענומען צוואַנציג טויזענד רובעל נדן, און דעם שידוך האָט אויס־געפיהרט משה נתנאל דער לאַנד־שדכן!... נו, בהמה?..."

כתריאל תודרום האָט געמוזט צוגעבען. יאָ. ברוך בינוש איז

גערעכט. לית ברירה, מען מוז זיך מאכען הארץ און רעדען מיט זלמן חיים'ען.

רעם גאנצען דאווגען האט ער זיך ארומגעדרעהט ארום דעם שדכן, דאווענענדיג הויך, מיט טעם, שארף ארויסרעדענדיג יעדעס ווארט, און מאכענדיג א ברייטען חניפה'דיגען שמייכעל, ווי נור דער שדכן פלעגט א קוק טון אויף איהם. נאך מנחה האט דער שדכן ארויסגענומען זיין ליולקע צו פעררויכערען און כתריאל תודרוס איז צוגעשפרונגען צו איהם מיט א שוועבעלע. ער איז געבליבען שטעהן נעבען דעם שדכן, קראצענדיג זיך הינטער'ן רעכטען אויער און מיט'ן שמייכעל אויף די ליפען.

„כי!"

דער שדכן האט אויף איהם פרעגענדיג א קוק געטאן.

„כע!"

„וואס איז דיר, וואס קוועטשטו זיך?"

„כי! כע!... איך וויל... כי!... איך וויל..."

„ווילסט א כלה?"

„כי־י־י! יא!... ניין!... איך וויל א טלית!... כע!..."

דער שדכן האט אויסגעשטעלט די אויגען.

„ביזט משגע צי חסר דעה? איך האנדעל נישט מיט טליתים — איך גיב נור כלות."

„כי, כי, כי!... איך... מיין דאס טאקי, כי!... איך וויל אבער דער עיקר... כי!... דער עיקר וויל איך א טלית... גיט מיר א טלית!..."

דער שדכן האט אויסגעשפיגט און איז אוועקגעגאנגען, לאזענדיג כתריאל תודרוס'ען מיט דעם ברייטען שמייכעל אויף די ליפען, מיט דער האנד הינטער'ן אויער און מיט א „כי" אין האלז. כתריאל תודרוס האט איהם נאכגעקוקט, ביז ער איז ארויס פון קלויז, און דאן האט ער אראבגענומען די האנד פון הינטער'ן אויער און גע־מאכט א זויערע מיענע. וואס טוט מען יעטצט? שטארק פער־טרויערט איז ער ארומגעגאנגען איבער'ן קלויז מיט פערשיעדענע פלענער אין קאפ. פלוצלונג איז ער רויט געווארען, אין קאפ איז

איהם געווארען ווארם, און ער האט אנגעהויבען שנעל ארומצוגעהן. מען האט איהם אבער גלייך אבגעשטעלט.

„וואס ביזטו משגע, וואס ? דיר ווילט זיך איז דער פריהענדיגע? ווילסט נאך א צעטעל?" מען האט איהם אנגערופען מיט'ן צונאמען.

כתריאל תודרוס איז ארויס פון קלויז. ער איז געבליעבען שטעהן אויף די טרעפ און האט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, און זיי האבען אויסגעדריקט א ווארם געבעט. „רבנו של עולם, שיק מיר אראב א ביסעלע נבואה... א הארעלע נבואה.... כאטש אויף איין מאל. מעהר וויל איך נישט... מעהר דארף איך נישט.... רבונו של עולם !.. א טראפען טאקי ! אויף איין מאל נור מסוגל זיין ! גרויסער גאט, איך וויל דיר דאך דיענען אין א טלית !..."

טרערען האבען זיך איהם אזש אנגעשטעלט. און אין א ווייל ארום האט ער זיך אנגעהויבען צו פיהלען עפיס מאדנע. איהם האט זיך געדאכט, אז אויף איהם ציעהט זיך אן איין אנדער הויט און איהם איז זעהר פרעהליך געווארען. ער איז אריינגעלאפען אין קלויז, וואו מען האט שוין געדאווענט מעריב, און ער האט זיך געשטעלט דאווענען מיט אזא טעם, מיט אזא היץ, אז חיים ליב דער נסתר האט עדות געזאגט, אז נאך אזא תפלה און ער וואלט משיח'ן אראבגעבראכט. מיט דערזעלבער היץ האט ער געלייענט קריאת שמע פאר'ן שלאף, מיט דערזעלבער היץ האט ער אויף מארגען אין דער פריה געדאווענט, משניות געלערנט און תהלים געזאגט. דאן האט ער געפיהלט, אז ער האט שוין אין זיך דעם כח פון נבואה. נור אז עס זאל זיין רעעלער, האט ער זיך טובל געווען אין דער מקוה, וועלכע רייניגט, ווי בעקאנט, די אידען און מאכט זיי מסוגל מקבל צו זיין די קדושה, כאטש זי האט א ווידער-ריח. פון דער מקוה איז ער ארויס, רייבענדיג די הענד פאר נחת — ער האט געפיהלט אויף זיך די שכינה.

און די שכינה, וועלכע האט אויף איהם גערוהט, האט איהם אונטערגעזאגט, אז ער זאל געהן איבער די גאסען, און אויב, בעגעגענענדיג א מיידעל וועט זיך איהם אויסשרייען: „יא !" איז דאס זיין בעשערטע, און אויב: „ניין !" איז ניין.

ער האט זיך געלאזען געהן. דאס הארץ האט איהם געקלאפט און ער האט מורא געהאט צו קוקען אויף די פארבייגעהער — אפשר פערשטעהען זיי, צוליעב וואס ער געהט ארום איבער די גאסען. עס האט זיך בעוויעזען א מיידעל, און עס האט זיך איהם אנגעהויבען צו מישען אין קאפף, און עס האבען איהם געציטערט הענד און פיס. ער האט זיך געלאזען לויפען ענטגעגען איהר.

„יא—ניין !" האט ער אויסגעשריען אזוי משונה, אז ער אליין האט זיך דערשראקען און איז ענטלאפען אהן א נשמה צו דער קלויז. דערזעהענדיג די קלויז, איז ער געקומען צו זיך, האט זיך ארומגע־קוקט און דערשראקען — מען זאל איהם נישט אננעמען פאר משגע. ער איז געווארען אויף זיך אליין אין כעס און האט זיך אויסגעזידעלט מיט דעם נייעם צונאמען. ער האט געמאכט א מיענע פון א גע־שעפטסמאז, אנגעקנויטשט די שטערן, דאס היטעל אראבגערוקט אויף די פאטיליצע און געלאזען זיך געהן מיט גרויסע טריט, נור לאנגזאם. ער האט זיך געפיהלט שטארקער.

ענטקעגען זיינען אנגעקומען צוויי מיידלעך, גלייך נאך זיי דריי אויף א מאל. ער האט פערלארען א ביסעל דעם מוט און איז ארי־בער אויף די אנדערע זייט. ביים עק גאס האט ער זיך פלוצלונג צו־זאמענגעטראפען מיט א נקבה. ער האט געמאכט א טריט צוריק, נור גלייך ארויסגערעדט שארף: „ניין !" — ער איז געווארען מונטער. עס געהט שוין, הייסט עס, אויף א שטייגער, און פרעהליך בעוועגען זיך זיינע פיס. אז אין דער ווייטענס געהט א מיידעל, נור ער שרעקט זיך שוין נישט, ער געהט איהר פעסט ענטגעגען. אבער דאס מיידעל האט גאר פערקערט אין איין אנדער גאס, און ער איז געבליעבען מיט גאר נישט, און עפיס מאדנע אויף'ן הארצען. ער איז אבהעהנדיג גע־ווארען און עס בלייבט ביי איהם דורכצוגעהן נאך א פאר גאסען און גאר: וועט זיין — וועט זיין, און אז נישט... נור ער ענדיגט נישט דעם געדאנק. עס איז איהם שווער אבצוזאגען זיך פון זיין אונטער־נעהמונג. עס מוז זיין, עס וועט זיין,·ער האט היינט אין זיך דעם כח פון נבואה ! ער וועט געהן נאך א פאר גאסען און אפשר מעהר.

ע״ וויים ?... ער וועט שויז זעהן... נור ער וועט געהן שנעלער — ער וועט פערקירצען דעם וועג.

איז א טיר פון א קראם בעוויזען זיך קליידער־סמנים פון איין ארויסגעהענדיגער נקבה. ער לאזט אראב די אויגען צו דער ערד, מאכט די ערנסטעסטע, בעשעפטיגסטע מיענע און געהט שנעל מיט פעסטע טריט, זעהענדיג פאר זיך דעם זוים פון א קלייד. און אז ער האט אנגעיאגט דעם זוים פון דעם קלייד, האט זיך איהם אויס־געשריען „יא!" און עס האט איהם א ריס געטאן אין הארצען און ער האט געוואלט א שפרייז טון פאראויס.

אבער די טרעגעריז פון דעם זוים האט זיך א טרייסעל געטאן פון זיין אויסגעשריי און אויסגעדרעהט זיך צו איהם.

„טפוי, צו דיין קאפף, צו דיינע הענד און פים!..."

ער איז געבליעבען א פערציטערטער און האט אויפגעהויבען די אויגען.

פאר איהם איז געשטאנען — —זיין אייגענע באבע.

.1893

אַ היינטמאָדישער ראמאַן.

דער ראמאן איז אהן ווערטער. אפילו אהן שבועות. אפילו אהן „הימעל, מאנד און שטערן“. דאס זיינען אלטע ליעדער פון אלטע צייטען.

קורץ.

זי שטעהט נעבען פענסטער אין איין העמד און אין איין אונ־טערקלייד און ווישט זיך דאס געזיכט — זי האט זיך ערשט איינ־געוואשען.

ער שטעהט נעבען פענסטער ביי זיך אין צימער געגענאיבער אין הויף און קוקט זיך גוט צו... ער איז אין גאנצען ארייגעטאן אין קוקען.

זי העבט אויף די אויגען און, דערזעהענדיג, אז א בחור קוקט אויף איהר, טרעט זי אב א ביסעל אן א זייט. פון איהר ארט ווארפט זי בליקען אויפ'ן בחור. זי דארף וויסען, צו לאהנט עס זיך ווידער צו צוגעהן צום פענסטער.

ער וויים, אז זי קוקט אויף איהם, און ווערט דרייסטער. ער בעשליסט שטעהן בלייבען און „א שפיעל טון זיך“ און דרעהט זיינע געדיכטע וואנסען.

זי געפינט, אז „עס לאהנט“ און העבט זיך אן צו דרעהען ארום פענסטער, ווי זי וואלט עפיס דארטען געזוכט, כאטש דארטען איז גאר נישט געלעגען. נור זי העבט די אויגען...

זייערע בליקען טרעפען זיך.

ער איילט א נייג טון זיך און שמייכעלט דאביי.

זי צושמייכעלט זיך אויך און שפרינגט אב פון פענסטער. איהר געפעלט דאס שפיעלען זיך.

ער ווערט נאך דרייסטער. ער איז שויז כמעט זיכער, אז „עס וועט געהן".

זי בעוויזט זיך ווייטער, פערפלעכט דעם צאפ און קוקט צו ביסלעכווייס.

ער פערנייגט זיך ווידער; זי שמייכעלט און בלייבט דאך שטעהן.

צום פיערטען מאל ענטפערט זי אב מיט א נייג, צולאכט זיך און לויפט אוועק. זי בעוויזט זיך ניט גאנצע פינף מינוטען, און וועלכע זי איז א „רואה ואינה נראה" — זי זעהט איהם, נור ער זעהט זי ניט.

ער דרעהט אוים דעם האלז, בייגט דעם קאפף, קנייטשט די שטערן. — ער קוקט אוים די אויגען. נור ער זעהט זי נישט. ער ווערט אפילו אומגעדולדיג און זידעלט זי צווערשט מיט „נבלה" און „פאסקודע" און דערנאך מיט'ן „איז טאטען אריין און דער מאמען פערבייסען".

זי זעהט עס אלץ, בעמערקט עס אלץ און פון דער בעוועגונג פון זיינע ליפען פערשטעהט זי, אז ער האט זי נישט געבענשט, און — זי האט הנאה. לסוף בעוויזט זי זיך, פערשפיעלענדיג דעם קארסעט.

ער דראהט איהר מיט'ן פינגער.

נור זי לאזט אראב די אויגען, ווי זי וואלט געזוכט א העקעל אויפ'ן קארסעט און מאכט אייז ערנסטע פערקלערטע מיענע — — —

איהר מאמע געהט צו צו'ם פענסטער.

ער לאזט געשווינד אראב די אויגען, שפארט זיך אן אן פענסטער און קוקט אריין איז הויף, וואו ביידע טאטעס האבען זיך גע'עסק'ט מיט דער סוכה, שטעהענדיג איז איינע ארבע־כנפות'ען.

זי נעמט זיך צום קעמעל און העבט אן פלייסיג, מיט א פערזארגטען געזיכט, צו בארשטען די פערבארשטענע האר.

ביידע קוקען געגנב'עטערהייד איינס אויף דאס אנדערע. טרע־פענדיג זיך מיט די בליקען, שמייכלען זיי.

די מאמע געהט אב.

ער גלייכט זיך אוים, קוקט זיך איין, צו קוקט נישט די מוטער,

און פרעגט מיט א שאקעל מיט'ן קאפּ, צו איז די מאמע נאך דא. זי ווינקט מיט דער האנד, אז די מאמע איז ארוים.

איין „עת־רצון" — און ער שיקט איהר א קום.

אוןביידע לאכען.

ע ר איז שוין גאר אין גאנצען זיכער, אז „עס געהט". ער העבט שוין אן דורכצורעדען זיך מיט איהר. אהן ווערטער — די מאמעס אין שטוב, די טאטעס אין הויף. ער בעווייזט איהר אין דער זייט פון שטאדט־גארטען און העבט אויף זעקס פינגער. ז י העבט אויף זיעבען פינגער און ע ר איז מסכים.

און פארנאכט, נאך זיעבען א זייגער, זיצען זיי שוין ביידע אין שטאדט־גארטען אין א פערוואָרפענעם ווינקעל אויף א בעזונדערען ביינקעל אונטער א געדיכטען בוים. זיי ווייסען, אז זיי האבען זיך ביידע גענארט, רעכענענדיג איינס דאס אנדערע פאר א סך שענער. נור זיי זיצען גאנץ נאהענט איינס נעבען אנדערען, ווייל.... וואס האבען זיי וואס אנצו־ווערען?...

.1896

אין משגעים-הויז.

.1

מען האט געזאגט, אז איך בין משגע און געטייטעלט אויף מיר מיט די פינגער. געפרעגט, וואס מאך איך, און דערביי מודיע גע־וועזן, אז איך זעה שלעכט אויס, אז איך בין געל ווי א וואקס, אז איך דארף אריין צו א דאקטאר. איך ווייס, אז מען מיינט עס מיין מח. אבער מיך ארט נישט. זאל מיך דאס אפילו א טשעפ טון. איך דאנק אב פאר דער עצה און געה מיר מיין וועג. אדער איך בלייב שטעהן און קוק דעם בעל עצה אין די אויגען אריין מיט איין אי־ראניע־שמייכעל, ביז ער פערליערט זיך אדער דערשרעקט זיך און איילט צו אנטלויפען פון מיר. דאן לאך איך, לאך איך! דאס טוט מיר שטארק הנאה. איך האב בטבע ליעב צו שטעלען די לעדיג־געהער אין איין אונאנגענעהמע לאגע.

פארכעס!... מאכען מיך משגע און בערוהיגען זייער געוויסען.

זיי פלעגען לאכען פון מיין אלטען, געלען קאפעליוש, וועלכער האט בעקומען נאך אייניגע קאלירען און אין עטליכע ערטער צושפאל־טען זיך. זיי פלעגען לאכען פון מיינע אלטע צוריסענע הויזען, פון וועלכע עס האט ארויסגעקוקט מיין שווארץ, ברודיג העמד און מיין הוילער, קויטיגער לייב. זיי פלעגען נאכקוקען נאך מיר און לאכען און בעדויערן מיך. „פשוט שטארק משגע, א ביטערער רחמנות!“

און איך פלעג ווערען א פערברענטער.

„וואס ארט אייך?“ פלעג איך אויסשרייען. „וואס לעגט איהר רחמנות אויף מיר? פאר וואס ארט אייך ניט, פאר וואס רופט ביי אייך ניט ארויס קיין רחמנות אן אייער מאשינענדרעהער, אייער וועגעלפיהרער, אייער קוילענטרעגער. אז קוקט ביי זיי אויך ארויס

דער ליִיב פון זייערע צוריסענע, צובראָכעלטע הויזען, און קיין העמד איז גאָר ניטאָ אויף׳ן לייב!"

„יענע," שטאַמלען זיי, „זיינען אָרמעלייט, זיי האָבען נישט פון וואַנען, מוזען זיי אַרומגעהן אַזוי. אָבער דו?!..."

„און איך?!... רייך בין איך?!... פון וואַנען?! פון וואָס?! ווייל מיין טאַטע האָט אָנגעלעבט אַ קאַפּיטאַל מיט׳ן פּרעמדענס כח?!..."

„הערסט," רייסען זיי מיך איבער, „ביזטו דאָך טאַקי משוגע! ביזט..."

נור מעהר הערען קאָן איך ניט. איך כאַפּ דעם קאָפּ אין די הענד. דריק מיר שטאַרק די שלייפען און ענטלויף, ענטלויף... שטעהן בלייבען טאָר איך ניט. איך פיהל, אַז דאָס בלוט העבט אָן צו זידען, דאָס האַרץ וויל זיך מיר אַרויסרייסען, און די הענד בייסען מיר. נאָך אַ מינוט — און יענער וואָלט אַוועקגעהן פון מיר אַהן אַ נאָז, אַהן אויגען. ניין... אַ טוידטען וואָלט מען איהם צוגענומען פון מיר! עפּיס וואָלט איך אַהן איין אויפהער געצופּט, געקניפּען, געביסען, גע־ריסען, און פון מיין האַרץ וואָלטען געגאַנגען משונה ווילדע קולות... ענטלויף איך בעסער. —

.2

רייך בין איך!... אויף מיין טאַטען האָבען געאַרבייט הונדערטער מענשען, וועלכע האָבען קוים געשלעפּט די פיס קוים דערהאַלטען די נשמה און ער איז פון טאָג צו טאָג רייכער געוואָרען, כאָטש ער האָט אַ סך פערשפּיעלט אין קאָרטען און פערהוליעט. און אַז ער האָט גע־וואָלט פאַר וואוילטאָג מאַכען איין אַנזעץ, האָט ער פערנאַנדערגע־לאָזען די גרעסטע העלפט אַרבייטער, וועלכע האָבען דעם מאָרגענדי־גען טאָג שוין נישט געהאַט וואָס צו עסען. וועל איך מיך בענוטצען מיט דעם געלד?!... דאָס געלד געהערט עפּעס מיר?!.. רייך זיי־נען מיר!! בעלי־בתים זיינען זיי — די אונגליקליכע, ביטערע, פינסטערע, הונגעריגע!.. זיי געהערט מיין טאַטענס געלד! יעדען גראָשען, וואָס פאַלט אַריין צו מיר פון טאַטען, מוז איך זיי אַוועק־

געבען כאטש קוילעט מיך, כאטש הרג'עט מיך, כאטש רופט מיך הונדערט מאל אין טאג „משגענער" ! !...

„משגענער ? ! כא, כא, כא ! אפטמאל פלעג איך זיי הערען רעדען : „אט רעדט ער גאר ווי א מענש און איז נעביך גאר משגע." כא, כא, כא ! זיי פלעגען אויף א רגע ניט קאנען מיר פערגעסען דעם ביטערען, רוהיגען אמת ! איך פלעג מיך פערנאנדערלאכען דעם רעדער איז די חזיר'שע צורה אריין... איך פלעג מיך האלטען פאר די זייטען... ער פלעגט זיך פערליערען, דערשרעקען... כא, כא, כא !

3.

אט אויף ז י י, אויף די ארומינקע, האט מיך גערארד פערדראסען און פערדריסט עד היום. ז י י האבען מיך אויך געהאלטען פאר א ביסעל געריהרט. זיי האבען עם מיר ניט ארויסגערעדט, חס ושלום. נור איך האב פערשטאנען פון זייער אויפפיהרונג, פון זייער בענעהמען זיך מיט מיר. אין זייער גוטען, פריינדליכען קול האב איך רחמנות געהערט, מיטלייד געפיהלט. מיך האט דאס געקוילעט ! „ארומינ־קע ברידערלעך ! איך בין ניט משגע, גלויבט מיר ! פאר וואס בע־ליידיגט איהר מיך ?" עס פלעגען זיך בעוויזען טרערען אין מיינע אויגען, דער קערפער פלעגט מיר שוידערן. זיי פלעגען אנהעבען איינשטילען מיך, און אין יעדעם ווארט האב איך געהערט מיטלייד מיט א משגענעם !

„ברידערלעך !" פלעג איך ווייטער אנהעבען, ביטער, פערצווייי־פעלט. „זייט איהר דען שוין אזוי געוואהנט געווארען לעבעדיגע מאשינען צו זיין, אז אויף מיר קוקט איהר ווי אויף א משגענעם ? !"

זיי פלעגען שווערען, אז זיי פערשטעהען מיך, נור איך האב ניט געגלויבט און גלויב ניט. זיי האבען מיך גענארט, געטרייסט מיך — — —

איך טראכט און שמייכעל... כע ! אז זיי וועלען מיך פערשטעהן, ווי גליקליך איך און זיי וועלען זיין !...

.4

קינדער זיינען נאך מיר ניט נאכגעלאפען, מיט שטיינער ניט געווארפען, נור פון זייער ציטערדיגען, נייגיעריגען און שמייכלענ־דיגען קוקען, פון זייער אויסווייכען מיך, לאזענדיג מיר דעם וועג, ווייס איך, אז זיי אויך האבען מיך געהאלטען פאר משגע. ביז טרערען, ביז הארצוועהטאג האט עס מיך פערדראסען. א, וואלט איך וועלען געבען זיי צו פערשטעהן מיין הארץ, מיין מח! ערקלע־רען זיי אלץ, וואס עס קומט פאר צווישען מיר און זייערע טאטעס.

„קינדערלעך, קומט צו מיר!

קינדערלעך, איך ביים זיך נישט, איך טו קיינעם נישט קיין שלעכטס!

קינדערלעך, דאס לעבען, דאס ווארע לעבען האב איך! איך טראג עס אין אלע גליעדער, אין יעדעם פיטצעלע מארך!

קינדערלעך, קומט צו מיר, איך וועל עס אייך איבערגעבען אין שיינינקע מעשה'לעך. איהר דארפט עס, איהר העבט ערשט אן צו לעבען. — —

קינדערלעך!"

נור אומזיסט האב איך גערעדט. די קינדערלעך האבען מורא געהאט פאר מיר!...

.5

נור זי האט מיך פערשטאנען און זי איז מיין טרייסט געוועזען.

ליעבינקע, זיסינקע, ווי בייניק איך נאך דיר! גרונעניו, האר־צעניו, אט זעה איך דאך דיך! ברררר... איך וועל דאכט זיך פערנאנ־דעררייסען די ווענד און וועל מיך לאזען לויפען צו דיר, אז ניט... אז ניט, וועט צושפרונגען, צולאפנעט ווערען ביי מיר דאס הארץ!!...

איך טו עס! — א שפאר אין שויב! — — — אוכניעם!...

נור נייז... רוהיג, רוהיג... דער וועכטער געהט מיט'ן שטעקען... רוהיג, רוהיג... שא, שטיל, פאאינקע...

כע! געבונדען ביז איך! מען האט מיך צוגעבונדען... אוי־אוי־אוי, גרונעניו! עס ווייגט זיך מיר, גרונעניו! שלעכט איז מיר, גרונעניו!...

א־א. גרונעניו! זי האט מיך גוט פערשטאנען! זי האט מיך שוין ניט געהאלטען פאר משגע! א, נייז, נייז, נייז! גאר ניט! זי פלעגט זיך נאך מיט אלעמען רייסען פאר מיר. „משגע זייט איהר אליין!“ פלעגט זי ענטפערען פאר מיר.
גרונעניו!

.6

א נייטערקע איז זי געוועזען; האט געהארעוועט אויף איהרע קרובים און אליין קיין העמד נישט געהאט צום לייב. אויף איהר קוקענדיג פלעגט מיך גראד פערדריסען. זי, וואלט איך וועלען, זאל אומגעהן אין א גאנצען קליידעל, אין א ווייסען העמד. זי פלעגט לאכען פון מיר: „איין עגאאיסט ביזטו!“

איינמאל האב איך איהר געבראכט פון די ארומינקעס געלד, זי זאל זיך קויפען לייוואנד אויף העמדער, האט זי מיך ארויסגע־טריעבען פון שטוב.

„ביזט א מיאוס'ער עגאאיסט!“ האט זי זיך געבייזערט.

פון דאמאלס אז האב איך איהר שוין א ווארט נישט געזאגט. נור אין הארצען האט מיר געשניטען, ווי מיט מעסער, איהר צוריסען קליידעל, איהר שווארץ, ברודיג העמד.

אפשר בין איך טאקי איין עגאאיסט. נור אנדערש האב איך נישט געקאנט זיין. זי איז שטארקער פאר מיר. איך האב פאר איהר מורא געהאט. אפילו אז זי פלעגט בעטען ביי מיר מיין העמד אויסוואשען, פלעג איך איהר נישט קאנען אבזאגען. איך האב גע־פרובט, האב איך געהאט פון איהר א חלק!

כע, כע, כע! א שארפע צונג האט זי! צעהן אדוואקאטען וועלען זיך נישט קאנען אברעדען מיט איהר — — אר־אר־או, גרונעניו! וועלען מיר זיך נאך וועז עס איז זעהן?! א, יא, יא! כאטש פון קייטען וועל איך מיך ארויסרייסען! אט אזוי! — אר־אר־אר־אוכניעם! — — נור רוהיג, רוהיג. — — — —

.7

אלע האבען געזאגט אויף איהר, אז זי איז נישט א שיינע. זי אויך.

„ווי האסטו מיך ליעב,“ פלעגט זי רעדען, „אז איך בין קיין שיינע נישט?“

איך האב געלאכט. וואו ניט א שיינע! זי האט מיך מעהר נישט געררייצט.

„גראבע ליפען, גרויסע אויגען און א לאנגע נאז,“ פלעגט זי מיר אנהעבען אויסצורעכענען איהרע חסרונות.

וואו! כזב ושקר! עס העבט זיך גאר ניט אן. וואלט איך דאס גאר בעמערקט! איין אויג פלעג איך פון איהר נישט קאנען אראב־נעמען. איך וויים, אז פרייליין חאצקעלעוויטש פלעגט פאר מיר פארביינעהן, פלעגט מיר אנהעבען צו עקלען ווי פון א פראש, ווי פון א מיאוסקייט... איך פלעג מיך בעהאלטען פון איהר! און פאַ־טען קאנען זיך ניט אבזינגען פון איהר שיינקייט, און אלע שרייען, אז זי איז די שענסטע אין שטאדט. כע! אז אלץ איז ביי זיי פער־קערט! פרעמדע הארעוואניע אין זייער רייכטום, און איך — בין משגע!...

8.

א בעל מלאכה האב איך נישט געקאנט זיין. עפים געהען ביי מיר די הענד נישט. איך וויל ארייגשלאגען א טשוואק, פערדרעהט ער זיך ביי מיר, פארווארפט דאס קעפעל און בלייבט ליגען אויף איין ארט. „טאטעניו, הארצעניו, קריך אין וואנד, געה אין ברעט!“ בעט איך מיך ביי איהם, און ער — ניט פון ארט. איך ווער שוין אין כעס, איך כאפ איהם אזש נור בייסען. ער — ניין און ניין! פולע קעשע־נעס מיט טשוועקעס האב איך געהאלטען און פלעג שלאגען, וואוהין איך פלעג טרעפען — און גאר נישט! ניין און ניין — און עד היום!...

א נאדעל־פאדים מאכען — בשום אופן נישט, כאטש האקט מיר אב די הענד. עפים ווי דער פאדים וואלט מיט מיר געשפיעלט אין צו־להכעים. „איהר זעהט?“ זאגט מיר דער שניידער, און דער פאַ־דים ווערט ביי איהם כהרף עין אין אויערל. ביי מיר — ניין, און ניין, און ניין!...

„איהר טויגט נישט,“ זאגט מיר יעדער בעל־מלאכה. ער וואלט

מיר בעסער א מעסער אין הארץ אריינגעלאזען... איך האב מיר שוין איינמאל געוואלט געבען מיט א האק אין קאפ... דאס איז געוועזען ביי א סטאליאר. איך וויל א האק טון דא, און דער האק פערקריעכט אין האטץ־און־פלאטץ. איך וויל טרעפען דארט — ער פערפליהט אין בויבעריק. האב איך שוין געוואלט... נור מען האט ארויסגעריסען ביי מיר דעם האק.

איך האב פערשאלטען מיך און מיינע הענד. אזא גרויסער בייבאק זאל צו גאר נישט טויגען! און דערווייל̇ע האב איך גערארפט עסען אויף מיין טאטענ׳ס טיש פון די הונגעריגע ארבייטערס הארא־וואניע, פון דעם בלוטיגען געלד! איך האב אפילו געזעהן, וואס וועניגער, אבער דאך...

איך האב אנגעהויבען צו טראכטען וועגען איין עק און אויסגע־קוקט א שטריק אין באלקען — א שטריק האב איך שוין געהאט. אבער אז איך האב געמאכט די פעטליע, האט זיך מיר פערוואלט ארויסגעהן צו א י ה ר, א קוק טון אויף איהר, זיטצען נעבען איהר. איין עגזאמיסט בין איך! אין קאפ טראכט זיך מיר: זעגענען זיך מיט איהר. און איך פיהל, אז אהן איהר איז מיר שווער צו זיין... עפיס איז מיר געווארען אזוי אומעטיג, אזוי פוסט, אזוי באנג. איך פערווארף דעם שטריק און פליה ווי א פערסממטער צו איהר.

„גרונעניו, ווייסט?“ זאג איך צו איהר, „איך האב שוין א פעטליע געמאכט, נור דו לאזט מיך נישט...“

„וואס?“ האט זי אויסגעשריען און ברייט פערנאנדערגעעפענט די אויגען.

„מאכען א סוף,“ האב איך געשטאמעלט.

„ביזט משוגע געווארען?“

„איך עס און עס...“

„ביזט פון זינען אראב?“

„איך טויג נישט צו קיין מלאכה.“

זי האט מיך בעקוקט מיט כעס.

„ביזט א נאר,“ האט זי געזאגט, דריקענדיג יעדעס ווארט.

„אבער, גרוניע...“

„אז מען וויל, קען מען. מען גראבט ערד, מען טראגט שטיינער, מען קערט גאסען... מען געפינט א מלאכה! א סוף מאכען!...“

איך האב זי נישט געלאזען ענדיגען. איך האב אנגעהויבען צו פיהלען אין זיך א גרויסען כח, און מיינע קליינע, ווי קינדערשע, הענדלעך, האבען מיר אויסגעדאכט גענוג גרויס אויף צו טון די שווערסטע ארבייט.

„יא, גרוניע!“ האב איך אויסגעשריען. „אזוי וועט עס זיין, און ביז איך וועל נישט אנהעבען צו פערדיענען, וועל איך זיך דיר נישט בעווייזען!“ און בין ארויסגעלאפען פון שטוב. איך האב נור בעמערקט, ווי זי האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפף, אז זי איז מסכים. זי איז נאך געווען אין כעס!...

.10

איך בין געלאפען, געפלויגען גלייך אין די ביליגע קיך. האלבער טאג איז עס געווען. ארבייטער האבען געמיטאגט. איך האב מיך געשטעלט נעבען טיר, געקוקט, ווי זיי עסען זייער עלענדען מאכל פון צופוילטע קרויט. מיין געדאנק איז געווען פערנאנדערצופרע־גען ביי זיי וועגען ארבייט. איך האב הפנים שלעכט אויסגעזעהן, ווייל יעדער פלעגט זיך אבשטעלען קוקען אויף מיר. צו מיר איז צוגעגאנגען איין אבגעריסענער און האט מיר דערלאנגט אין זיין פון מאזאליעם געשוואלענער, שמוטציגער האנד ניין איינציגע קאפיקעס, ווי פיעל עס טרעפט אן א מיטאג מיט פלייש. איך בין איבערראשט געווארען. איך האב מיך פערלארען.

„ניין,“ האב איך אנגעהויבען צו שטאמלען, ניט נעהמענדיג דאס געלד, „ניין, איך דארף ניט... איך בין נישט הונגעריג... א דאנק...“

נור פלוצלינג האב איך מיך איהם ארויפגעווארפען אויף'ן האלז און אנגעהויבען צו קושען.

„גיב! גיב, ברודער, דיינע בלוטיגע, אנגעהארעוועטע גראשען! גיב, איך וועל זיי איינפאסען אין א שייך און וועל זיי אייביג טראגען אויף'ן הארצען! ניין... גיב, איך וועל אומלויפען איבער די גאסען און וועל זיי בעווייזען אלע בלוטזויגער, אלע פאראזיטען, דארמאיעד־

ניקעס, וועלכע האבען א נאמען פון בעלי־צדקה׳ס! גיב, איך וועל זיי אויסשטעכען מיט זיי די אויגען!“

איך האב זיי ארויסגעריסען ביי איהם פון האנד און געלאזען זיך לויפען.

הינטער מיר האט איינער אויסגערופען: „א, דער משגענער!“ נור איך בין געלאפען, געלאפען.

א ווײלע שפעטער האב איך א קלער געטאן, אז מיין אבגעריסע־נער בעל־צדקה קאן בלייבען ביי דער מיינונג, אז איך בין משגע. איך האב מיך געלאזען לויפען צוריק...

ער האט מיך טאקי אנגעקוקט ווי א משגענעם.

„נייז,“ האב אך איהם געזאגט, „נייז, א ליגען, א ליגען... איך בין נים משגע.. גלויב מיר... א ליגען... איך בין קלאר... מיר וועלען אונז בעפריינדען, הא? וועסטו מיך פערשטעהן... יא, דו וועסט מיך פער־שטעהן... זאג מיר נור, וואס ביזטו!“

„איך ארביים, וואס עס מאכט זיך, איך בין נישט קיין בעל מלאכה,“ האט ער מיר געענטפערט.

אין קאפף איז מיר עפים ליכטיג געווארען. עס האט מיר אנגע־הויבען צו קיצלען אונטער׳ן הארצען.

„זאג מיר, וואס טוסטו. איך וועל דאס קאנען?“

„יא, פאר וואס נישט. וואס איך טו, קאנען אלע.“

איך האב אזש אונטערגעשפרונגען פאר פרייד.

ער איז געוועזען א טרעגער נעבען מויערם — פלעגט אונטער־טראגען ציגעל, וואסער, זאמד.

איך בין געווארען דאס זעלבע.

.11

אהן איין אטעם בין איך געפלויגען צו איהר, ווען איך האב בע־קומען דאס ערשטע געלד.

„גרונעניו, פ׳ראן!“ האב איך אויסגעשריען און בין געפאלען איהר אויפ׳ן האלז.

„אט אזוי ביזטו א מענש,“ האט זי געזאגט און געגלעט מיך איבער׳ן קאפף, און איהרע גרויסע, גוטע, קלוגע אויגען האבען אוים־

געדריקט ליעבע, א ברענענדיגע, טיעפע ליעבע צו מיר.

„זעהסט, הא?... געוואלט א טויד...“ האט זי מיר פארגעווארפען אזוי הארציג ווייך.

עס האט מיר פערכאפט דער אטעם. איך בין געוועזען גליק־ליך, געריבען די הענד און געלאכט... איך האב גענומען איהרע הענד אין מיינע, געזעטצט זיך קעגען איהר און גענומען דערצעהלען, ווי מיר איז צוגעגאנגען.

„קום בעוויין מיר איהם!“ האט זי אויסגעשריען, אויסהערענדיג מיין ערצעהלונג.

איך האב זי גענומען פאר די האנד און מיט א גליקליכען שמייכעל געלאזט זיך לויפען.

„ביידע משגע!“ האט מען אונז נאכגעשריען, נור מיר האבען אונז געדריקט די הענד...

כע, כע, כע!... או־או־או, גרונעניו... אט זעה איך דאך דיך. א!... ליובינקע מיינע!...

„מיר וועלען וואהנען אלע צוזאמען?“ האב איך זי געפרעגט.

„ניין,“ האט זי געענטפערט, „מען דארף נישט. איך וועל וואהנען מיט מיינע... איהר ביידע זאלט וואהנען צוזאמען... ברידער זאלט איהר זיין... אייביגע ברידער!...“

או־או־או, גרונעניו!...

.12

מיר האבען זי געפאלגט. ברידער זיינען מיר געוועזען. איז איינעם געוואהנט, אין איינעם געארבייט, אין איינעם געגעסען, גע־טיילט זיך יעדעם ביסען. נאך דער ארבייט פלעגט זי קומען צו אונז אדער מיר פלעגען געהן צו איהר און איך בין געווען גליקליך, איבערגליקליך...

די עלטערן האבען מיך די ערשטע צייט ניט געלאזען רוהען. האבען מיך מיט געוואלט געוואלט א היים נעמען. אבער איך בין געשטאנען שטארק. ביז זיי האבען זיך מיאש געוועזען פון מיר, און איך האב אנגעהויבען פרייער צו אטמען... אונזער קליינציג צימער אין א בוידעם האט זיך מיר אויסגעוויזען, ווי דער גרעסטער זאל.

גרויס און ברייט. א חיות! זי פלעגט עס צוקלייבען א שבת! א יום־טוב. א פערגניגענ געוועזען צו קוקען...

עס האט מיר געגליקט און גאר! איך האב שטענדיג געהאט אר־בייט און אנגעהויבען צו פערהעלפען די ארמסטע פון מיין טאטענס ארבייטער. די ארומינקע האבען ניט געוואלט נעמען.... ארומינקע, גוטינקע פראים׳לעך... זייערס גיב איך דאך זיי!... זיי ווילען אויך שענקען!... און האבען נישט גענומען — — פלעג איך זיי אונ־טערווארפען שטילערהייט...

איך בין געוועזען גליקליך!...

.13

צולעטצט האב איך געארבייט מיט מיין פריינד אין א שרעק־ליך הייסען טאג. די זון האט אונז געברענט, גע׳שרפ׳עט — מיר האבען נאך געגאסען אספאלט. מיין פריינד איז ניט גוט געווארען — ער האט גע׳חלש׳ט. מען האט איהם אוועקגעטראגען אהיים. איך בין מיט איהם געבליעבען, צו דער ארבייט ניט געגאנגען. פאר־נאכט איז איהם ערגער געווארען, און דא איז א קאפקע ניטא. בין איך געלאפען צו אונזער ריאדטשיק. דאס איז א הויכער, פוזאטער, אלטער איד מיט כלומר׳סט פאות און א לאנגען סיורטוק.

„דער ארבייטער, וועלכען עס איז היינט ניט גוט געווארען," האב איך געזאגט, „פיהלט זיך זעהר ניט גוט און האט א גראשען ניט ביי זיך. מען וואלט רופען א דאקטאר... בעט ער, איהר זאלט איהם געבען עטוואס געלד — ער וועט אייך אבארבייטען."

„איך גיב ניט א פריער," האט מיר רוהיג געענטפערט דער לאנ־גער סיורטוק און געוואלט אוועקגעהן.

איך האב איהם פערשטעלט דעם וועג.

„ערשטענס, האבען מיר כמעט א האלבען טאג געארבייט. און אלעמפאלס וועלען מיר אבארבייטען. דער מענש ליעגט א נוטה למות׳דיגער, האט רחמנות... א י ך וועל אייך אבארבייטען!..."

„איך האב דאך דיר געזאגט, אז א פריער געלד גיב איך ניט!" האט מיר די פוזע שטרענג געזאגט.

די אויגען זיינען מיר פערלאָפען מיט בלוט, דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען, אין מיין האַנד — איך ווייס ניט, ווי אַזוי — איז געוואָרען אַ גרויסער שטיין.

„טאַק נאַ דיר!“ האָב איך אויסגעשריען ניט מיט מיין קול.

דער שטיין, צום בעדויערן, איז געפלויגען פאַרביי. איך האָב מיך אַרויפגעוואָרפען אויף די פוזע... איך האָב געשריען מיט פיענע אין מויל, געשיפּעט, געריטשעט, געביסען, געריסען, געוואָרגען, גע־דראַפּעט. מען האָט מיך קוים אָבגעריסען פון איהם... מען האָט מיך אָבגעפיהרט אין פּאָליציע. דער טאַטע האָט מיך באַלד אַרויסגענו־מען. ער האָט געטענ'עט אַז איך בין משגע. אויף אַ סימן האָט ער אַוועקגעלעגט איין אַסיגנאַציע.

.14

אויף מאָרגען האָב איך מיך אַרויסגעריסען פון שטוב און בין ענטלאָפען צו מיר אַ היים. מיין פריינד איז געלעגען אויף דר'ערד, מיט שוואַרץ בעדעקט. נעבען איהם איז זי געשטאַנען אויף די קניע און האָט געוויינט... דאָס צימער איז פול געווען מיט אָר־ביימער־שכנים... אַלע טרויעריג... איך האָב געמיינט, איך וועל משגע ווערען... איך האָב מיך געוואָרפען אויף ד'ר'ערד, געריסען פון זיך דאָס האָר, געביסען זיך די הענד, געלאַכט און געוויינט...

„וואו ביזטו דאָס אַהינגעקומען?“ האָט זי מיך געפרעגט, „וואו ביזטו דאָס ניט געוואָרען? מען האָט איהם געקאָנט ראַטעווען. באַלד אַ דאָקטאָר רופען געדאַרפט.“

„שפּעט זיינען מיר געקומען... שפּעט,“ האָבען זיך פערענטפערט מיינע איבריגע שכנים. „צו דער גסיסה געקומען. געבראַכט אַ דאָקטאָר — ער האָט ניט געקאָנט העלפען...“

איך האָב זיי ניט געהערט... איך בין ענטלאָפען צום ריאַדטשיק... מיר אַ טויד און איהם אַ טויד! צו זיין טרפה'נעם מזל האָט ער מיך דערזעהן און געהייסען מיך כאַפּען. איך האָב נור צייט געהאַט צו לאָזען אין איהם אַ שטיין. און געטראָפען! אין זיין גראָבע פוזע געטראָפען!... כאַ, כאַ, כאַ... עס האָט געגעבען אַ קלאַפּ ווי אין אַ

באראבאן, ווי איז א קעסעלפויק!... ער האט זיך איינגעקארטשעט פאר וועהטאג און ארויסגעלאזען א הויכען קרעכץ... כא, כא, כא... די בעסטע מוזיק איז דאס ביי מיר געוועזען!

נור מען האט מיך אנגעכאפט. עפּיס אן אייזערנע האנד האט מיך געהאלטען פאר די לינקע פלייצע — — און דער ריאדטשיק איז געבליעבען לעבען! איך וועל מיר דאס ניט מוחל זיין!... א פארך בין איך! א טויגעניכטס!... דער טאטע האט מיך אבגעפיהרט אהער, אין משגעים־הויז... איך האב געשריען, אז איך בין ניט משגע... משפט'ן זאל מען מיך!... הייגנען בין איך ווערט, שיעסען, טרינ־קען!... אזא טויגעניכטס!... או־או־או!! — — — — — — — — — —

.15

נור פאר וואס לאזט מען ניט צו מיר גרוניען?... גרוניען פאר וואס לאזט מען נישט? — — — — — — — — — — — — — —

1893

קעמפפער.

(פראַגמענטען.)

איך קען א מענשען, אין וועלכען עס האָט א פרייער דיכטער געשטעקט, אָבער דאָס לעבען האָט איהם פאַר איין איינפאכען ארבייטער געמאכט. פון דעם פערלאָרענעם דיכטער איז איהם געבליעבען בירושה א גרויסע ליעבע צו זיין אייגענער פרייהייט. די גרינגע קייטען, וועלכע זיינען געלעגען אויף זיינע הענד איז זיינע פרומע עלטערנ׳ס הויז, האָבען איהם געדריקט ווי די שווערסטע לאַסט. ער האָט פערלאָזען זיינע עלטערן — און ער האָט זיי דאָך שטארק געליעבט — און איז אוועק אין דער פרעמד, געוואַלגערט זיך איז פרעמדע ווערקשטאַטען, געגעסען אויף פרעמדע טישען — און ער איז דאָך געוועזען ערעל אויפגעצויגען. אָבער די פרעמדע געטער האָט ער נאָך מעהר ניט געוואָלט דיענען, און ער האָט געביטען בעלי בתים און ווערקשטאַטען ווי זאָקען. נאָך מעהר, ער האָט ניט געקאָנט איינזיטצען אויף קיין אָרט, אין קיין שטאָדט. מעהר לופט האָט ער געוואָלט, מעהר בעוועגונג, מעהר פרייהייט. מען האָט איהם גערופען אין א גלייכוווערטעל „דער פרייער פויגעל“ — און דאָס איז געוועזען זיין ריכטיגער נאָמען.

און די זיין גרויסע ליעבע צו זיין פרייהייט האָט איהם נישט אָבגעהאַלטען פון צו נעמען אויף זיך דאָס יאָך פון איין ארגאַניזאַציאָן, פון צו זיין איין איינפאכער סאָלדאַט, האַלטען דיסציפּלין, אבי נאָר צו קעמפפען — איין ארבייטער מיט אַלע ארבייטער צוגלייך.

מען האָט איהם פערזעצט אויף לאַנגע חדשים אין איין איינגען שטיינעל איינעם אַליין צווישען די פיער דונקעלע ווענד. מען האָט

געמיינט, אז דער „פרייער פייגעל“ וועט איז שטייגעל משגע ווערען. אבער ער איז ארוים פריש און געזונד מיט א גרעסערער ליעבע צו זיין פרייהייט און — מיט א געשטייגערטער שנאה צו דער אונטער־דריקונג.

נור וואס דערצעהל איך דא פאר א קלייניגקייטען! הערט נור, איך האב א בעסערע מעשה.

* * *

קענט איהר די ליעבע, וועלכע קאן בערג אויפהעבען און וועלטען בעשאפען?

הערט נור, ווי זיי האבען זיך געליעבט, צוויי פון די קעמפפער.

ווען זיי האבען צום ערשטען מאל איינס דעם אנדערען זייער ליעבע ענטדעקט, האבען זיי זיך אראבגעלאזען אויף די קניע איינס פאר דעם אנדערען, מיט צונויפגעלעגטע הענד ווי אין א געבעט, און אין די אויגען איז זיי געוועזען ליכטיג, ווי ווען דער הימעל וואלט זיך פאר זיי פערנאנדערגעגאנגען, און אין זייערע נשמות האט גע־קלונגען די הערליכסטע מוזיק.

און דאן האבען זיי זיך גענומען פאר די הענד, געקוקט זיך אין די אויגען, גליקזעליג געשמייכעלט און געשוויגען.

קענט איהר די טיעפע ליעבע, וועלכע גיעסט אז די ליעבענדע הערצער אין דעם שטילען שווייגען? — — די טיעפסטע טיעפענים ליעגט אין דער ליעבע. איך וויל זי נישט פערגלייכען מיט'ן גרעסטען ים, ווייל זי איז אונענדליך, ווייל איהר טיעפקייט האט נישט קיין גרונד.

און זיי האבען געליעבט אין שווייגען און געשוויגען אין דער ליעבע. לאנג האבען זיי געקאנט שטעהן און קוקען זיך אין די אויגען מיט דעם גליקזעליגען שמייכעל אויף די געשלאסענע ליפען און אין די גליקליך לייכטענדיגע אויגען. ביז זיי פלעגען זיך צוציהען איינס צום אנדערן — צוציהען זיך, גאר נישט בעמערקענדיג עס — און צונויפגעהן אין א הייליגען, געטליכען קוס — — זיינען דען „הייליג“ און „געטליך“ דער ריכטיגער אויסדרוק? הערט, איך געפין נישט קיין ווערטער!

הערט אָבער ווייטער. אז זיי פלעגען זיך פערנאַנדערגעהן, פלעגען זיי דאָך האָבען איינס דאָס אַנדערע נעבען זיך אין גייסט און א שעה צושיידען זיין איז ביי זיי געוועזען אייז אייביגקייט. די שווערסטע צייט איז פאַר זיי געוועזען די חתן־כלה־צייט. קענט איהר דאָס ליעד פון דער נשמה, וועלכע שיידט זיך מיט דעם גוף? די טיעפסטע פערצווייפלונג ליעגט אין איהם, די שטילסטע טרויעריגקייט. דאָס האָבען יענמאָלט געשפּירט זייערע נשמות.

קאָנט איהר בעגרייפען, ווי גליקליך זיי זיינען געוועזען, ווען זיי האָבען חתונה געהאָט? קאָנט איהר בעגרייפען דאָס אונענדליכע גליק פון זייער צונויפגעהן זיך אויף אייביג?

און הערט נור. אַז די אונענדליכע ליעבע האָט ארויסגעבראַכט א קינד אויף דער וועלט — — האָט איהר דען א השגה, ווי דאָס קינד האָט אויסגעזעהען? נור א קריסטוס־קינד, א קינד פון גאָט'ס ליעבע, ווערט אזוי געמאָלט.

ווי זייער ליעבע איז דאַן געשטייגערט, איז מיר שווער צו זאָגען. איך מוז זאָגען, די אונענדליכקייט איז אונענדליכער געוואָרען. בעגרייפט איהר עס?

און שטעלט אייך פאָר, אַז די ביידע זיינען נישט געבליעבען שטעהן פאַר דער מעגליכקייט, אָבגעריסען צו ווערען איינס פון דעם אַנדערן און פון דעם קינד אויף לאַנגע יאָהר און געקעמפּפט — אַלס ארבייטער פאַר דער ארבייטער־זאַך.

און מען האָט זיי טאַקי פערנאַנדערגעריסען. איהם האָט מען פערשיקט אין אייז זייט סיביריען און זי איז א צווייטע זייט. דאָס קינד איז געבליעבען ביי זיין ארמער, האַלב הונגעריגער באָבען — דאָס הארטע קלימאַט פון דעם גלות־לאַנד זאָל איהם נישט שאַדען.

און הערט נור דאָס מערקווירדיגסטע: זיי זיינען רוהיג!

און זיי וועלען אָבזיין זייער צייט אין נע־ונד, און דאַן צונויפגעהן זיך און פיהלען זיך נאָך גליקליכער, ווי אין דער חתונה־נאַכט און — ווייטער קעמפּפען, אַלס ארבייטער פאַר דער ארבייטער־זאַך.

.1899

צווייטע אבטיילונג
אלטינקע.

אַלטינקע.

דעם יונגוואַרג האָט דערעסען צו זיטצען מיט די אַלטע און הע־רען זייער אויפֿרייסענדען געזאַנג, דען גאַנצען משונה'דיגען ליערם און ליאַרם, און האָבען זיך — מיט אויסנאַם פֿון עטליכע יונגע לייט, וועלכע זיינען נאָך געבליבען דאָ — פֿערקליבען אין אַיין אַנדער צימער. דאָרטען האָבען זיי פֿרייער אָבגעאָטעמט, פֿערדרויכערט זייערע פּאַפּיראָסען, געפֿיהרט זייערע געשפּרעכען און — געפֿיהלט זיך וויט פֿון די אַלטע.

ז ע ל י ג דעם אַלטען האָט עס שטאַרק פֿערדראָסען. מיט אַ בייזען איראָנישען בליק האָט ער בעגלייט די ענטלויפֿענדע יוגענד און באַלד האָט ער זיך צורעדט. און וואָס מעהר ער האָט גערעדט, אַלץ שטאַרקער האָט געהילעכט זיין קול און צום סוף האָט ער שוין כמעט געשריען. ער האָט געוואָלט אויפֿווייזען, אַז זיי, די היינטיגע, די יונגע, לעבען ווי הינד, ווייסען מעהר נישט ווי נאָכגעבען זייער תאוה, זיין אויסגעלאַסען, שאַרלאַטאַנעווען, און, אַז לעבען ווי אַ מענש דאַרף לעבען, האָבען נור די אַלטע געקאָנט און קאָנען.

און דער אַלטער, גרויער ר' ז ע ל י ג, דער אַלטער, קליינער, גע־זעצטער, ברייטפּלייציגער און פֿרעהליכער איד, דאָס חסידישע ביינדעל, איז עס בכח אויפֿצואווייזען, ווייל ער איז אַ קלוגער איד, אַ גרויסער קאָפּף־מענש, מיט וועלכען עס איז, ווי דער עולם מיינט, אַ פֿערגניגען צו רעדען. אפֿילו פֿון דעם, וואָס ער איז שוין געוועזען אַ ביסעל „מלא", האָט ער געוואוסט, ווי צו ברענגען אַ ראיה צו זיינע ווערטער.

„אַט טרינק איך שוין פֿון הושענא רבא ביי נאַכט אָן," האָט ער גערעדט מיט נצחון. „הושענא רבא ביי דער נאַכט צו די הקפות

האב איך געטרונקען; נעכטען, שמיני עצרת, האב איך געטרונקען, א גאנצען טאג געטרונקען, מיך אפילו נישט צוגעלעגט; ווייל ווער שלאפט שמיני עצרת ביי טאג? א מתנגד שלאפט, איין עהרליכער איך וועט נישט שלאפען... געטרונקען האב איך, נישט געשלאפען! ביי דער נאכט נעכטען געטרונקען, נאך ווי געטרונקען — א שתיה גדולה! כדת! און היינט טרינק איך ווייטער, פון אקארשט טאג טרינק איך, און וואס? גאר נישט! ביז מיר דער זעלבער איך: האב חלילה נישט פערפעהלט קיין דאווענען, נישט עובר קריאת־שמע גע־וועזען, חס ושלום, נישט דורכגעלאזען קיין ברכה. ווייל וואס? ווייל איך טרינק נישט ווי זייער חברה, להנאתי, אבי זיך אנטרינ־קען, גלאט אזוי. איך האב גאר פיינד בראנפען! א גאנצע וואך, פון שבת צו שבת קומט זי גאר צו מיר אין שטוב נישט אריין. נור היינט איז שמחת תורה, טרינק איך. גאט האט געהייסען: ושמחתם בחגיכם, זייט פרעהליך אין אייערע יום־טובים, ביז איך פרעהליך, אזוי איז עס! נישט אזוי וואס, ישראל?" האט ער זיך געווענדט צו א דארען, אויסגעמאגערטען יונגען מאנטשיק, וואס איז נעזעסען נעבען איהם און צוגעשמייכעלט, און דערביי האט ער איהם אראבגעלאזען א פאטש איבער'ן קניע.

ישראל האט א ציטער געטאן מיט'ן גאנצען קערפער פון דעם פאטש, און דאך נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, און געענטפערט מיט א לוסטיגער גנבישער מינע:

„אט דאס איז דאך מיין טענה! הערסט, וואס טענ'ע איך?"

דער פרומער עולם, דער אמת־אידישער עולם, וואס איז געוועזען אין צימער, האט צופריעדען געשאקעלט מיט די קעפף און געקוקט אויף די איבערגעבליעבענע יונגע מיט נצחון, און יעדער האט צוגע־לעגט א ווארט, נעגלייכווערטעלט זיך אויף דעם יונגווארג'ס חשבון. זיי האבען אלע געשטארקט זיך צו בעווייזען, אז זינד די יונגע האבען אראבגעווארפען פון זיך דאס יאך, אויסגעטאן זיך פון אלץ, איז „שדים ווייסען וואס פון זיי איז געווארען!"

און די איבערגעבליעבענע יונגע האבען געשמייכעלט און גאר נישט געענטפערט. אין זייער שמייכעל איז געלעגען א ביסעל פער־

אכטונג און א סך גלייכגילטיגקייט צו דעם, וואס די אלטע האבען געערדט. אזוי שמייכעלט מען שטענדיג, ווען מען האלט זיך פאר קליגער און מען וויל זיך נישט ארייןלאזען אין א שמועס מיט דעם געגנער.

ר׳ זעליג׳ען האט דער שמייכעל געררייצט און ער איז שוין געווארען גראב.

„זיי וועלען גאר א פריער א כפרה איינגעמען," האט ער גע־שריען, „איידער זיי וועלען זיך גאר קאנען משמח זיין ווי מיר! ווארום וואס זיינען אלע זייערע שמחות? וואס? א מיידעל! העבט זיך אן א מיידעל און לאזט זיך אוים א מיידעל! מעהר נישט."

„נו, נו, נו... איהר רכילעסט שוין, פעטערקע," האט זיך איינער פון די יונגע נישט איינגעהאלטען.

„איך רכילעס! פערשטאכענע אויגען, איך רכילעס!?" האט זיך ר׳ זעליג צוהיטצט, „גאר נישט, כלומר׳סט, און ער ווייס עס נישט, אז איך זאגט דעם ריינעם אמת. איך רכילעס! דאכט זיך, ביי אייך איז א בפירוש׳ער דין: „איז שמחה בלי דיעווקא..."

מען האט זיך צולאכט. הא־הא־הא, געזונד זאל ער זיין!

און ר׳ זעליג ווערט היטציגער:

„איך וואלט טאקי וועלען זעהן א מאל זייער חברה טאנצען און פרעהליך זיין אהן מיידלעך! איך האב עס גאר קיינמאל נישט גע־זעהן. איך ווייס מעהר נישט, אז עס איז פאראן א מיידעל, וועלען זיי געהן טאנצען, אז עס איז פאראן בראנפען, וועלען זיי זיין פרעה־ליך. ווארום וואס איז זייער גאנצער יום־טוב? דאווייקא וויפיטש! און א מיידעל, אט דאס איז זייער יום־טוב. נישט אזוי וואס, ישראל?"

און ווידער האט ער אויפגעהויבען די האנד א פאטש צו טון, נור ישראל האט אונטערגעכאפט זיין האנד.

„אט דאס טענ׳ע איך דאך! הערסט, וואס טענ׳ע איך?" האט ישראל איבערגע׳חזר׳ט מיט אייז ערנסטער מיענע און א פיהר געטאן מיט די הענד, נור די ווינקלען פון זיינע ליפען האבען גע־שמייכעלט.

„אבער וואס האסט דו זיך אויף זיי אנגעזעטצט, ז ע ל י ג?" האט זיך אריינגעמישט דער אלטער ה ע נ י ך, דער בעל הבית פון דער שמחה. „לאז זיי צורוה, דאך א צער בעלי־חיים..."

אלם בעל־הבית האט ער געפיהלט, אז ער דארף נעמען די יונגע אונטער זיין שוטץ, און דערביי האט זיך איהם געוואלט א שטאך טון זיי מיט „צער בעלי־חיים".

„ניין, איך וויל זיי מעהר נישט בעווייזען, די שקצים, וואס פאר א הינד זיי זיינען!" האט ר' ז ע ל י ג געזאגט. „וואס זיינען זיי צו־לאפען, די פושעי ישראל, ברענען זאלען זיי, די פוסטע מוחות! וואס זיינען זיי צולאפען? זיי שטעהט נישט אז צו זיטצען מיט אונז? שכור זיינען מיר? הא? מיר דאכט, אז וואס איך האב נאך יעטצט שכל איז פיאטע, האבען זיי עס נישט אין קאפף, האבען עס נישט געהאט און וועלען עס נישט האבען! צולאפען זיינען זיי! ניין, זאלען זיי מיר זאגען, וואס טרינק איך היינט? איך טרינק עפים, ווייל איך האב האלד בראנפען? א האר אויך נישט. א טפו, בראנפען! איך דארף זי אויף כפרות. נור איך טרינק, ווייל היינט איז שמחת תורה. נישט די בראנפען מאכט אונז פרעהליך, א פע! דער שמחת־תורה מאכט אונז פרעהליך. אט י ש ר א ל טרינקט גאר קיין בראנפען נישט — ער האט גאר א ברוסט־פעהלער און די דאקטוירים האבען איהם פערבאטען צו טרינקען — טרינקט ער גאר נישט און איז אויך פרעהליך. ער דארף גאר קיין בראנפען נישט; דער שמחת תורה אליין העבט די פים, נישט אזוי, וואס, י ש ר א ל? זאג, ממזריוק, א רוח אין דיין טאטען אריין!...."

און י ש ר א ל האט געכאפט א שטארקען פאטש אין קני.

„אודאי אזוי", האט ער אויסגעשריען, כאפענדיג זיך פאר דאס קני. „אט איהר זעהט, א? גאר אהן בראנפען."

און י ש ר א ל האט אנגעהויבען דרעהען מיט די אקסלען, אונ־טערשפרינגען פון שטול און אומווארפען מיט די פים.

„הע, הע, הע, מאלאדיעץ, י ש ר א ל!" האט ר'זעליג געלאכט און געקלאפט י ש ר א ל'ן איבער'ן פלייצע. „נו דערפאר וועל איך

פאר דיר טרינקען,“ האט ער צוגעגעבען, אנגיסענדיג זיך א קע־לעשאק.

„זאל איך עס זיין צו מצוה,“ האט ישראל געוויצעלט און פרום פערגלייסט די אויגען.

דער עולם האט געלאכט און אונטערגעכאפט ר׳ זעליג׳ס רעד: און וועלכער איד האט דאס האלד בראנפען? וועלכער איד טרינקט עס, נור אבי געטרונקען? שמחת תורה מעהר נישט, אט....

„אט אזוי טוט זיך דאס ביי אונז אידען, פערשטעהט איהר מיך!“ האט ר׳ זעליג איבערגעריסען דעם עולם מיט גאוה, ווענדענדיג זיך צו די יונגע, און מיט מעהר גאוה האט ער צוגעגעבען:

„און דאס איז נאך גארנישט אקעגען אמאליגע יאהרען. א מאל, עה, אמאל....“ האט ער פלוצלונג אבגעקרעכצט. „עט, וואו קומט עס היינט צו א מאל! אזוי דען פלעגט מען א מאל הוליען שמחת תורה? כמע־ע!.... אט וואס היינט הוליעט מען מעהר פאר זיך, מיט דער אייגענער משפחה, מיט דעם אייגענעם געזינדעל, אט דאס אליין בעווייזט שוין, אז עפים איז נישט דאס. איז שייכות גע־ווען צו זאגען, אז מען זאל הוליען פאר זיך! איך וויים, מען פלעגט דורכגעהן א גאס — און ווי פלעגט מען דורכגעהן, מיט נגינה, מיט טענץ, מיט א קלאפעריי און א הוזשעריי... אזוי פלעגט מען געהן! און ווי מען פלעגט בעגעגענען א איד, איז גלייך גע־כאפט: קום! און ער פלעגט געהן! גאר אהן מחזקות. מען האט ביי איהם נישט געפרעגט, ווער ער איז, און ער האט נישט געפרעגט וואוהין און צו וועמען. קום! — און געגאנגען. מען דארף דא עפים פרעגען? שמחת תורה — און גאר! און מען האט נישט גע־קוקט — ארעם, רייך, אלע גלייך, נישט דא קיין חילוק! היינט וואס מען פלעגט צוקערען א וועלט! טאנצען אין מיטען גאס, אויסטרע־טען אלע בלאטעס, רייסען לאדענס... ע, וואו קומט עס היינט צו א מאל!“

און דעם עולם איז געפעלען געווארען דער עניו און מען איז אריינגעפאלען ר׳ זעליג׳ען אין די רעד. איינער האט דערמאנט א צילינדערהוט, אין וועלכען מען פלעגט אנשטעקען סטעארין־ליכט

און אנטון יעדעם צו זיין פסוק „אתה הראית״; א צוווייטער האט דערמאנט די קירבעסען און ליאטערנעס, מיט וועלכע מען פלעגט אויספוצען די שול. און נאך איינינע האבען שוין גענפענט די מיילער, געוואלט עפים דערמאנען, נור ר׳ זעליג האט אונגעדול־דיג איבערגעריסען דעם עולם און אנגעהויבען ווייטער צו רעדען:

„היינט איז גאר נישט, כמעט גאר נישט! היינט איז אלץ נישט דאס. אפילו די פרומע זיינען שוין נישט דאס; וואס אמת איז אמת, אפילו די פרומע זיינען שוין נישט דאס. איך האב פיינד צו זאגען, עס זיינען טאקי געווען פרייערע צייטען, איך מיין, די דאגת־פרנסה איז נישט געווען אזוי גרויס, און גלאט זיינען די מענשען אליין געווען עפים בעסער. דער גביר איז געווען איין אנדער גביר, דער ארעמאן איז געווען איין אנדער ארעמאן. איך ווייס, עס איז עפים מעהר אחדות געווען. וואו וועט איהר היינט, למשל, געפינען אזא גביר, אזא אידישען גביר, ווי ר׳ מאיר זבולון זכרונו לברכה איז געווען? נישט דא, איהר וועט נישט געפינען, איהר זאלט אפילו אויספאהרען מדינות. איך רעד שוין נישט וועגען די דייטשען, וועגען די „אריסטאקראטצען,״ וועגען זייער חברה; נור אפילו יענע, וואס זיינען נאך מכלומר׳סט אידען, זיינען אויך גאר נישט. זיי וואלטען אויך וועלען, מען זאל שטעהן פאר זיי אהן א היטעל, מען דארף גאר וויסען, ווי צו צוגעהן צו זיי. שייכות צו זאגען, מען האט געדארפט עפים וויסען, ווי צו צוגעהן צו ר׳ מאיר זבולון׳ען, נשמתו עדן? מען פלעגט צוגעהן צו איהם, ווי איך געה צו צו ישראל׳ן, צו שמערל׳ען, צו חאצקל׳ען, צו—!... היינט זיינע שמחת־תורה׳ס!....״ האט ער זיך א כאפ געטהאן. — „א קליינינקייט, זיינע שמחת־תורה׳ס!...״

און דער עולם האט זיך ארויפגעווארפען אויף דעם עניז:

„א־הא־הא, ר׳ מאיר זבולון׳ס שמחת תורה׳ס! ביי איהם איז זאל פלעגט מען אויסגיסען די פאמוויניצע און גליטשען זיך; זיין חלק פיש פלעגט מען צוקוועטשען מיט די הענד און שפא־רען איהם איז מויל און ער פלעגט עסען, כאפענדיג די ביסענס, ווי א הונד. און וויפיעל מאל האט מען איהם ארויפגעצויגען אויפ׳ן טיש

— גופא ביי איהם איז רעכטעז זאל — און געקארקעוועט! וויפיעל מאל פלעגט מעז זיך ארומקלייבעז ארום איהם מיט א ניגון: „פע־ע־קו, לאם־ציאם־טשורלי, ליאם־ציאם־טשורלי,“ און קנייפעז איהם איז „באלף מחילות“! נור ר׳ זעליג רייסט ווייטער איבער:

„ע, וואו איז עס היינטיגע צייטען! נור מילא, זאל געהן ווי עס געהט, און מיר ווענלעז מאכעז „לחיים!“ נישט אזוי וואס, ישראל?“

„און א טענצעל אויך!“ האט ישראל אויסגעזונגען און איז אויפגעשפרונגען פון שטול, נאך איידער ר׳ זעליג האט צייט געהאט ארבאצולאזען די האנד אויף זיין קני. ער האט אנגעהויבען טאנצען א האפקעלע און צוגערעדט בשעת מעשה:

„און גאר אהן בראנפען! אויף צעהן טויזענד כפרות די בראנפען! אי הו, אי הו, שישו ושמחו בשמחת תורה, אי הו, אי הו, שישו ושמחו בשמחת תורה...“

און דער עולם האט געמאכט „לחיים!“ און אונטערגעכאפט ישראל׳ס ניגון. ישראל איז שוין געוועזען איז מיטען חדר. ער האט פערלעגט די רעכטע האנד הינטער׳ן נאקען, די לינקע האנד אומגעדרעהט איז דער לופטען און גאנץ געשיקט געטאנצט דאס האפקעלע.

„וואו זיינעז זיי די אפיקורסים? זאלען זיי, א!“ האט אויסגעשריען ר׳ זעליג, וועלכען דער נייער כוס האט ערמונטערט,— „עט, אידען בלייבען אידען! ווארט, ישראל, איך פערקאסער אויך די פאלעס.“

מיט די געשיקטקייט פון א יונגען אינגעל איז ער אריבערגעשפרונגען איבער׳ן טיש און צוגעטאנצט צו ישראל׳ן.

„לאמיר טאנצען, ישראל,“ האט ער געזאגט, „אט זיי אויף צופיקענים. עט, שטארקע דורות, שוואכע דורות, אלץ איינס. פרעהליכער, לעבעדיגער! זינגט, חברה! עה! אלע פרום, וועט משיח קומען; אלע נישט פרום, וועט ווייעדער משיח קומען. לעבעדיגער, ישראל! אי הו, אי הו, שישו ושמחו בשמחת תורה!...“

זיי האבען געטאנצט מיט בעגייסטערונג, מיט התלהבות; זיי

האבען געוואָלט מיט די פיס, מיט די הענד, מיט'ן קאָפּ, מיט יעדעם אבר ארויסווייזען, וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין הארצען, ארויסגע־בען זייערע געפיהלען. זייערע פנים'ער זיינען געוועזען רויט און זיי־ערע אויגען האבען געברענט מיט איין אינווענניגסטער פייער. דאָס האבען זיי געדיענט גאָט, געגעבען איהם א שבח און געהאָפּט, גע־האָפּט. און נאָך מעהר ווי געהאָפּט! זיי זיינען יעטצט זיכער גע־ווען, אז אלץ, אויך וואָס זיי האָפען און אויך וואָס דאָס גאנצע אידישע פאָלק האָפט, וועט מקוים ווערען, אז אלץ וועט זיין גוט.

און דער גאנצער עולם האָט עס דערפיהלט. דאָס האָט מען גע־הערט אין דעם עולם'ס וואַרמען, הארציגען זינגען, געפיהלט אין דעם הענדפּאַטשען, געזעהען אין די לויכטענדע אויגען. צו זעליגע'ן און ישראל'ן זיינען צוגעשטאַנען נאָך איינינע און נאָך איינינע און באלד האָט זיך שוין דער גאנצער עולם געדרעהט, געשפּרונגען און געקוליעט...

און באלד איז געוועזען זייער נצחון פאַרפול: זיי האבען אריינ־געטאַנצט צו די יונגע אין צימער, און ר' זעליג האָט זיך גע־שטופּט און געשטויסען, און געשלעפּט די יונגע מיט זיך אין טאַנץ, און געשלאָגען זיי אין נאַקען, און געטייטעלט מיט די פינגער, און געזונגען: „הא, משומדים, וואָס, משומדים! הא, משומדים, וואָס משומדים!“ און דער גאנצער רוישענדער טאַנצענדער עולם האָט איהם נאַכגעמאַכט, געשלעפּט די יונגע מיט זיך אין טאַנץ און גע־שטופּט זיך און געשטויסען און ארויסגעשטעקט זיי די צינגער, און גע„בע“קעט, און געטייטעלט מיט די פינגער, און איז כאָר געזונגען: „הא, משומדים! וואָס, משומדים! הא, משומדים! וואָס, משומדים!“ — — —

און די יונגע האבען זיך אבגעשלאָגען פון זיי, געריוכערט זייערע פּאַפּיראָסען, געלאַכט און — געפיהלט זיך ווייט, ווייט פון די אלטע, פון די אלטינקע...

היינטיגע יונגע לייט.

איך זאג אייך, וואס אייערע היינטיגע יונגע לייט זיינען... א גרויל! שקצים, סנעקעס, און שמועסען זיך איין, אז זיי וועלען ראטעווען די וועלט. זיי וועלען ראטעווען די וועלט! העהעהע.... מען איז מעהר נישט זעהר אויסגעלאסען געווארען, אראבגעווארפען פון זיך דאס יאך, איז גאנצען אויסגעטאן זיך, נישט דא אויף זיי קיין מורא נישט פאר גאט און נישט פאר לייטען, איז גלאט — הפקר א וועלט!...

אט איך בין דאך סך הכל א דרדקי מלמד און זיי זיינען דאך די געשטודירטע, די אויפגעשפיטצטע, דאך פערשטעה איך א זאך אין תיכן אריין טויזענד מאל בעסער פאר זיי. אדרבה, לא'מיר בעקלערען: וואס? וואס? וואס ווילען זיי? ד'מע!...

זיי ווילען ראטעווען די וועלט, קיין ארמע לייט זאלען נישט זיין. איז וואס האבען זיי אויסגעקלערט — „כ י ס א ח ד י ה י ה ל כ ל נ ו"! מען זאל אבנעמען ביי אלע גבירים דאס געלד און צוטיילען איבער דער גאנצער וועלט... ס א ר א ג א ו נ י ם דאס זיינען! איהר הערט נור דעם איינפאל. איך וועל קומען — איך כאפ אייך אן, למשל, צו ראטשילד'ען און זאגען: „אדוני, רב ראטשילד, מיין האר, רב ראטשילד, איך וויל איהר זאלט אונז אוועקגעבען אייער געלד." איז וואס, דהיינו, וועט ער מיר דערויף זאגען? אז ער זאל אפילו וועלען מיט מיר רעדען, וועט ער דאך די ערשטע קשיה פרעגען: „סטייטש, וואס פאר א מחותן ביזט דו דאס מיט מיין געלד? דו האסט עפים ביי מיר א סך איינגעלעגט? האסט מיר עפעס א סך געהאלפען צונויפצוקלייבען מיין עשירות?" איז וואס, אייז ערך, קאן איך איהם דערויף ענטפערן? גאר נישט מיט

גאר נישט. גאט האט אזוי געוואלט, ער זאל זיין ראטשילד און איך זאל [illegible]ין גרונם מענדעל דער מלמד און פערשווארצט ווערען נאך מיינע יאהרען און טעג. געה פרעג ביי גאט קשיות, פאר וואס האט ער אזוי געוואלט! נור דאס איז דאך די מעשה, אז די חברה גלויבט גאר נישט אין גאט, ביי זיי טוט זיך דאך אלץ אזוי, אהן גאט, טבע־סמעבע, און איך וויים וואס — יסכר פי רשעים — פערשטאפט זאל זיי ווערען זייערע מיילער! — וואס זיי קלערען דארטען אויס. און אז עס איז נישט דא קיין גאט, איז נישט דא קיין „אימתא דמלכותא“, האט מען פאר דעם קייזער אויך קיין מורא נישט, איז יענמאלט מאג דאך טון יעדער, וואס ער וויל, איז יענמאלט „זשיה, פאדאוואי גראשי!“ כים אחד לכלנו, א מיילענים אויף זיי! טפו!...

נור איך טענ'ע דאך שטענדיג מיין טענה: דער מענש, וואס שטעהט צו צו דער חברה, איז נישט ווערט מעהר, וואס די ערד טראגט איהם. ער געהט גאר גלייך ארויס מכלל מענש, פערליערט אלע זיינע הושים, בעקומט א שטיינערן הארץ, ווערט אז די מדה פון רחמנות — און אויס!

אט נעמט כאטש חיים אנצעל'ס בן יחיד, משה'לען. וואס ווייסט איהר פון דעם בחור'ל? ער איז דאך געוועזען מיינער א תלמיד. אזא זיידען קינד, אזא „אבן טוב“ האב איך גאר אויף מיין לעבען נישט געזעהן. און וואס? זיטצט ער יעטצט בחדרי חדרים און א סברא, אז ער וועט אוועק אין דעם וויטען וועג, איז כף הקל', אין סיבּיר, אויב מען וועט איהם נור א פריער נישט אראבדרעהען דעם קאפף, אז א האן וועט אפילו נישט קרעהען, האט זיך אומגליקליך געמאכט, האט אומגליקליך געמאכט זיינע עלטערן, פערביטערט און פערקירצט זיי די יאהרען און פרעג ווער? וואס? ווען? גאר נישט! און ער האט דאך א פריער געוואוסט, אז ער וועט האבען א מיאוס'ען אבשניט און וועט מקצר זיין די עלטערן די יאהרען. נור ווי מען שטעהט צו צו דער חברה, איז אויס טאטע־מאמע, איז אויס רחמנות, איז אלץ אויס, אויס, אויס!...

נור קיינער, זאג איך אייך, פערדריעסט מיך נישט אזוי, ווי דער משה'ל. איך זאג אייך, עס רייסט מיר אויף איהם אויס א שטיק

הארץ. נאך א צייט פאר זיין תפיסה, האב איך איהם געשריען: „משה'ל, משה'ל, ביזט עפּיס, זעה!" ער האט געלאכט. — „לאכסט, לאכסט," זאג איך איהם, „וועסט אבער דערמאנען מיינע ווערטער, הלואי זאל איך ליגען זאגען." ער האט מיך ארומגענומען ארום רוקען... א שוויגאץ, זאג איך אייך, א גאלדען קינד. עס קלאגט אין מיר מיין הארץ אויף איהם, בנאמנות. אט אזוי האט ער מיך ארומ־גענומען און פרעגט: „וואס פאר א ביין זעהט איהר אין מיר, רבינקע?" פערשטעהט איהר, ער פרעגט נאך, וואס פאר א ביין זעה איך אין איהם. — „וואס פאר א ביין זאל איך אין דיר זעהן?" פרעג איך. „דארפסט דען גנב'נען בייגעל פון מארק? דארפסט עפּיס וואס? נור גלאט געהסט נישט בדרך הישר, געהסט נישט אין א גלייכען וועג. טוסט נישט דאס... טוסט נישט דאס, משה'ל! מילא, זאג איך איהם, ביזט נישט פרום, גאלסט דיך, דאוונסט נישט, וויסט נישט פון שבת, ביזט דו טאקי דערפאר א גרויסער שייגאץ, דאס איז א בעזונדער זאך, זאג איך איהם. נור ביזט דאך דער גע־שטודירטער און זאגסט, אז דו ביזט קליגער פאר דער גאנצער וועלט און פאר אלע אונזערע חכמים, זכרונם לברכה. אי, נאך דיין פגירה אפילו וועסט דו דאס אויך נישט זיין! נור גאר נישט... אבער פרעג איך דיך, וואס דארפסט דו די אנדערע קאליע מאכען? נעמסט ארום זיך ארום שקצים, פאסקודניקעס, אבגעריסענע הינד, איך וויים, שטיקלעך ארבייטערלעך און לערנסט זיי ווי עובר זיין אויף א דין, ווי „פורץ גדר" זיין!... גלאט, וואס איז עס פאר א שטאט, פיהרען זיך מיט אזעלכע איך וויים נישט וואס. פאסט עס דען פאר דיר? פע חלשות!"

דאכט זיך, האב איך גערעדט קלארע ווערטער, איז פאראן דא צו לאכען? און ער האט געלאכט! איך האב שוין אנגעהויבען ווערען אין כעס. „וואס? וואס לאכסט דו?"

„איהר זייט א וואויל אידעל, רבי!" זאגט ער מיר.

איך דארף דא האבען זיין הסכמה, צו בין איך א וואויל אידעל אדער נישט א וואויל אידעל. „דו פערשלאג מיר נישט האקעס־באקעס," זאג איך איהם. „רעד דברים כהויתם, ריינע, קלארע

דבורים. וואס? וואס לאכסט דו, וואס?"

„רבי," זאגט ער, „אייך ווילט זיך טאקי וויסען מיין תורה?" זאגט ער.

„אדרבה, זאג איך איהם, איך וויל טאקי הערען. נור שרעק דיך נישט, זאג איך איהם, מיך וועסט דו נישט קאליע מאכען, פון וועג נישט אראבפיהרען. אזוי לאנג וואס, ווי לאנג דיינע תורות וועלען צו מיר נישט צושטעהן."

„מיין תורה איז," לאכט ער, „האב ליעב דעם אנדערן ווי זיך אליין."

איהר פערשטעהט עפּיס? זיין תורה איז עס! „שיינאָץ!" זאג איך מיט חזק. „ואהבת לרעך כמוך — דאך א בפירושער פסוק! דיין תורה איז דאס?"

„זי איז יענמ'ס," ענטפערט ער מיר, „וועד עם האלט פון איהר און לערנט זי דעם אנדערן."

ענטפערן, נישט־קשה, האט ער געקאנט, דער קאפּ האט איהם נישט אבגעדארט. נור פערשטעהט איהר א דרך? זיטצט מען דאס מיט א חברה ליידאקעס און מען לערנט מיט זיי „ואהבת לרעך כמוך"! קיין בעסערע תלמידים האט ער שוין נישט געפונען.

„ביזט דאך גלאט א נאר, זאג איך איהם, אויף דיר וואלט איך עס נים געגלויבט."

נור מילא, וואס זאל איך דא א סך מאריך זיין — ער איז דאך דער קלוגער און איך בין דער נאר, האט ער מיך ווידער אויסגע־לאכט. איך רעד דאך קרום!

און ער האט געמיינט, אז איך בין דאס דער „פתי יאמין לכל דבר" און גלויב איהם שוין, אז ער לערנט מיט זיינע ווייסע חברה'־ניקעס „ואהבת לרעך כמוך." ווי מיינט איהר, ער וועט מיך טאקי באלד איינשמועסען, אז פאר „ואהבת לרעך כמוך" וועט מען עמי־צען ארייגזעצען און איז סיביר אוועקשיקען! נור איך וועל מיך שטעלען מיט איהם קריגען? ער זאגט מיר „ואהבת לרעך כמוך", זאל זיין „ואהבת לרעך כמוך." און איז ד'ר'אמת'ן האט זיך ארויסגע־וויזען, אז ער האט אונטערגערעדט די ארבייטער פון סימקינ'ס

פאבריק, זיי זאָלען אויפהערען צו ארבייטען און בעטען מעהר געלד און ווער וויים, צו וואס ער האט זיי דארטען צוגערעדט. און דער־פאר פוילט ער יעטצט אין אסטראָג!...

איין אנדערס מאָל האט ער אויסגעטראכט גאר א נייע מאָדנע תורה: „ארבייט, וועסט דו עסען!" איך האב איהם פשוט אנגע־קוקט, ווי א משגענעם. איך רעד שוין נישט פון דעם, אז גאט האט בעשאפען דעם מענשען נישט צוליעב דעם, ער זאָל ארבייטען און עסען, נור צוליעב דער תורה — וועגען גאט איז דאך נישט דא מיט איהם וואס צו רעדען, גאט איז דאך גאר אויף דער וועלט נישט דא! — נור ווי שטעלט ער זיך עס פאר, אז ר' וועלוועל שמעלקעס און אפילו איך גרונם מענדעל דער מלמד וועל מיך שטעלען ארבייטען צוזאמען מיט בינם דעם שוסטער און דאניע דעם שניידער. מען דארף דאך זיין משגע כאחד המשגעים, אז מען זאָל גאר אויס־טראכטען אזא מין פלאן. איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך האב אפילו נישט געוואָלט מיט איהם רעדען און קריגען וועגען דעם.

און נישט נור אין דעם אליין איז משה'ל קאליע געווארען, וואס ער האט אנגעהויבען צו רעדען „על השם ועל משיחו", פלוידערן וואס נישט געשטויגען און נישט געפלויגען און אויפרייצען ארבייטער גע־גען זייערע ברויטגעבער, נור אין אלע פרטים איז ער שוין נישט געוועזען קיין מהות מענש. למשל, דער יונג איז שוין געשטאנען אין שדוכים. איך אליין האב איהם געוואָלט רעדען א שדוך. נישט חס ושלום „להנאתי," פון מיין פרנסה וועגען. באמונתי, אז איך ביז ווייט געוועזען פון דעם געדאנק. נור עס האט זיך מיר גע־דאכט, אז איך האב געפונען דעם אמת'ן זווג זיינען. איהר קענט דאך מסתמא רב אברהם עלקין דעם סרסור'ס טאכטער? איז דאס עפּיס א קרומער שדוך? לדידי, נאך מיר נאך, וואלט עס געוועזען דער גליקליכסטער זווג אין דער וועלט. איז וואס לאזט זיך אוים? לאזט זיך אויס, אז ער האט זיך שוין „איזניובעט" מיט — „שמע ישראל" צו שרייען! מיט סענדער דעם רופא'ס טאכטער, מיט דער לעהרערקע! חיים אנצעל'ס זוהן מיט סענדער דעם רופא'ס טאכ־טער — „שומו שמים"!... פערשטעהט איהר, ווי דער יונג איז טיעף

געפאלען ? „מרחי אל דחי״ ! אוי, אז אך און וועה, וואס פאר איין אהבה, וואס פאר א ליובקע צווישען זיי איז געוועזען ! ווען די חצופה האט דערוואוסט, אז מען האט איהם צוגענומען, איז זי נור א ביסעל בלייך געווארען און כלומר׳סט געכאפט זיך פאר׳ן הארצען — און ווייטער גאר נישט, ווי נישט איהר זאך גאר...

נור דאס איז דאך, וואס איך מענ׳ע : דער מענש, וואס שטעהט צו צו דער חברה, געהט ארוים מכלל מענש. זיי פערליערען די מדה פון רחמנות, טוען זיך אוים פון אלץ און... און... און גאר נישט ! און זיי ווילען דאס ראטעווען די וועלט ! אך, א רוח איז זייערע טאטענס אריין !... עס איז גאר איין עברה, אז מען רעדט וועגען זיי, טפו !....

1897

צווײ וועלטען.

זי איז צוגעגאנגען צו איהם, האט ארויפגעלעגט די הענד אויף זיינע אקסלען און זעהר ווייך געזאגט:

„בנימן, זאג, האסט מיך ליעב?"

ער האט אראבגעלאזען דאס בוך אויף די קני, זי שטארק צוגע־דריקט צו זיך און מיט פערקרימטע ליפען נאכגעמאכט איהר:

„ליעב?"

„וועסט דו מיך פאלגען?"

„ראד סטאראטסיא!"

ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט און אויסגעצויגען זיך ווי א סאלדאט.

„איך וועל דיך ערגיץ שיקען, וועסט דו געהן!"

„כאטש אין פייער, לאה!"

ער האט טראגיש א פיהר געטאן מיט דער האנד.

„נישט אין פייער, נור אין וואסער."

„כאטש אין ים!"

„א ביסעל נעהנטער," שמייכעלט זי: „טובל זיין די כלים אין טייבעל."

„מ־מ־מ־מ..."

„נו?"

„שיק מיך בעסער אין ים."

„איין אנדערס מאל, היינט טו דאס."

„אי, ניין!" קרעכצעט ער אב.

„דו וועסט עס אבער מוזען טון."

„מוזען?!..."

„די מאמע, פערשטעהסט, בעט עס דיך. דאס דארף דאך טון א מאנסביל. איז וועמען זאל זי בעטען?"

„דעם בראדער שמש! מיין דאגה, וועמען?"

„אבער זי וויל, דו זאלסט זעהן."

„וויל זי!"

„איבער א נארישקייט, א קליינינקייט, זאל זי זיך אבעסען דאס הארץ."

„וואס קאן איך העלפען?"

„אבער איך בעט דיך?"

זי האט ארומגענומען זיין געזיכט מיטביידע הענד און מיט ווארמער ליעבע און לאסקע אריינגעקוקט איהם אין די אויגען.

„איך וועל נישט געהן טובל זיין קיין כלים!" האט ער שארף ארויסגערעדט, בעפרייענדיג דאס געזיכט פון איהרע הענד. „מעהר פעהלט מיר שוין גאר נישט. זאג אליין, האט עס א צורה? איך — וועל געהן טובל זיין כלים!"

„איך וויים עס אלץ. דו ביזט גערעכט. גוט. נור דאך איז עס קיין סכנה נישט, אז דו וועסט געהן. מיר וועלען געהן צוזאמען, רעכט?"

זי האט איהם ארומגענומען, א קוש געגעבען און געגלעט פאר'ן באק.

„אך, דאס איז נארישקייט!" האט ער געזאגט מיט פערדרום און אבגעטראטען פון איהר. „איך וועל נישט געהן שטעלען זיך שווינקען כלים אין טייך."

„וויל איך מיט דיר מעהר נישט רעדען."

זי איז מיט כעס ארוים פון צימער.

בנימן איז זיך א פאר מאל דורכגעגאנגען איבער'ן צימער. „נארישקייטען!" האט ער ענדליך געזאגט, אוועקגעזעטצט זיך אויף זיין ארט און ווידער פערטיעפט זיך אין בוך.

אין צימער איז אריין די שוויגער.

„בנימנ'דעל, וועסט מיך עפים פאלגען?" האט זי ווייך געזאגט.

צוגעהענדיג צום טיש.

בנימן האט געהאלטען די אויגען אין בוך און נישט גערן גע־
ענטפערט:

„אויב איך וועל קאנען, וועל איך געוויס פאלגען.“

„וואלסט מיר געהן טובל זיין די כלים. א פאר טריט דאך. דא,
אין טייכעל.“

„ניין.“

„מען מוז דאס דאך,“ האט זי געזאגט מיט א ביטערען טאן.
„שיקט וועמען איהר ווילט.“

„וועמען זאל איך שיקען?“ איהר קול האט געציטערט — „אז
עס וואלט לעבען דער שווער, וואלט איך דיך נישט געבעטען.“

טרערען האבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען.

„איהר וועט געבען לייבע דעם שמש צעהן—פונפצעהן קא־
פיקעס...“

„דער שווער האט נישט געשיקט לייבע דעם שמש.... האבען א
מאנסביל אין שטוב און בעטען איין אנדערן.“

זי האט אבגעווישט די אויגען.

„אך, נארישקייט! איך וועל נישט געהן טובל זיין די כלים,“
האט בנימן פעסט געזאגט און געשטעלט זיך אין פענסטער.

די אלטע האט זיך ווי איינגעקארציעט און מיט טרערענדיגע
אויגען נאכגעקוקט דעם איידעם.

„נארישקייט!“ האט זי ארויסגערעדט מיט א ביטערען געלעכ־
טער. „ביי דיר איז דאך אלץ נארישקייט. איך וויים נישט, ווי מען
עסט פון נישט א געטובלטער כלי.“

בנימן האט גאר נישט געענטפערט און געקוקט אין גאס. די
אלטע האט איהם נאכגעקוקט: טאמער איז ער ווייכער געווארען.
ער איז געשטאנען אונבעוועגט. זי האט געוואלט עפים זאגען, גע־
מאכט א בעוועגונג מיט די ליפען, נור גלייך האט זי חרטה געהאט,
אוועק אין דאס צווייטע צימער און אנגעהויבען דארטען אומגעהן הין
און צוריק, בעגיעסענדיג זיך מיט טרערען.

אונגליקליך פיהלט זי זיך, עלענד און אליין.

איין איינציגע טאָכטער האט זי — א שיינע, א חכמה, א וואוילע. אָבער וועניג נחת. א פריער האט זי זיך געלערנט און אויסגעשטור־דירט לעהרערקע געגען איהר און דעם אלטען׳ס ווילען. א שטאָט! זלמן דעם דיינ׳ס טאָכטער א לעהרערקע. דער אלטער און זי זיינען געוועזען אויסער זיך, אָבער גאָר נישט אויסגעפיהרט. דערנאָך האט זי חתונה געהאט מיט בנימן קאלמאנאוויטש דעם עלטסטען לעהרער פון דער אידישער עלעמענטאר־שולע — ווידער געגען דעם טאַ־טענ׳ס און מאמע׳ס ווילען. דעם אלטען האט עס אפשר פערקירצט די יאָהרען. אין א פּאָר חדשים ארום נאָך דער חתונה איז ער גע־שטאָרבען. נור כל ימיו האט ער געליטען פון א ברוסט־פעהלער.... ניין, נישט פון דער טאָכטער איז ער געשטאָרבען!

און אין ד׳ר׳אמת׳ן זיינען זיי דאָך ביידע גוטע קינדער. זי האט זיי ליעב פון גאנצען הארצען. ערשט זיעבען חדשים נאָך דער חתונה און דער איידעם איז איהר איינגעבאקען אין הארצען. אָבער נישט פרום זיינען זיי. נישט פרום, אז גאָט זאָל זיי נור נישט שטראָפען. אפילו... ווידער... פערקערט... זי איז זיי מוחל. פּאַרט „יונגע בעק־לעך" פון דער נייער וועלט. זיי וועלען עלטער ווערען, האָבען איי־גענע קינדער, וועלען זיי אנדערם ווערען. און ביי גאָט קויפט זי זיי אָב מיט וואס זי קאָן. זי גיט אפּט ליכט אין בית־מדרש, גיט צדקה — כמעט דעם לעטצען ביסען פון מויל, זאָגט אָב יעדען טאָג איבריגע קאפּיטלען תהלים, געהט אפּט אויפ׳ן בית עולם, רעדט זיך דארטין דורך מיט איהר אלטען אויפ׳ן פרישען קבר און בעט איהם, ער זאָל דאָרטין ביישטעהן, בעשיטצען און בעהיטען זיין בת־יחידה. די טאָכטער בענשט קיין ליכט נישט, בענשט זי אָב פאר איהר. זי האט טאָקי אזוי אנגעזאָגט: „רבונו של עולם, דאס בענש איך פאר לאה׳טשקען! זי וועט נאָך בענשען, רבונו של עולם! דיינס וועט נישט פערפאלען ווערען, רבונו של עולם!" די טאָכטער פיהרט זיך נישט אידישליך אין די ווייבערשע זאכען, און די אלטע האט טאָקי לאנג נישט געוואוסט, מיט וואס זאָל זי איבערבעטען גאָט פאר די זינד. נור אז איהר האט געגאלטען אריינטראָגען און צונויפקלייבען א

שיינע נדבה אויף דער קהל'שער מקוה, האט זי זיך בערוהיגט. זי האט זיך דערצו נאך שטארק געעוסקט מיט דער מקוהביים בויען, האט געקערעדט און גע'טענ'ה'עט מיט אלע קהל'שע פיהרער, די מקוה זאל זיין שיין און רייז, ליכטיג און ציכטיג. און אז די מקוה איז טאקי ארוים א זעלטענע מקוה, איז זי באלד געלאפען צום מאן אויפ'ן קבר און אנגעזאגט איהם פון „איהר" מקוה און עס האט זיך איהר געדאכט, אז אט־אט וועט זי דערהערען דעם מאנ'ס קול פון קבר מיט דער בשורה, אז גאט האט מוחל געווען לאה'טשקען במחילה גמורה. זי האט דעם קול נישט געהערט, גאנץ איינפאך דערפאר, וואס מתים רעדען נישט. אבער זי האט זיכער געוואוסט, אז לאה'טשקעס אקציעס שטעהען בעסער.

זי ווייס גאנץ גוט, אז ווען נישט זי, וואלט די טאכטער נישט זעהר אבגעהיט געווען איז כשר און טריף. נור זי מאכט זיך דער־פון נישט וויסענדיג, גאט זאל עס ביי איהר נישט אבלייענען פון די געדאנקען. מאלע וואס עס וואלט געווען! דער פאר שטראפט דאך נישט גאט. אבי יעטצט איז כשר.

און טויזענדער, טויזענדער עבירות — הארבע, שרעקליכע, האר־שטרויבענדע — פאר וועלכע זי דארף דאס אליין אבטענ'ען זיך מיט גאט — אבער ווען לייט וואלטען כאטש דערפון נישט געוואוסט! אזוי גיט מען איהם נעביך קיין רוה נישט אין קבר.

וואס פאר א פנים וועט דאס יעטצט האבען, ווען זי וועט געהן זוכען א אידען אויף טובל זיין די כלים? קאן זי דען עמיצען זאגען, אז איהר איידעם האלט דאס „כלים־טובלנען" פאר א נארישקייט — זאל איהם גאט נישט שטראפען פאר די רעד? „א נארישקייט!" און דער אלטער, זכרונו לברכה, האט עס שטענדיג אליין געטאן, כאטש ער האט אימער צוגעקריינקט, דערהויפט נאך פסח צייט, ווען דער טייך פלעגט זיך לאזען. „נארישקייט"!

און זי פיהלט זיך עלענד, אונגליקליך, א ביטערע אלמנה און גיעסט זיך מיט טרערען.

זי האט אפילו נישט בעמערקט, ווי לאה איז א פאר מאל צוגע־גאנגען צו דער טיר און מיט אומעטיגע אויגען געקוקט אויף די לייו־

דענדיגע מוטער. אפשר וואלטען זי דער טאכטער'ס אומעטיגע אויגען געטרייסט!

לאה איז אריין צו בנימנ'ען. ער איז געלעגען אויפ'ן דיוואן און געלייענט דאס בוך. אז לאה איז אריין, האט ער אוועקגעלעגט דאס בוך אויפ'ן הארצען און א קוק געטאן אויף איהר. לאה איז צו צום פענסטער. זי האט נישט געוואוסט, ווי העבט מען אן צו רעדען מיט איהם. ער האט ארויסגענומען א פאפיראס, פעררוי־כערט און צוריקגענומען דאס בוך.

„טאמער וואלסט דו פארט געגאנגען?" האט לאה ענדליך גע־זאגט, שרייבענדיג מיט א פינגער אויפ'ן פענסטער.

„ניין."

„זי וויינט דאך שוין."

„וואס קאן איך העלפען."

זיינע ענטפערן האבען זי געערגערט צום טויד. זי וועט זיך אליין צואווייגען אדער.... אדער זי וועט איך ווייס־נישט וואס טון.

„ביזט א שלעכטער."

„האסט זיך ערשט געכאפט?"

„אי, הער אויף אזוי צו ריידען!" האט זי אויסגעשריען און פער־דעקט דאס געזיכט מיטביידע הענד.

ער האט א ווארף געטאן א בליק אין איהר זייט און צוריק גע־נומען קוקען אין בוך.

„מאכט זיך נאריש," האט ער שטיל ארויסגערעדט.

זי איז נאך א ווייל געשטאנען מיט די הענד אויפ'ן געזיכט און דאן ארויסגענומען דאס טאשענטיכעל, אבגעווישט דאס געזיכט און אנגעהויבען אומגעהן איבער'ן צימער, נערוויש ציהענדיג דאס טיכעל אין ביידע הענד.

„איך מאך מיך נאריש," האט זי געשעפציעט, „נאריש מאך איך מיך!"

„וואס דען?" האט ער ארויסגעברומט פון בוך.

„איך מאך מיך נאריש," האט זי מיט ביטערקייט געזאגט. „פאר

וואָס זאָל די מאַמע איבער אַ נאַרישקייט אַזעלכע יסורים האָבן?"

„ביז איך דען שולדיג?"

„ווער דען?"

ער האָט זיך צולאַכט.

„ביזט אַ מענש אָהן אַ האַרץ," האָט זי מיט האַרץ אַרויסגערעדט.

„זאָג, לאַה, דו גיסט איהר אין אַלץ נאָך?" — ער האָט זיך אויפגעזעצט — „דו פיהרסט זיך עפּיס אַ סך אויף ווי זי וויל. קינד איינס, מיט טויזענדער שפּיזען שטעכען מיר זי טאָג־טעגליך, טאָג־טעגליך ברענגען מיר זי אויף הייסע סקאָוואָראָדעס, טאָג־טעגליך בע־לייידיגען מיר זי אָהן רחמנות אין איהרע הייליגסטע געפיהלען, און דו רעדסט יעטצט און מאַכסט זיך נאַריש ווענען אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע, ווענען אַ קליינעם קראַטץ... קינד!"

זי איז אומגעגאַנגען איבער'ן צימער, האָט גאַר נישט געענט־פערט און געצויגען דאָס טיכעל.

„מיט אַ מאָל ביזט דו געוואָרען אַ גוטע טאָכטער."

ער האָט זיך צוריק אוועקגעלעגט און גענומען דאָס בוך.

„דאָס איז אַלץ גאַר נישט," האָט לאַה אָבגעענטפערט.

„אוהום!"

„... און אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל דאַרף מען אַ מאָל אויסמיידען, ווען דער שטאָך איז איבריג."

„נאַ—טיר—ליך!"

„נאַטירליך!"

„ווייל דו ווילסט אַזוי!"

„נישט ווייל איך וויל אַזוי, נור ווייל דאָס איז אַזוי! כלים טוב'לען איז אַ נאַרישקייט, אַ קלייניגקייט, אין וועלכער מען מאָג נאָכגעבען..."

„אַהאַ!"

„דאָס בעריהרט נישט אויף אַ האָר מיינע פּרינציפּען...."

„גאָר אַזוי!"

„...און האַלט מיך נישט טאָג־טעגליך געבונדען ווי אַלע אַנדערע, איך ווייס וואָסערע דינים. דאָס איז איין איבריגער שטאָך. און

ווייטער מוז עס שוין פון איהרעט וועגען. זי וועט דאך נישט עסען אדער טרינקען פון נישט א געטובל'טער כלי...״

„זאל זי שיקען לייבע דעם שמש.״

„שעמט זי זיך צו בעטען א פרעמדען, וועז זי האט איין אייגע־נעם מאנסביל אין שטוב.״

„נו, דערפון בין איך נישט מחויב צו ליידען.״

לאה איז צו צום דיוואן, האט זיך צוגעזעטצט צו בנימנ'ען, גע־נומען קרייזלען זיינע האר און געזאגט מיט געבעט:

„געה, זעה, איך וועל מיט דיר אויך געהן, וועל העלפען טראגען די כלים. דאס איז דאך א נארישקייט, א קלייניגקייט. צו וואס זאל זי עגמת נפש האבען?״

זי האט זיך איינגעבויגען צו איהם און זיי האבען זיך צוקוסט.

„האלט האב איך דיך... אז דו קרייזעלסט מיר די האר, איז עס מיר זעהר געפעלען,״ האט ער געלאכט, „און געהן וועל איך נישט. בעקלער אליין: איך וועל געהן שטעלען שווינקען זיך מיט כלים אין טייך! דאס איז טאקי א נארישקייט, א קלייניגקייט, אבער איך קאן מיר נישט פארשטעלען, ווי איך וועל דאס טאן. זעהסט דאך אליין, אט האבען מיר מצה אויף פסח מיט אלע זיעבען זאכען... ביי אונז איז א כשר'ע קיך.. ווייל אנדערם טון, וואלט הייסען פערטרייבען זי פון שטוב. דאס ווילען מיר ביידע נישט. אבער כלים טובל'נען קאן לייבע דער שמש, וועז מען דארף דוקא א מאנסביל. בין איך נישט גערעכט?״

„ביזט נישט גערעכט, נור מעהר וויל איך נישט רעדען.״

זי איז אויפגעשטאנען פון דיוואן און אנגעהויבען אומגעהן אי־בער'ן צימער.

„בעט דו לייבע דעם שמש,״ האט ער געזאגט איז א ווײלע ארום.

לאה איז אריין צו דער מאמע'ן אין צימער.

די אלטע איז געשטאנען איבער א קיישעל און געלעגט אין איהם די כלים.

זי האט שוין געוואוסט, וואס זי האט צו טון. זי האט זיך דער־מאנט, ווי מיט יאהרען צוריק, ווען דער אלטער האט נאך געלעבט, איז זי אויך איין מאל אין דער צייט געוועזען אין א גרויסער פערלע־גענהייט. דער אלטער איז געראך געוועזען וועגען א קהל'שער זאך אין א נאהענטען שטעדטעל און האט ערשט אויף מארגען, אום עכטען ערב פסח געדארפט קומען, און זי האט נישט געהאט, ווער עס זאל איהר בודק חמץ זיין. האט זי זיך אליין געהאלפען. דאס איז אפילו א מאנסבילשע מלאכה, אבער דאך האט זי „געשטעלט אויף זיך" און אליין בודק חמץ געוועזען. זי וועט דאך נישט געהן דינגען ווענען! און זי האט עס געמאכט נישט ערגער פאר דעם בעסטען מאנסביל. זי קאן עס דען נישט, וואס? אויף מארגען האט דער אלטער זי גע־לויבט דערפאר.

און יעטצט וועט זי אליין געהן טובל זיין די כלים. ביי דער נאכט וועט זי אליין בודק חמץ זיין. זי וועט דען ווייטער אנהעבען דינגען זיך מיט'ן איידעם? א סך זאכען וועט זי אליין דארפען טון — אלץ מאנסבילשע זאכען.

„אך!"

און איהר הארץ „פערגיעסט זיך מיט בלוט."

„איך וועל שיקען נאך לייבע דעם שמש," האט לאה געזאגט.

„איך דארף קיינעם נישט," האט די אלטע אבגעענטפערט מיט איין אומעטיגען קול און עטוואס שטאלץ און געלעגט א כלי נאך א כלי.

„וואס ארט דיך?"

„איך דארף קיינעם נישט."

„וואס דען וועסט דו טון?"

„אט וועסט דו זעהן, וואס איך וועל טון — איך וועל אליין געהן."

„אליין?"

„וואס דען מיינסטו, איך וועל דאס נישט קאנען? איך קאן, דאנק גאט. איך ווייס, דאנק גאט, ווי מען איז זיך נוהג. אליין, אלץ אליין. כלים טובל זיין — אל—ליין... בודק חמץ זיין — אל—ליין... און ערוב תבשילין מאכען — אל־ליין... דעם סדר אבריכטען —

אל—לײן... די פיער קשיות פרעגן — אל—לײן און אל־לײן ענטפערן דעם תירוץ... אל—לײן... אלץ אלײן..."

זי האט גערעדט מיט א געבראכענעם קול. אין איהר רעדע האבען זיך געהערט די טענער פון דעם העכסטען אונגליק. זי האט געצויגען די ווערטער, ווי זי וואלט וועלען פערטיעפען, דערגרייכען ביז'ן גרונד, אין גאנצען בעגרייפען איהר עלענד, איהר ביטערע אלמנה'שאפט.

לאה האט עס געפיהלט. איהר ברוסט האט געדריקט פון רחמנות. זי האט זיך קוים איינגעהאלטען פון וויינען און גענומען העלפען דער מאמען איינלעגען די כלים.

„ווארט, ווארט," האט זי גערעדט פריינדליך, מיט ווארמער ליעבע. „האסט נישט גוט איינגעלעגט. די טעלער וועלען זיך צו־ברעכען. ווארט, איך וועל איבערלעגען. אט אזוי, א... אט אזוי... אזוי איז יעטצט בעסער."

דער אלטער האט עס הנאה געטאן. זי איז א ביסעל מונטערער געווארען.

„אט אזוי, א..." האט לאה ווייטער גערעדט, איינלעגענדיג די כלים. „און ווייסט, מאמע, איך געה מיט דיר. איך וועל דיר צו־טראגען די כלים."

די אלטע האט ארומגענומען די טאכטער און א קוש געטאן.

„פארט א טאכטער," האט זי געזאגט ווי פאר זיך.

לאה האט אויף גיך אבגעווישט א טרער און ארויסגעלאפען אין דאס צווייטע צימער. אין א ווײלע ארום איז זי ארײן פון דאר'טין מיט א ווייסען טישטוך און גענומען איבערדעקען די כלים אין קיי־שעל. זי האט עס געטאן געשיקט, שנעל. זי איז אויפגערעגט געווע־זען. עס איז ארײן די פארב אין איהרע באקען, איהרע שײנע בלויע אויגען האבען אויפגעבליטצט...

„איז עס נישט א פערגניגען צו טון א מצוה?" האט די אלטע גע־זאגט, בעוואונדערענדיג די שײנע טאכטער.

לאה האט זי נישט פערשטאנען.

„דו געהסט טון א מצוה," האט די אלטע צוגעגעבן, „שיינסט דו גאר יעטצט."

„אה, דאס מיינסט דו!" האט לאה אויסגערופען מיט א ברייטען שמייכעל.

און די אלטע האט דערפיהלט, אז נישט די מצוה האט אנגע־צונדען דאס פייער'ל אין לאה'ס אויגען. נור זי מאכט זיך נישט הערענדיג דעם געדאנק און האט זיך פערטיעפט אין קרבן מנחה, אין וועלכען זי האט געוואלט זיך איבערצייגען, אז זי ווייס די ברכה, וועלכע מען דארף מאכען ביי כלים טובל'ען.

לאה האט גענומען דעם קיישעל אויף די רעכטע האנד און איז ארויס. די אלטע נאך איהר.

„זעהסט, ניאמקע, הא? מיר קאנען אויסקומען אהן דיר אויך," האט לאה געזאגט בנימנ'ען, דורכגעהענדיג זיין צימער.

בנימן האט א קוק געטאן אויף דאס שיינע ווייב, א שמייכעל געטאן און גאר נישט געענטפערט. שפעטער א ווייל'ע האט ער ארויסגערעדט פאר זיך:

„נישט לאגיש, נישט לאגיש..."

די אלטע האט זיך אראבגעלאזען אויף די פערזען נעבען קליינעם טייכעל, געמאכט די ברכה „על טבילת כלים", דריקענדיג יעדעס ווארט און אנגעהויבען טונקען יעדע איינציגע כלי דריי מאל. זי האט עס געטאן לאנגזאם, מיט חשק און כונה — די מצוה זאל זיך מעהר ציהען. זי איז געווען בעגייסטערט. א זיסקייט און גליקזעליגקייט, איין אנגענעמע, געטליכע רוהיגקייט האט אנגעפילט איהר גאנצע זעעל' און צוגאסען זיך איבער איהר געזיכט. און זי שפירט איין אונענד־ליך גרויס גליק, וואס די טאכטער שטעהט דאביי, וואס די טאכטער האט א חלק אין דער מצוה. אי, זי וועט עס דערצעהלען דעם אלטען!

און דיא טאכטער שטעהט דאביי, קוקט זיך צו צו דעם, וואס די מאמע טוט און — — שמייכעלט. זי פערשטעהט דער מאמעס בע־גייסטערונג. זי פיהלט, וואס איז דער מוטער קומט פאר. נור... שוין וואלט טאקי אויסגעזעהן בנימן, ווען ער וואלט זיך אראבגעלאזען

אויף די פּיאַטעס און געשווינקט זיך מיט דעם באַרג געשיר אין־טייך, אַראָבלאָזענדיג און אויפהעבענדיג יעדע כלי דריי מאָל אין וואַסער. זי וואַרפט איהר בליק אויף דאָס בריקעל איבער'ן טייכעל: צו שטעהט דאָרטין נישט עמיץ און קוקט אויף איהר און לאַכט...

צוויי וועלטען, צוויי וועלטען!

1897

ביים אדוואקאט.

...איך האב זי געפאטשט, א ודאי האב איך זי געפאטשט... איך לייקענ עס גאר נישט. עס פרעגט זיך אבער נור, פאר וואס האב איך זי געפאטשט? און דא מאג זי מיך פערקלאגען אין צוואנציג סודען, די סודיעס, דענק איך, וועלען מיר אלע געבען גערעכט...

וואס קאן איך, פרעגט איהר מיך, זאגען צו מיין ענטשולדיגונג? אט וואס איך קאן זאגען — איהר מעגט עס טאקי איבערחזרן אין סוד ווארט אין ווארט—אז א פייער האט געמעגט קומען אויף אמע־ריקא, איידער איך האב זי דערקאנט און איידער אלע אידען האבען זי דערקאנט! אזוי וואויל וואלט אונז אלעמען געוועזען, ווען מיר וואלטען פון איהר נישט געוואוסט. מען וואלט נישט געוועזען אזוי אויסגעלאסען און נישט אויסגעטאן זיך פון דער אידישקייט.

דאס איז נישט נוגע, זאגט איהר, צום ענין? א ודאי, זאג איך אייך! דאס איז שוין יא נוגע, וואס ארט אייך. ווארום, אז נישט די אמעריקא, וואלט איך צו קיין צרה נישט געקומען און וואלט נישט געדארפט שטעהן און משפט'ן זיך... משפטים בל ידעום, טפו! איך האב שוין אבגעלעבט אויף מיין וועלט זיעבען און פופציג יאהר און האב מיך קיינמאל נישט גע'משפט. הלואי וואלט איך יעטצט אויך נישט געוואוסט פון משפטים און נישט געדארפט האבען אויף זיך די חרפה, אז דורך א לייבליכע פלימעניצע, א ברודער'ס א טאכטער, זאל איך דארפען שטעהן אין סוד, נור מילא...

איך וועל איך אייך דערצעהלען אלץ כסדר. דעם ריינעם אמת. איך האב אויף מיין לעבען קיינעם קיינמאל נישט גענארט און וועל עס יעטצט א ודאי נישט טון. און אייך אדוואקאט דארף מען דאך געוויס זאגען דעם אמת. איך הערט איהר דאך.

איהר מאגט מיר גלויבען אויף מיין הן שלי, אז איך קאן נישט אנקוקען א וועלאָסיפּעד, א בייסיקל. איך קאן שוין דא ברוך השם טויזענדער זאכען נישט אנקוקען, ווארום וואו איך? וועז איך? נור א בייסיקל איז ביי מיר טריף ווי חזיר. וועט איהר דאך פרעגען, פאר וואס? איז ווייס איך טאקי אליין נישט. נור איך פיהל... איך פיהל, אז דאס פּאסט עפּעס פאר גוים. איין עהרליכער איד וועט זיך נישט אוועקזעצען אויף א בייסיקל. און איהר זעהט דאך, אט האט מען נאך אויסגעטראכט אלערליי בייסיקל־קאסטיומקעלעך און היטעלעך און זעקעלעך און... און... און שדים ווייסען וואס נאך — פּורים־שפּיעלער און פארטיג! איהר וועט דאך לאכען, הא? אפשר פאהרט איהר אליין בייסיקל. אבער איך ווייס נישט. ביי מיר איז דער, ווער עס פאהרט אויף א בייסיקל, עלול אויף אלץ. מיט מיר איז שאפּ ארבייטען צוויי יונגע בחורים, וועלכע פאהרען אויך בייסיקל, רעד איך מיט זיי גאר ניט. א פאר גאר־נישט'ן, לאבוזעס, זיי פאהרען אויך בייסיקל! נור מענער נאך ווי מענער. דערזעה איך אבער א נקבה אויף א בייסיקל, און וועז נאך אין הויזען אדער אין א קורצען קליידעל, הערבען מיר אז צו ציטערן הענד און פים. איך מוז שטענדיג אויסשפּייען, ווי נאך א נבלה, ווי נאך א מיאוסקייט... אין די הויזען אדער אין דעם קורצען קליידעל, מיט די זעקעלעך און שיכעלעך, איינגעפּרעסט אין גארטעל, אז די נשמה קריכט ארוים.... איינפאך ווי נאפּקעס, איך בעט אייך איבער! איך בין קיין גזלן נישט, איהר מאגט פרעגען אויף מיר, ביי וועמען איהר ווילט. נור די אלע נקבות וואלט איך עפּעס אויסגעהאנגען ביז איינע, ווי איהר זעהט מיך א אידען. אז מיינע א טאכטער וואלט זיך עס דערוואגט צו טון, איז ווי איהר זעהט מיך לעבען, איך וואלט נישט געקוקט, וואס זיי זיינען שוין אויסגעגעבענע, און וואלט זיי צופּראשקעט די צורות. נור מיינע טעכטער האבען עס גאט זיי דאנק נישט געטאן און וועלען עס ניט טון — מיינע אייניקלעך ווייס איך ניט, מסתמא וועל איך שוין דאמאלס גאר נישט לעבען. איז אז מיינע טעכטער האבען עס נישט געטאן, שיקט אויף מיר גאט אז מיין פּלימעניצע... עך־עך־עך! נו, מילא.

טיק הערט־זשע ווייטער. ווען איז עס געווען? איך זאל אייך קיין ליגען ניט זאגען, איז דאס היינט די דריטע וואך, אז איך האב דערהאלטען פון מיין ברודער פון דער פראווינץ א בריעף, אז ער וויל מיר שיקען זיין מיידעל צו גאסט. האב איך איהם תיכף ומיד גע־ענטפערט, אז ער זאל עס טאקי טון. און האב איהם נאך געשריעבען, טאמער איז א סברא, אז ער זאל אויך קומען, ער וועט ביי מיר זיין א טייערער גאסט. ווארום וואס? איך האב עפעס א סך ברידער? סך הכל איז ער ביי מיר דער איינציגער ברודער. איך האב נאך א שוועסטער, חשד'ט זי נאך אין דער היים, דארטען איז שטעדטעל, אין דער שווארצער טומאה, אין בעלאצערקאוו. איז יא, נו, בקיצור, ער קאן ניט קומען, דאס געשעפט לאזט נישט, אבער זי איז יא געקומען. איך זאג אייך, איך ביז דעם טאג קוים איינגעזעסען אין שאפ ביי דער ארבייט. עפעס, ווי זאגט מען עס, פארט... מילא, איך האב געדארפט ארבייטען איבערשטונדען, האב איך שוין נישט געארבייט און געלאפען אהיים... ווי איהר זעהט מיך לעבען, געלאפען אהיים. איך האב נאך אויפ'ן וועג געקויפט א פאר באנאנעס און א פאר אפעלסינען. איך וויים, זאל דער פעטער נישט קומען מיט לעדיגע הענד. איך קום אריין אין שטוב, איך האב נאך קיין צייט נישט געהאט אבצוגעבען איהר שלום עליכם, ווי עס דארף צו זיין, אויסצורעדען מיט איהר א פאר ווערטער, פערנאנדערפרעגען, ווי געהט עס דעם טאטען, ערשט איך טו א קוק — א בייסיקל שטעהט! עס איז מיר פינסטער גע־ווארען אין די אויגען! בקיצור איך האב שוין מעהר א ווארט נישט געקאנט אויסרעדען און גלייך אנגעזאגט איהר — אט וועט איהר הערען פון איהר אליין, צו זאג איך אייך ליגען: „איידע, האב איך איהר געזאגט, ווילסט דו ביי מיר זיין איז שטוב, איז זאל דאס פאסקודסטווא נישט געפינען זיך ביי מיר.“ און נישט מאכענדיג קיין שום מחזקות, האב איך גענומען דעם בייסיקל און אראבגעטראַ־גען איהם אין קעלער. דאס איז גאר נישט געווען פאר מיינע כחות און צוריהרען זיך צום בייסיקל איז ביי מיר געווען, ווי צו־ריהרען זיך צו חזיר. נור איך האב אויף גאר נישט געקוקט, אבי

פטור ווערען פון איהם, פאר מיינע אויגען זאל דאס פאסקודסטווא נישט שטעהן. זי האט זיך צו־וויינט און איך האב איהר געזאגט, אז זי איז א גרויסער נאר, אויב זי וויינט גאר. אז זי וואלט געווע־זען א מענש מיט א דעת, האט זי מיר גאר געדארפט דאנקען. גע־ווים. ווארים קיין לייטיש מיידעל וועט נישט פאהרען בייסיקל און מיך וואונדערט, ווי דער טאטע האט עס גאר צוגעלאזען. „די גאנצע וועלט, זאגט זי, פאהרט בייסיקל!" „די גאנצע וועלט! מאך איך פון איהר חוזק. מסתמא נאך א לאבוזיכע און נאך א לאבוזיכע און נאך א לאבוזיכע. נור זאל זיין פון מיינעטוועגען די גאנצע וועלט. אבער יעטצט ביזט דו ביי מיר איז הויז און איך וויל ניט, אז דו זאלסט פאהרען בייסיקל." און איך האב איהר טאקי אנגעזאגט, אז אויב זי האט דארטען ביי זיך הויזען אדער א קורץ קליידעל, זאל זי עס גאר ניט אנהעבען ארויסנעהמען פון קארב, ווארום איך וויל עס גאר נישט זעהען אין מיינע דלית אמות. דו ביזט ביי מיר א גאנץ גוטער גאסט, האב איך איהר געזאגט, מאגסט און קאנסט ביי מיר זיצען, וויפיעל דו ווילסט אליין, האב איך איהר געזאגט, נור בייסיקל פאהרען זאלסט דו גאר ניט אנהעבען צו טראכטען, האב איך איהר געזאגט. איך האב ארויסגעטראגען דעם בייסיקל, פערשלאסען דעם קעלער און דעם שליסעל ארייגעלעגט צו מיר אין קעשענע.

נעכטען, שבת, כאפ איך מיך, אז ביי מיר איז ניטא דער שליסעל פון קעלער. מיר איז גלייך איינגעפאלען, אז מיט דעם שליסעל מוז עפעס זיין, אז איך האב איהם נישט גלאט גענומען און פערלארען. מיין פלימעניצע איז איז דער היים נישט געווען, נעם איך מיך צו מיין ווייב: „דו מוזט וויסען, זאג איך איהר, וואו דער שליסעל פון קעלער איז." ענטפערט זי, אז זי העבט נישט אן צו וויסען, אז מסתמא האב איך איהם פערלארען. גלויב איך איהר נישט. „איך זאג, זאג איך, אז דו ווייסט יא, וואו דער שליסעל איז." בייטעלט זי צו מיר אוים אלע חלומות און שווערט זיך, אז זאל זי אזוי נישט וויסען פון צער, ווי זי ווייס נישט, וואו דער שליסעל איז. „טיך זיי וויסען, זאג איך איהר, אז איידע האט ביי מיר ארויסגענומען דעם שליסעל." און איך רעד נישט קיין סך און געה ארצב אין קעלער, א

קוק צו טון צו שטעהט נישט דארט דער בייסיקל. נור מיין קעלער איז געוועזען פערשלאסען, און פינסטער איז דארטען, באטש נעם ארוים איין אויג, האב איך בשום אופן נישט געקאנט זעהן צו שטעהט דארטען דאס פאסקודסטווא צו נישט. איך האב אנגעהויבען פארקען מיט א שטעקעל צווישען טיר. נור איך געדענק אפילו נישט, וואו איך האב דאס פאסקודסטווא אוועקגעשטעלט: ביי מיר איז דאך געוועזען, אבי איין שטוב עם נישט האבען. איך האב מיך געדראפעט ארויף, האב געפויזעט אויף דר׳ערד, אבער איך האב גאר נישט געזעהען. היינט ווי דערוויים איך מיר איצטער, צו האט זי ביי מיר ארויסגענומען דעם שליסעל און אוועק מיט׳ן בייסיקל, צו נישט? בלייבט ביי מיר אבשטעהן אויפ׳ן גאס און אבווארטען, ביז זי וועט קומען. ביי מיר איז עס שוין אריין אין א נצחון. אז זי איז שוין אזא מאכערטע, דארף איך איהר בעווייזען, אז איך בין נאך א גרעסערער מאכער. און איך בין אבגעשטאנען א שעה און צוויי און דריי. איך האב אפילו מנחה געדאווענט אונטען ביים אריינגאנג. און פלוצלונג זעה איך, זי קומט און טאקי אויפ׳ן בייסיקל, און נישט אליין! לעבען איהר הארט ביי דער זייט פאהרט א פורים־שפיעלער אין א קאסטיומטשיקעל, אין א היטעלע און אין זעקעלעך, כדין ווי עס דארף צו זיין... דאס בלוט האט אין מיר אנגעהויבען צו קאכען. און איך זאג אייך דעם אמת, אז אין דער ערשטער מינוט האב איך מיך עפעס אליין פערשעמט. סטייטש, מיין ברודער׳ס טאכטער זאל זיך אזוי אויפפיהרען! וועה, וועה, וועה! מילא... איך האב מיך פערשטעלט אונטען אין קארידאר. איך האב געוואלט פשוט זעהן, ווי וועט דא ווייטער צוגעהן ביי דעם פאר׳ל. און איך זעה ווי דער פורים־שפיעלער איז פריער אראבגעשפרונגען און האט איהר געהאלפען אראבגעהן און דערביי האט ער זי אזוי אנגענומען פאר דער האנד, אט דא אויבען, אז איך האב געמוזט אויסשפייען. און עס האט אין מיר געקאכט און געקאכט. און דא האט זיך אנגעהויבען ביי זיי א רעדענים, א לאכענים, א צושיידענים, אויף א גאנצע שעה. און זיי זיינען געשטאנען אזוי נאהענט איבערגעבויגען איינער צו דעם אנדערן, אז זיי האבען דאכט זיך געדארפט צו קלאפען זיך מיט די

שטערנס. און זייערע אויגען, — אי, רבונו של עולם, זייערע אויגען! פוי! ווי זיי האבען זיך דאס אנגעקוקט... עפעס מיט אזא מין תאוה, מיט אזא מין זנות... ווי די הינד. עס האט מיר געעקעלט און איך האב געשפיים און געשפייט. און געקאכט האט עס אין מיר, אז איך בין קוים איינגעשטאנען אויפ'ן ארט. מיר האט זיך געוואלט ארויסלוי־פען צו זיי, אנשפייען זיי א פולע צורה... און... און... ע... איהר זעהט דאך, ווי עס קאכט אין מיר נאך איטצטער!... נור וואס זאל איך אייך א סך דערצעהלען: ענדליך האבען זיי זיך אבגעריסען איינער פון דעם אנדערן און ער האט איהר עפעס א זאג געטאן אזוינס — איך האב נישט געהערט וואס, און אז איך וואלט געהערט, וואלט איך נישט פערשטאנען, ווייל זיי האבען גערעדט ענגליש — נור זי האט זיך צולאכט מיט אזא מיאוסען געלעכטער, אז איך בין גאר נזדעזע געווארען, געבליעבען א פערטרייסעלטער: ווי קומט עס גאר צו א אידישער טאכטער אזא געלעכטער, וועה מיר נישט געשעהן! און אז זי איז אריין אין קארידאר, נאך מיט דעם זעלבען מיאוסען לאכען און נאך מיט דעם זעלבען בליק פון א זונה אין די אויגען, האב איך מיך שוין מעהר נישט געקאנט איינהאלטען און האב זי טאקי גוט אנגעפאטשט. און איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך האב מיך אפילו ניט ג ע ט א ר ט איינהאלטען, ווארום איך וואלט געוועזען ער־גער ווידער ערגער, ווען איך וואלט מיך איינגעהאלטען און נישט גוט אויסגעפאטשט זי...

וועט איהר דאך ביי מיר פרעגען, וואס האב איך אויסגעפיהרט מיט די פעטש, אז אט שלעפט זי מיך נאך, דעם אלטען פעטער, אין סוד און דער סודיא, ווי איך זעה נאך אייך, וועט מיך נאך אפשר פערמשפט'ן. איז וואס, פרעג איך ביי אייך, האב איך געזאלט אויס־פיהרען? איך האב אויסגעפיהרט, אז... אז.. עס איז טאקי מיאוס. וואס מיינט איהר, עס איז טאקי מיאוס. דערפאר זאג איך דאך טאקי, אז פערברענט האט געמאגט ווערען אמעריקא, איידער מיר האבען זי דערקאנט...

עך!...

1900

אין שטורם.

א פרומע אידענע האט עס מיר דערצעהלט, אלס א מוסר השכל פאר די זינדיגע, פאר די יונגע, פאר דאס נייע. —

אויף דעם קלארען הימעל האבען זיך בעוויזען שווארצע וואלקען. דיקע, געדיכטע שטורם־וואלקען. צוערשט ווייט, הינטער'ן וואלד, אבער גאר באלד האבען זיי פערדעקט דעם גאנצען הימעל איבער'ן שטעדטעל. א שטורם־ווינד האט זיי געפייטשט און געטריעבען, און זיי זיינען געלאפען אונטער זיינע שמיץ, בייז, אנגערוקט, חשך'דיג. און דער ווינד — א ווירבעל־ווינד — האט זיך געטראגען אין דעם גאנצען בעוואוסטזיין פון זיין אימה'דיגער קראפט, אויפגעהויבען זיילען שטויב ביז צו די געיאגטע וואלקען, אראבגעריסען דעכער, אויסגעריסען בוימער פון די ווארצלען.

אויף דאס שטעדטעל האט זיך אראבגעלאזען א חשך. אין מיטען העלען טאג איז געווארען נאכט, עכט שבת־שובה'דיג... אזוי שרעקעדיג פינסטער, אזוי דריקענדיג שווער, ווי ביי א פרומען אידען אויפ'ן הארצען.

די מענשען האבען זיך איינגעשלאסען אין זייערע הייזער, פערשפארט פענסטער און טירען. די ערנסטע פנים'ער פון די תשובה־טוענדיגע אידען זיינען נאך ערנסטער געווארען. די שווערע געפיהלען פון שבת־שובה זיינען נאך שווערער געווארען. גאט בייזערט זיך. די טרויעריגע שטימען פון די תהלים־זאגער זיינען געווארען הארציגער, וויינענדיגער.

עס איז געווארען פינסטערער און פינסטערער.

דאן האט די אלטע כיענע אויפגעהויבען די אויגען פון דעם תהלים, א קוק געטאן דורך איהרע ברילען אויף די גאס, ארויסגערעדט מיט א ציטערדיגען הארץ: „אר־הו!“ און אבגעזיפצט.

זי איז א ווײַלע געזעסען און געקוקט איז גאָס אַרײַן. זי האָט אונטערגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ; איהר גאַנצע נשמה איז געווען פול מיט גאָט'ס אַלמעכטיגקייט.

עס האָט נישט געוואָלט ליכטיגער ווערען. די וואָלקען האָבען זיך געצויגען אהן אײן ענדע, און דער ווינד האָט געטראָגען און געדרעהט געדיכטע זײַלען שטויב.

זי האָט נישט געקאָנט מעהר זאָגען איהר תהלים. זי האָט אַראָבגענומען די ברילען פון די אויגען און אַרײַנגעלעגט זיי אין דעם דיקען קרבן־מנחה, איז אויפגעשטאַנען פון איהר אָרט און אַוועק צו איהר טאָכטער אין צימער.

„וואָס זאָגסטו צו....?"

זי האָט נישט געענדיגט. די טאָכטער איז דאָ נישט געווען.

די אַלטע האָט זיך אַרומגעקוקט אין צימער, אַרײַנגעקוקט אין קיך, דאַן ווידער אין צימער. דער טאָכטער'ס היטעלע איז נישט געווען אויף'ן אָרט. מיט ציטערדיגע הענד האָט זי אויפגעעפענט די שאַפע. דאָרטען האָט געפעהלט דער זשאַקעט.

זי איז אַוועקגעגאַנגען! און זי האָט איהר דאַכט זיך אַנגעזאָגט, אַז היינט זאָל זי נישט אַוועקגעהן, אַז שבת־תשובה זאָל זי באַטש זיצען אין דער היים און נישט לויפען צום „שטיק־משומד", צום געוועזענעם סטודענטעל.

דער אַלטע'ס געזיכט איז געוואָרען טונקעל ווי דער הימעל דרויסען. אין איהר האַרץ האָט זיך פערנאַנדערגעיאָגט דער שטורם. זי האָט זיך אומגעקוקט אין צימער, ווי זי וואָלט וועלען עפּיס טון: עמיצען שלאָגען, עפּיס צוברעכען.

„אַי, זאָל איך זי נישט האָבען מעהר פאַר א טאָכטער!" האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען פון דעם שטורמדיגען האַרצען, און איהרע הענד האָט זי אויפגעהויבען צום הימעל.

זי האָט זיך נישט דערשראָקען פאַר דער קללה, וואָס איהרע ליפען האָבען אַרויסגעלאָזט אום שבת־שובה. זי וואָלט איצט געשאָלטען און געשריען מיט די האַרבסטע ווערטער. פאַר די האָר וואָלט זי זי איצט אָנגעכאַפּט, דאָס פּנים וואָלט זי איהר צופּאַטשט.

פלוצלונג האט זי אויף זיך געכאפט א טוך און איז ארויסגעלאפען פון שטוב.

זי וועט זיי ביידע אויפזוכען און וועט זיי מאכען א מיאוס'ען סוף.

א שארפער בליץ האט דורכגעשניטען די וואלקען. עס האט שטארק אבגעדונערט, און דאן א בליץ נאך א בליץ, א דונער נאך א דונער. איינער העלער פאר דעם אנדערן, איינער שטארקער פאר דעם צווייטען!

אויף דעם עולם איז אנגעפאלען איין אימה. שבת־שובה זאל דונערן, און נאך אזוי דונערן! די הערצער זיינען געריהרט געווארען, די נשמות זיינען אויסגעגאנגען אין געבעט.

די אלטע כיענע האט עס קוים געמערקט.

דער ווינד האט איהר פערשאטען די אויגען מיט שטויב, געריסען פון איהר דאס טוך, אויפגעבלאזען איהר קלייד, פערדרעהט דעם פאריק אויף איהר אלטען קאפף.

זי האט געשפאנט און געשפאנט.

זי האט גאר נישט געהערט און גאר נישט געזעהען פאר זיך. דאס האט אין איהר געדונערט און געברומט, דאס האט נור אין איהר געשטורמט און געיאגט. און די גאנצע וועלט איז געווען פינסטער נור פאר איהר, וויל איהרע אויגען זיינען געווען פערלאפען מיט בלוט.

איהר קליינע פיגור איז נאך קלענער געווארען. איין איינגעבויגענע אין דרייען האט זי געשפרייזט. אויף גיך, אויף גיך. זי איז דאכט זיך געגאנגען שנעלער פאר דעם ווינד. ער האט זיך נור נאכגעיאגט נאך איהר. און ווען ער האט זי אנגעיאגט, האט ער זי נור נאך אונטערגעשטופט, און זי האט פערגיכערט איהרע טריט.

זי האט נישט געקוקט ארום זיך, האט נישט געמערקט, ווי נייגיעריגע אויגען האבען ארויסגעקוקט אויף איהר דורך די פערמאכטע פענסטער, פאר וועלכע זי איז פארבייגעלאפען. זי האט גאר נישט געזעהן און גאר נישט געהערט. איהר גאנץ וועזען איז אויסגעמישט געווארען מיט דער צארניגער נאטור. איהר געדאנק איז געווען א

קללה, א שרעקליכע קללה, א טוידטליכע קללה. נישט אין ווערטער, נור אין איהר גאנצער נשמה. עס האט אין איהר געשריען, געדו־נערט, אריבערגעדונערט די דונערן פון די שווארצע בייזע וואלקען.

זי האט זיך אריינגעריסען אין דעם „שטיק משומד'ס" וואהנונג. זי האט אויפגעמאכט די טיר מיט א רעש און צוגעמאכט זי הינטער זיך מיט נאך א גרעסערן. די, וועלכע זיינען געוועזען אין שטוב, זיי־נען געבליעבען פערציטערטע און אויפגעשפרונגען פון זייערע פלע־צער. זי האט אויף זיי א ווארף געטאן א ווילדען בליק מיט שנאה און געלאזען זיך איבער די צימערן. פון איין צימער איז זי אריין אין דאס אנדערע, פון דעם אנדערן אין דאס דריטע. זי האט געריי־סען און געקלאפט מיט די טירען, בעגלייט פון די דונערן, ווי איז א געוועט, ווער וועט מאכען שטארקער ציטערן די שויבען אין די פענסטער. א קליין אינגעל אין שטוב האט זיך דערשראקען פאר איהר און צוואויינט. און זי איז געלאפען פון צימער אין צימער, אבער נישט ער, נישט די טאכטער זיינען דא נישט געוועזען.

דאן האט זי זיך געלאזען צוריק. נאך ביי דער שוועל האט זי זיך אבגעשטעלט אויף איין אויגענבליק. זי האט פערגלאנצט די אויגען צום הימעל און אויפגעהויבען די הענד צו גאט.

„א שרפה זאל קומען אויף דאס הויז!" האט זיך ארויסגעריסען ביי איהר מיט א הייזעריגען קול.

דאן איז זי אוועק, א שטוים טוענדיג די גאסטיר און לאזענדיג זי אפען. די שטוב־מענשען האט זיך אויסגעוויזען גלייך ווי דער שטורם וואלט זיך אריינגעריסען אין שטוב. זיי האבען פערגעסען צו פערמאכען די מיילער פאר איבערראשונג.

א שלאגס־רעגען האט געגאסען פון די שווארצע וואלקען, גע־מישט מיט האגעל. דער ווינד האט איהם אונטערגעכאפט, געדרעהט, געווארפען ארויף און אראב. עס האט געקאכט ווי אין א קעסעל.

אבער דאס האט גאר אין דער אלטער כיענע געקאכט. עס האט אין איהר געשריען פאר ווילדקייט. זי האט נישט געהערט די ערד אונטער זיך. דער מבול האט זי דורכגענעצט דורך און דורך, אבער

דאס האט זי נישט אבגעהאלטען. דאס האט זי נאך ווילדער גע־מאכט.

זי איז געלאפען פון שטוב צו שטוב, וואו זי האט נור געקאנט דערוואַרטען, אז זי וועט דארטען געפינען איהר טאכטער מיט'ן „שטיק משומד". זי האט זיך אין ערגיץ נישט אבגעשטעלט, איז ערגיץ א ווארט נישט ארויסגערעדט, אריינגעריסען זיך און ארויס־געלאפען ווי א בליץ, לאזענדיג די שטוב־מענשען מיט אפענע מיילער.

זי וועט זיי געפינען! און אפילו אונטער דער ערד. און זי האט נישט אויפגעהערט צו שעלטען און צו פלוכען.

ארויסלויפענדיג פון דעם לעצטען הויז, איז זי געבליעבען א ווייל שטעהן. וואוהין יעטצט?

זי האט זיך געלאזען צוריק א היים. איהר הארץ האט איהר א זאג געטאן, אז די טאכטער וועט איצט זיין אין דער היים. איהרע ליפען האבען געשעפציעט די שרעקליכסטע קללות, און אין איהר האט עס געשריען, און די גאנצע לופט, האט זיך איהר געדאכט, איז פול געווארען מיט איהר געשריי, מיט איהרע חרמות און קללות.

מיט א שטארקען ווינדשטויס, מיט בליץ און דונער־קלאפ האט זי זיך אריינגעריסען צו זיך אין שטוב.

די טאכטער איז דא נישט געוועזען.

זי האט זיך אראבגעלאזען אויף א שטול און אויסגעבראכען אין א יאמער.

עס האט א זעץ געגעבען איין אונגעהייערער דונער. איינער פון יענע דונערס, וועלכע טוען אז די גרעסטע חורבנות. די נאטור האט אויסגעטרייסעלט דעם גאנצען רעשט ענערגיע, וועלכע איז ביי איהר געבליעבען פון דעם הייסען זומער.

די מענשען איז שטעדטעל זיינען געבליבען דערשראקען. מען האט זיך ארומגעקוקט און ארויסגעקוקט אין דרויסען: צו איז נישט געשעהן עפיס איין אונגליק. די תשובה־טויער האבען נאך טיעפער אריינגערוקט זייערע קעפ אין די תהלים'ס און זייער קול איז נאך ציטערדיגער געווארען.

אבער כיענע האט דעם דונער ווי נישט געהערט. זי האט גע־

יאמערט, ביטער געיאמערט. און דאן האט זיך ביי איהר ארויסגע־
ריסען א ווילדער געשריי, ווי דער ווילדער דונער:

„זאל זי גאר נישט דערלעבען קומען א היים! א טויטע זאל מען
זי מיר ברייננגען צוטראגען! אי, רבונו של עולם!"

און די וואלקען האבען אבגעענטפערט מיט א קנאק און דער
ווינד האט זיך צויאגט מיט א פייף.

פלוצלונג איז זי אויפגעשפרונגען און געלאזען זיך ווידער לוי־
פען. דער ווינד איז צו איהר צוגעשטאנען. דאס האט ער זי אונ־
טערגעשטופט פון הינטען, דאס איז ער פערלאפען פאראוים ווי א
געטרייער הונד, און געשמייעסען און געהויבען די בלאטע פון
גאס און צונויפגעמישט זי מיט די שווערע טראפען, וועלכע זיינען
געפאלען פון די נאכטשווארצע וואלקען, און מיט די זודיגע טראפען,
וועלכע האבען זיך געקייקעלט פון איהרע ברענענדיגע אויגען.

זי איז געלאפען צום שאסע הינטער'ן שטעדטעל.

זיי זיינען זיכער אוועק שפאצירען אויפ'ן שאסע, וואו מען
האט זיי שוין עטליכע מאל געזעהן. זי וועט זיי טרעפען אויפ'ן וועג
אדער אין יונה'ס קרעטשמע נעבען גרויסען וואלד.

אין דעם גוי'עשען געסעל, דעם לעצטען געסעל פון'ם שטעדטעל,
האבען די הינד אין די הויפען דערהערט איהרע שנעלע טריט אויף
דער מיט וואסער בעדעקטער ערד. אייניגע האבען אנגעהויבען בילען
הינטער די טויערן, נישט וועלענדיג ארויסקריעכען אין גאס אונטער
דעם רעגען; אנדערע האבען זיך נישט געפוילט און זיינען ארויס־
געקראכען פון אונטער די טויערן מיט א בייזען בילען. אבער זי
האט זיי נישט געזעהן און נישט געהערט. זי האט נור געקוקט ווייט
אויף דאס שאסע, וואס האט זיך אנגעהויבען נאך דעם געסעל, און
געלאפען.

איין הונד האט זי אנגעכאפט ביים קלייד, וואס איז שווער גע־
ווארען פון וואסער. אבער זי האט עס נישט געמערקט און אבגע־
שלעפט איהם מיט זיך א שטיק וועג, ביז עס האט איהם דערעסען
צו לויפען מיט איהר אונטער'ן רעגען, און ער האט ארויסגעלאזען
דאס קלייד. א מאמענט האט ער נאך געטראכט אנצוכאפען זי פאר

איין אנדער אָרט, אָבער גלייך האָט ער זיך געלאָזען צוריק אין זיין הויף מיט א בייזען ברומען.

אויפ'ן שאָסעע איז דער ווינד נאָך שטאַרקער געוואָרען. און דער דונער האָט דאָ אָבגעהילכט מיט טויזענדער וויעדער־קולות פון דעם נאָהענטען וואַלד. כיענע האָט נור געקוקט ווייט פאַר זיך, איינגע־קוקט זיך אין די שוואַרצע, וואַסער־אָנגעפילטע לופט.

אויפ'ן וועג זיינען געוועזען אָנגעוואָרפען צווייגען און צווייג־לעך, אָבגעשלאָגענע פון דעם בליץ, און זאָגאָר א פּאָר בוימער זיינען געלעגען פאַר איהר, אויסגעריסענע מיט די וואָרצלען און פער־רויכערטע.

זי האָט געשעפּציעט: „וואָלט דער דונער זיי אַזוי דערשלאָגען!“

עס האָט אויפגעשריען אין איהר. זי האָט איצט געפונען א בע־שטימטע פאָרם פאַר איהרע קללות. דער דונער דאָרטען אויבען האָט זיך דאָס איצט אַרויסגעריסען פון איהר.

און זי איז געלאָפען, געלאָפען....

אָבער וואָס איז דאָ?

א פּאָר שריט פון איהר ליעגען צוויי מענשען. איין ע ר און א ז י. פערקרימט, אויסגעדרעהט, די געזיכטער שוואַרץ ווי ערד, די אויגען איבערגעקערט. צוויי טויטע, פון בליץ געטראָפענע.

עס האָט העל אָבגעבליצט, א שטאַרקער דונער האָט אָבגעהי־לעכט.

זי האָט דערקאָנט איהר טאָכטער.

מעהר אַז די קליידער, ווי אַז דאָס שוואַרץ געוואָרענע געזיכט, מעהר אַז די גאַנצע פיגור, ווי אַז די שרעקליך קוקענדיגע ווייסלען פון די אויגען.

דער מיידעל'ס האַנד איז געלעגען אונטער דעם בחור'ס אָרם. די איבערציעהונג פון דעם אויפגעשטעלטען רעגענשירם אין דעם בחור'ס האַנד איז געוועזען אָבגעברענט.

די אַלטע האָט געוואָלט אויסשרייען א קללה, צודונערן זיך צו־זאַמען מיט'ן דונער, איהרע אויגען האָבען געבליצט צוזאַמען מיט'ן בליץ, אין האַרץ האָט זיך אויפגעהויבען א פערוויסטענדער שטורם.

זי האט געוואלט אויסשרייען מיט די בייזעסטע ווערטער, אז די טויטע האט פערדיענט איהר סוף. זי האט איהר געוואלט נאכזא־גען די ניעדעריגסטע און עלענדסטע צונעמענים.

אבער פלוצלונג איז איהר פינסטער געווארען פאר די אויגען. דער קאפף איז איהר געווארען ווי אנגעגאסען מיט בליי. א מידיגקייט און א ציטערנים איז אנגעפאלען אויף איהר. די פון רעגען שווער געווארענע קליידער האבען זי געצויגען צו דער ערד. די אויגען זיי־נען אויסגעלאשען געווארען.

עס האט געדונערט און געבליצט און געפייפט.

אבער אין איהר איז געווען שטיל און פינסטער און טויט. זי האט זיך אראבגעלאזען אויף די קניע פאר דעם טוידטען קערפער פון איהר מאכטער, אויסגעשטרעקט איבער איהר די ציטערדיגע הענד, און אין איהרע אויגען האט זיך בעוויזען א מאט פייערל.

זי האט זיך געטרייסעלט מיט'ן גאנצען קערפער. עס האט איהר געווארפען א צאן אן א צאן. און מיט א הייזעריגער, קלאנגלאזער שטימע האט זי ארויסגעאטעמט:

„טאכטערקע! העניעטשקע!“

1901

רב שלמה.

דעם אלטען, זיעבציגיעהריגען רב שלמה'ן האט זיין איינגערער זוהן, וועלכער האט געוואהנט אין א דארף, אריינגעשיקט צוויי קינדער, אז זיי זאלען זיך לערנען אין שטאדט. „נייע צייטען,“ האט רב שלמה געטראכט, „מען מוז דאס !...“ און געדונגען די קינדער א גוטען לעהרער, נאכפרעגענדיג זיך פריער ביי לייטען.

„גיט מיר אזא לעהרער, וועלכער זאל וויסען „זייער“ גאנצע תורה, ווי מען זאגט, אויף איין פוס !“ האט ער זיך געווענדעט מיט א שמייכעל צו זיינע בעקאנטע.

אויף דעם איין און זיעבציגסטען יאהר איז שוין ר' שלמה מעהר געווען אין שטוב, ווי אין גאס; דערוויילע פלעגט ער צוהערען, ווי דער לעהרער האט געלערנט מיט זיינע אייניקלעך.

„אויף דער עלטער וויל איך ווערען א דאקטאר,“ האט ער געלאכט.

איינמאל האט דער לעהרער ערקלערט זיינע תלמידים דעם אנהעב אין געאגראפיע. רב שלמה איז געזעסען מיט א שמייכעל אויף די ליפען, לאכענדיג אין הארצען פון דעם לעהרער'ל, וואס דערצעהלט מיט אזא ערנסט „אזעלכע גרויסע ליגען“....

„די ערד דרעהט זיך,“ זאגט דער לעהרער זיינע תלמידים, און רב שלמה שמייכעלט : „ער האט א ודאי געזעהען.“ נור דער לעהרער ווייזט דאס אויף מיט'ן דרך השכל, און רב שלמה ווערט ערנסטער און הערט אויף צו שמייכלען. ער לעגט צו קאפף צו פערשטעהן די בעווייזען, זוכט ביי זיך אין קאפף קשיות, געפינט קיין רעכטע ניט און בלייבט עפעס אבהענדיג, ווי אהן לשון. דער לעהרער האט בעמערקט זיין ערנסטע מינע און פערשטאנען, אז דעם אלטען

האט די לעהרע פעראינטערעסירט, און ער האט אנגעהויבען צו דער־צעהלען נאך גרעסערע חדושים. ער האט דערצעהלט, ווי ווייט די זון איז פון אונז, די גרויס פון איהר, וויפיעל ערדען קאן מען פון איהר מאכען. רב שלמה האט שוין ווייטער געשמייכעלט און לסוף נישט אויסגעהאלטען.

„אי געהט! דאס קען איך שוין גאר נישט הערען!.. מילא איהר האט געזאגט, די ערד דרעהט זיך — נו זאל זיין אזוי!... מילא... דאס בין איך א י י ך מוחל... אפשר... דער שכל ווייזט אויף... אדער — די גרויס פון דער ערד... דאס אויסזעהן פון דער ערד.. נו, זעהט איהר... אלץ אזעלכע זאכען... אבער די זון!... ווער האט זי געמאסטען, ווער? !... איהר זייט געוועזען אויף איהר? !... גלאט געבאלבעט, אויף מיינע נאמנות!... חוזק בנאמנות!...“

רב שלמה האט זיך צוהיצט. דער לעהרער האט אנגענומען רב שלמה'ן פאר דער האנד און אנגעהויבען איהם צו בערוהיגען. ער האט איהם דערקלערט, מיט וואס פאר א מיטלען די אסטראנאמען האבען דאס אלץ דערוואוסט, אז זיי האבען דאס נישט געזאגט זיי־ערע בויך־סברות; ער האט איהם דערצעהלט פון דעם טעלעסקאפ, גערעדט וועגען מאטעמאטישע אויסרעכענונגען, וועלכע ער, רב שלמה, איז ניט אים שטאנד צו פערשטעהן. רב שלמה האט ניט געהאט וואס צו ענטפערן, נור ער האט אנגערוקט ברוגזדיג די שטערן און געעקשנט זיך.

„כע, מיך ארט ניט, אז איך וויים דאס נישט, אז איך קאן דאס נישט פערשטעהן!... גרויסע גאונות!... קאטאעס!...“

ער איז ענטשוויגען געווארען און האט ווייטער זיך צוגעהערט צו דעם לעהרער'ס „מעשות“.

„מען ווייס אפילו, וועלכע מעטאלען געפינען זיך אין דער זון און וועלכע ניט,“ האט דער לעהרער ווייטער דערצעהלט.

„און אז איך וועל נישט גלויבען!...“ האט רב שלמה געשמיי־כעלט מיט בייזקייט.

„איך ערקלער אייך גלייך.“

„אז אויפ'ן הימעל איז א יריד!“ ער איז געוועזען זעהר בייז

און אונגעדולדיג. נור דער לעהרער האט זיך נישט אויסגעמאכט פון זיין בייזקייט.

„מיט צוויי הונדערט יאהר צוריק," האט אנגעהויבען דער לעה־רער, „האט געלעבט אין ענגלאנד א בעריהמטער נאטורפארשער און מאטעמאטיקער איזאק ניוטאן. אויף איהם האט מען געזאגט, אז ווען גאט האט ארויסגערעדט: „עס זאל ווערען ליכט!" איז געבארען געווארען ניוטאן...."

„פש, א ודאי, זעהט אקארשט ..." האט רב שלמה איבערגעריסען, „א קליינינקייט טאקי!..."

דער לעהרער האט זיך דערצעהלט זיינס. ער האט לאנג גע־רעדט, און רב שלמה איז געזעסען אנגערוקטערהייט און האט זיך איינגעהערט.

„יעצט פערשטעהט איהר?" האט דער לעהרער געפרעגט, ענ־דענדיג.

רב שלמה האט גאר נישט געענטפערט און געקוקט פון אונטער דער שטערן. דער לעהרער האט ווייטער דערצעהלט.

„די ערד שטעהט שוין א סך מיט יאהרען; וויפיעל וויים מען נאך ניט גענוי, נור מען רעכענט שוין אז א סך מיליאנען יאהר..."

„ע!" האט איבערגעריסען דער אלטער, „איך וויים, איהר קריכט שוין גאר אויף גלייכע ווענד!... עס איז חלשות צו הערען, פע!... דאכט זיך, דאס איז דער גאנצער וועלט ידוע... אפילו אויף זייערם..."

„ווארט אויף, רב שלמה, איך וועל אייך גלייך ערקלערען...."

„מא, חלשות צו הערען!" האט ער ארויסגערעדט העכסט ברגז און אונצופריעדען, אויפגעהויבען זיך פון ארט און איז ארויס פון צימער.

דעם גאנצען טאג איז ער געווען ווי ברוגז און ארומגעגאנגען מיט איין אנגעקנויטשטער שטערן. ער איז געווען אין כעס אויף די וויסענשאפט, אויפ'ן לעהרער, אויף זיך אליין, וואס ער האט דאס גאר געדארפט צוהערען.

נארישקייטען, באלבעריי!... און ער זיטצט און הערט זיך

איין!... און ער וואלט וועלען געפינען עפעס א צוטשעפ, עפעס א בעוויז, אז דאס איז „הבל הבלים", געפינען עפעס א הארבע קשיא און ארויסשטעלען זיי אלעמען, די היינטיגע פראים, די היינטיגע „ניוטאנעלעך", א לאנגע, גרויסע צונג.

דאס איז דאך טאקי א קינדערשפיעל! זיי דערצעהלען אויפ'ן הימעל א יריד — און דו געה, גלויב זיי!...

נור זייערע ראיות! און ער בלייבט ווייטער אבהענדיג.

„מאַ" גיט ער זיך א כאפ, „איז וואס ווילען זיי?!... איז שוין אלץ אוים?!... איז שוין גאר?!... די ערד דרעהט זיך!... א קאַ־טאַעס!... וואס זיי האבען דא דערקלערט!... די גרויסע זאכען!... זון—שמון, טפוי!... דאס איז טאקי איין עיקר!!..."

ער ווערט זעהר בייז און רייסט די קנעפלעך פון ראק, זעטצט זיך ארויף גוט דאס היטעל אויפ'ן קאפף און שפייט אוים.

„אפיקורסים, ניט מעהר אז אפיקורסים!..."

א צוטראַגענער, א ברוגזדיגער, קרעכצענדיג און זיפצענדיג, האט ער זיך אוועקגעלעגט שלאפען, נור די גאנצע נאכט איז ער ניט רוהיג געווען, האט זיך געקערט פון איין זייט אויף די אנדערע און גע־קרעכצט. זיין אלטינקע האט איהם געטרייסט.

„היינט איז אזא פאגאדע," האט זי גערעדט און צוגעהוסט, „מיר שטעכט טאקי עפעס אויך אין זייט." —

אויף מארגען, ווען דער לעהרער איז געקומען, האט איהם רב שלמה געפרעגט מיט זיין אונצופריעדענער מינע:

„נו, היינט וועט איהר אויך פערצעהלען „מעשות"?"

„היינט איז ביי אונז ניטאַ קיין געאגראפיע," האט דער לעהרער געענטפערט.

„דאס האבען אויך די אסטראנאמען „אייערע" אויסגערעכענט, אין וועלכען טאג מען דארף לערנען געאגראפיע?"

„ניין, דאס איז שוין מיין ערפינדונג," האט דער לעהרער גע־שמייכעלט.

„און ווען האבען די אסטראנאמען „אייערע" געהייסען לערנען געאגראפיע?" האט רב שלמה געהאלטען זיך זיינס.

„מאַרגען."

„מאַרגען," האָט ער ברוגזדיג איבערגעחזרט און איז ארוים פון צימער, דאָס ערשטע מאָל אריבערלאָזענדיג אַ לעקציאָן. —

אויף מאָרגען האָט דער לעהרער געגעבען צו פערשטעהן זיינע תלמידים די סבה פון לקוי חמה און לקוי לבנה. רב שלמה איז גע־זעסען איין אַנגערוקטער און האָט זיך איינגעהערט אָהן אַ בעוועגונג.

„דאָס איז אַזוי ריכטיג," האָט דער לעהרער געענדיגט זיין ער־קלערונג, „אַז די אַסטראָנאָמען רעכענען אויס די מינוט אפילו, אין וועלכער עס וועט זיין אַ לקוי, און האָבען נאָך קיין מאָל קיין טעות נישט געהאַט."

רב שלמה האָט אויף די לעצטע ווערטער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ" און געקוקט אויף די אייניקלעך, ווי ער וואָלט זיי וועלען זאָגען: „דאָס פרעגט ביי מיר."

ווייטער האָט דער לעהרער דערצעהלט וועגען קאָמעטען, פּלאַנע־טען און אַנדערע זונען. רב שלמה האָט זיך געבלאָזען און פּלעגט יעדע ווײַלע איבעררייסען דעם לעהרער מיט אַנדערע אויסגעשרייען: „טאַמער גלויבסט דו ניט, געה מעסט איבער!..." און אַז ניט, טאָ רוף מיך ליגנער!..." „פּונקט טאַקי!..." „עס פעהלט איין אַרשין!..."

רב שלמה האָט מיט'ן פולען הויפען געצאָהלט צינס זיין אידישען וויסען. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלען, אַז עס זיינען פאַראַן אַנדערע חכמות, און, אַז ער האָט זיך זיי יאָ פאַרגעשטעלט, האָט ער ניט געקאָנט דערלאָזען, אַז זיי זאָלען זיין ריכטיג, אונפערפעלשט און וויכטיג. ער איז אויף אַזוי פיעל קלוג געוועזען, אַז ער האָט פערשטאַנען, אַז ביי ניט אידען קאָן אויך גע־בען גרויסע מענשען — ער וואָלט אפילו געלאַכט פון דעם, ווער עס וואָלט געזאָגט, אַז ניט — אָבער אַז ביי ניט־אידען זאָלען זיין גרויסע לייט, גלייך מיט אידישע, דאָס האָט ער ניט געגלויבט; וועגען גרע־סער נאָך איז ניטאָ וואָס צו רעדען. „איין אַנטיסעמיט, אַ צורר היהודים, אַ המן קאָן דאָס זאָגען!..."

עס איז דאָך אַ געלעכטער: ביי אידען זיינען דאָך עפּעס גאונים אַרץ!... דאָס זיינען דאָך עפּעס קעפּ!... בערען!... אַ שפּאָס עפּעס!...

ווי קומט עס גאר צו זיי, צו די גוים ?!... וואס פאר א שארפע חכמה זייערע (די ניט־אידישע) איז ?!... א קלייניגקייט, א גרויל גאר !...

יעטצט האט זיך עפעס רב שלמה'ן ניט געגלויבט, אז „זייערע" חכמות זיינען גאר ניט אזוי גרינג און ער קאן זיי גאר ניט אזוי לייכט פערשטעהן; עפעס האט ער דא גאר קיין בויך־סברות, קיין מיינונגען פון ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע, נור אלץ אזעלכע מאטעמאטישע אויסרעכענונגען און אויפווייזונגען.... אויפווייזונגען, וואס יעדער כמעט קאן זיי אליין אויספרובען, וואס לעגען זיך אויפ'ן שכל, און רב שלמה איז ברוגז געווארען. ער האט זיך געוואלט דערהאלטען ביי זיינע אלטע געדאנקען, ביי זיין אלטען וויסען. ער האט געוואלט פערשרייען דעם קלארען שכל, די איינפאכע ערקלערונגען צושלאגען מיט ווערטער, וועלכע עס רעדט ארויס יעדער אונוויסענדער עקשן. און דער לעהרער האט איהם גאר איינפאך געענטפערט:

„מען קאן טאקי אויסמעססטען, ווארום ניט ? נור מען מוז זיך א סך לערנען..."

אז דער לעהרער האט זיך שוין געהאלטען פאר דער טיר, האט איהם רב שלמה אבגעשטעלט:

„און וואס, די גאנצע וויסענשאפט אייערע איז נור די אסטראנאמיע מיט דער געאגראפיע ?"

„א ניין," האט דער לעהרער געענטפערט, „עס זיינען פאראן א סך, גאר א סך."

„דהיינו ?"

„אויף איין פוס?"

„זאל זיין אויף איין פוס."

„אויף איין פוס קאן מען דאס אבער ניט. אז איהר ווילט, וועל איך צו אייך קומען שבת, און מיר וועלען פערברייגען."

„שבת ?" האט רב שלמה איבערגעפרעגט אונצופריעדען.

„שבת, ווייל קיין אנדער צייט האב איך ניט."

„זאל זיין שבת," האט רב שלמה געזאגט, נאכדענקענדיג א ביסעל.

„אבער באלד נאךווארמעס,“ האט ער נאכגעשריען דעם לעה־רער, ווען יענער איז שוין ארוים פון טיר. און אז יענער איז שוין אבגעגאנגען א ביסעל, האט ער איהם נאכגעשריען : „און אלץ איז אזוי ריכטיג, ווי אייער אסטראנאמיע ?“

„איהר וועט שוין וויסען,“ האט דער לעהרער געשמייכעלט.

אין זיין גאנצען לעבען האט רב שלמה נאך קיין שבת נישט דער־ווארט, ווי דעם שבת, און די צוויי טעג ביז איהם האבען זיך איהם אויסגעדאכט זעהר לאנג. די גאנצע צייט האט ער די שטערן נישט פערנאנדערגעקנויטשט און קיין פרעהליכע מינע נישט געמאכט.

אין די טעג האט מען געקאנט גאנץ אפט זעהען, ווי רב שלמה פלעגט צולעגען די הענד צו דער שטערן. ער איז ארומגעגאנגען, גלייך ווי א שווערע משא וואלט אויף איהם געלעגען, און ער וואלט זי שוין וועלען אראבווארפען ; אדער, ווי ער וואלט געהאט זעהר ניט קיין געשמאק געשעפט דורכצופיהרען און ער וואלט עס שוין וועלען אבפטרן.

שבת האט ער זיך קוים דערווארט אויפ'ן לעהרער. „איהר האט זיך געלאזען שטארק בעטען,“ האט ער יענעם פארגעווארפען.

די אלטינקע איז אוועקגעגאנגען שלאפען, די אייניקלעך זיינען זיך צוגאנגען שפיעלען, און ער האט גענומען די פושקע טאבאק צווי־שען די פינגער, אנגעשפארט זיך אז ווענטעל פון זיין פאטערשטול, אויף וועלכען ער איז געזעסען, און איין אנגעבלאזענער איינגעהערט זיך אין דעם לעהרער'ס ווערטער.

דער לעהרער האט לאנג גערעדט, אנגערופען נעמען פון חכמות און ערקלערט זיי איהם. רב שלמה האט איבערגעחזרט יעדע ער־קלערונג און קורצען : „איז, הייסט דאס, פיזיק א לעהרע וועגען...“ אדער : „האבען מיר, הייסט דאס, א קיימא לן, אז פיזיאלאגיע מאכט אונז קלאר אין...“ דער לעהרער פלעגט איהם אונטערהעלפען און גלייך אנהעבען רעדען וועגען איין אנדער וויסענשאפט. ווען די אל־טינקע האט זיך אויפגעכאפט, האט דער לעהרער שוין געהאט ער־קלערט „שבע חכמות.“

עס איז שוין געווען גאר שפעט; דער עולם איז געגאנגען פון מנחה, און די, וואס רויכערן ניט אום שבת, האבען געהויבען די אויגען צום הימעל. נור רב שלמה האט פערגעסען אויף וואס פאר א וועלט ער איז. ער איז געזעסען מיט איין אנגעקנויטשטער שטערן און אנגערוקטע ברעמען, גוט איינהערענדיג זיך, און האט געזעהען פאר זיך נור דעם לעהרערס מויל, אונטערכאפענדיג פון איהם יעדעס ווארט.

„איהר רעדט נאך אלץ?“ האט די אלטינקע א פרעג געטאן מיט פערוואונדערונג, רייבענדיג די אויגען.

רב שלמה האט א קער געטאן זיין קאפף צום ווייב, תמעוואטע אנגעקוקט זי, ווי ער וואלט נאכדענקען, וואס זי האט ביי איהם אזוינס געפרעגט.

„אהא,“ האט די אלטינקע גערעדט, „איהר לאכט נאך פון ווייבער!...“

רב שלמה האט נאך מעהר אנגערוקט די ברעמען און אנגע־קנויטשט די שטערן און ווידער אנגעשטעלט זיין בליק אויף דעם לעהרערס מויל.

„מען דארף שוין דאך באלד אנצינדען פייער,“ האט די אלטע געבורטשעט.

דער לעהרער האט א קוק געטאן אויפ'ן זייגער.

„שוין טאקי שפעט.“

„אלץ הייסט שפעט!“ האט אונטערגעכאפט די אלטע. „וואס האט מען מיך געלאזען שלאפען... ווייס איך ניט!... מענשען זאלען אזוי פיעל קאלאמירען, פלוידערן.... אפילו אויף טיי פערגעסען....“

רב שלמה האט א קוק געטאן אין פענסטער.

„א, וואַ,“ האט ער ארויסגערעדט אונצופריעדען, „מען געהט שוין פון שול... שוין נאך מנחה!... פערקאלאטירעט זיך.. א, וואַ!...“

ער איז אויפגעשפרונגען פון ארט, האט א ריב געטאן די הענד אז שויב און אנגעהויבען דאווענען מנחה. דער לעהרער האט זיך אנ־געטאן.

„נו, א,“ האט איהם רב שלמה געמאכט מיט דער האנד — ער זאל אויפווארטען.

רב שלמה האט אבגעזאגט קטורת.

„ווען וועט איהר דאס אליין לערנען מיט די קינדער?“ האט ער יענמאלט געפרעגט, קוקענדיג אין סדור מיט דער ברוגזדיגער מינע.

„נאך ווייט דערצו, ניט אזוי גיך,“ האט דער לעהרער געענט־פערט. „דאס איז נישט פאר קינדער.“

„גרויסע חכמות!“ האט רב שלמה ארויסגערעדט איראניש, קו־קענדיג אין סדור, און אנגעהויבען אשרי.

ער האט דאס דאוונען געכאפט; די ווערטער זיינען ביי איהם ארויסגעגאנגען האלבע. וויפיעל ער האט ניט געקוועטשט די שטערן, האט ער אליין ניט געקאנט ארויסשטופען פון קאפף די פרעמדע מחשבות און האלטען קאפף אין די תפלות. נאך מנחה האט ער גע־פרובט נעמען א ספר, נור עס איז נישט געגאנגען. אין קאפף איז ביי איהם געווען א גאנצער מישמאש פון די נייע חכמות. פון דעם ביסעל, וואס ער האט ערשט דערוואוסט, האט ער געוואלט פער־שטעהן און וויסען אלץ, פון א האר האט ער געוואלט אויפבויען א גאנצען קערפער. און ער האט געטראכט, געטראכט...

זונטאג, ווען דער לעהרער איז געקומען, האט איהם רב שלמה געזאגט, אז ער דארף מיט איהם עפעס רעדען. דערווייל האט ער זיך צוגעזעטצט הערען. די שעה, וואס דער לעהרער האט געלערנט מיט די קינדער, איז איהם געווען צו לאנג, און ער האט די אויגען ניט אראבגענומען פון דעם וואנדזייגער.

„איהר ווילט האבען נאך א תלמיד?“ האט ער געפרעגט דעם לעהרער, אריינגעהענדיג מיט איהם צו זיך אין צימער. איהם האט זיך געדאכט, אז ער ווערט רויט, און ער האט געמאכט א זעהר בייזע מינע.

„פאר וואס ניט,“ האט דער לעהרער געענטפערט, שטארק איינ־קוקענדיג זיך אין רב שלמה'ס געזיכט. רב שלמה האט געהאלטען

די אויגען צו דער ערד און די ברעמען, ווי געוועהנליך אין די לעצטע טעג, אנגערוקט.

„פערשטעהט איהר מיך... א תלמיד,“ האט ער געשטאמעלט, „פערשטעהט איהר מיך... ניט קיין אינגעל... א תלמיד... איין עלטערער מענש... פערשטעהט איהר מיך... גאר איין אנדער לימוד...“

„נו, נו, וועלען מיר שוין זעהען,“ האט דער לעהרער געשמייכעלט.

„איך מיין טאקי מיך אליין!...“ האט ער ארויסגערעדט העכסט אונצופריעדען, ווי ער וואלט זיך מודה געוועזען על פי נויט אין זעהר א מאוסער עברה.

„א טייערער תלמיד!“

„איך האב געזאגט, אז איך וויל ווערען א דאקטאר.“ ער האט זיך געסטארעט צו גלייכווערטלען. נור גלייך האט ער ווידער אנגערוקט זיין געזיכט און אנגעהויבען רעדען וועגען די בעדינגונגען. ער האט זיך בעדונגען, אז אנדערהאלבען שעה אין טאג זאל דער לעהרער פאר איהם לייענען און ערקלערען פערשיעדענע וויסענשאפטען.

עס זיינען פאראיבער טעג, וואכען און חדשים... און רב שלמה איז אומעטיג געווארען, שטארק אומעטיג. ער האט נעכט ניט געקאנט שלאפען, דעם אפעטיט פערלארען, מיט א מענשען ניט געקאנט רעדען — ער איז געווארען אוים מענש.

שלעכטע, ביטערע מחשבות האבען איהם שטארק געדריקט דעם מארך. זיעבציג יאהר האט ער ניט נור גאר נישט געוואוסט, זאנדערן פערקעהרט — ער האט אלץ קאפויר געוואוסט, פערשטאנען מיט'ן קאפ אראב. און איהם האט זיך גערואכט, אז ווען ער וואלט געוואוסט אין דער יוגענד דאס, וואס ער האט יעטצט דערוואוסט, וואלט ער גאר אנדערש אבגעלעבט זיינע יאהרען, גאר אנדערע נוטצען געבראכט. אין זיין לעבען האט ער קיין פלעקען ניט געפונען; זיין לעבען איז געוועזען א לאנגער צעטעל רוז טובות מענשען — נור די טובות זיינען ביי איהם יעטצט געוועזען אין די אויגען אזעלכע קליינינקע, אונניטצליכע און א מאל גאר שעדליכע. ארום איהם, האט

ער געזעהען, איז קיין שינוי ניט געווארען פון די טובות, וואס ער האט געטאן. דער גביר, ביי וועלכען ער פלעגט שלעפען נדבות, איז ניט ארמער געווארען פון זיי, און דער קבצן, צוליעב וועלכען ער האט די נדבות געקליעבען, איז געבליעבען דער זעלבער קבצן. ער האט טאקי ד'ר'אמת'ן געדרעכענט די קבצנים פאר לעבערדיגע זעק און געשטאפט אין זיי מעהר ניט, ווייל ער האט א ווייך הארץ, ווייל ער קאן ניט זעהען קיין קרומע עויה, א טרער, וועלכע קייקעלט זיך איבער דער בלייכער צורה פון דעם הונגעריגען קבצן. בעטראכ־טענדיג זיין קליין וועלטעל, ווי ער האט עס געפונען און ווי דאס איז יעטצט, האט זיך איהם געדאכט, אז יעצט איז עס א סך ערגער, כאטש ער האט אין איהם געטאן א סך גוטס. ניטא קיין רעכטע גבירים, ביי אלעמען בייסען אזוי די הענד — אז ניט שטעל און ניט לעג; די צייטען ווערען אלץ שווערער, דאס וועלטעל ארמער. יעטצט פער־שטעהט ער גוט די סבות פון אלץ, יעטצט זעהט ער פאר זיך אלץ אזוי קלאר, ווי אויף דער האנד — ער וואלט דאס אפילו אלעמען קאנ־נען געבען צו פערשטעהן. נור יעטצט... יעטצט איז שוין שפעט — ניטא שוין די כוחות.

עס האט איהם שטארק פערדראסען זיין אבגעלעבט לעבען. ווען ער וואלט קיין טוער, קיין „קהל'שער טאטע“ ניט געוועזען, וואלט איהם אפשר ניט אזוי פערדראסען. אבער ער האט דאך יא געהאט גרויסע כוחות אויף צו זיין א קהל'שער טוער און די כוחות האט ער פאלש, בלינד בענוטצט!... און רב שלמה איז מיט יעדעם טאג אלץ אומעטיגער געווארען.

ער האט שוין אנגעהויבען פיהלען א וועהטאג אין הארצען, א שטעכענים אין זייט און א ברענענים אין מוח, און איז אלץ געלע־גען אין זיינע מחשבות. רב שלמה האט פילאזאפירט.

עמיצען נוטצען בריינגען הייסט מאכען אין יענעם'ס לעבען א שינוי צו גוטען. מען דארף העלפען איין מאל פאר אלע מאל, אז יענער זאל מעהר ניט דארפען אנקומען צום אנדערנס הילף. דאס קאן מען דערגרייכען, מאכענדיג א מענשען וויסענד, געלערנט, אז ער זאל אליין שטענדיג וויסען, אין וואס ליגט זיין הילף.

אזוי וואלט ער אבגעארבייט זיין לעבען, ווען ער וואלט לאנג אזוי פערשטאנען. אי, וואס פאר א נוטצען ער וואלט געבראכט! און א שוידער לויפט איבער איבער זיין לייב. ניט איינמאל האבען זיך איהם אנגעשטעלט טרערען פון פערדרוס.

אין שטאדט איז קיין סוד נישט געוועזען, אז דער אלטער רב שלמה זיטצט אב טאג־טעגליך מיט דעם לעהרער חפץ צוויי־דריי שעה, נור וואס טוען זיי, האט קיינער נישט געוואוסט. מען האט אפילו חוקר ודורש געוועזען ביי דער דיענסט, נור געה וויים ביי א „גלאמפ מיט צוויי אויגען", אז וואס מען פרעגט ביי איהר, זאגט זי „איך וויים נישט"!... מען האט זי טאקי געזידעלט דערפאר.

„ווי ווייסט דו עפעס נישט, גלאמפ! דו ביזט דאך עפעס אין שטוב?!..."

„זעהט, קריינעלעך מיינע, וואס האט מען זיך צו מיר צוגע־טשעפעט?!..." פלעגט די דיענסט אויסשרייען, „איך זיץ אין קיך, זאל איך וויסען, וואס זיי טוען?... אז איך דערלאנג זיי טיי, זעה איך, זיי רעדען און גאר!..."

„בהמה!" פלעגט מען איהר ענטפערן. מען האט זי געלאזען און גענומען זיך צו די אייניקלעך. די קינדער האבען אויך גאר נישט געוואוסט.

„זיי טרינקען טיי," האבען זיי געענטפערט.

„אבער וואס רעדען זיי, נארעלעך?"

„מיר האבען ניט געהערט."

מען האט געפרובט זיך מיט דער אלטער. „מיין דאגה!" האט זי געענטפערט.

מען האט געפרובט אריינגעהן צו רב שלמה'ן מכלומרשט וועגען איין עניז, נור דאס האט אויך נישט געגאלטען. לסוף האבען עטליכע נאהנטע גוטע פריינד געפרעגט טאקי ביי רב שלמה'ן אליין.

„מאלע, וואס מען רעדט," האט ער זיי געענטפערט.

„פארט וואס?"

„מען רעדט!"

דערביי איז געבליעבען. דער תירוץ איז זיך פערנאנדערגעגאנ־
גען אין שטאדט. נאטירליך איז קיינער נישט געוועזען צופריעדען
מיט איהם. נור ביסלעכווייז האט ער זיי אלעמען בערוהיגט.

טאקי וואס, רב שלמה האט עפּיס ניט, וואס צו רעדען? דאס איז
דאך א מדינה־חכם!... חפצלען דעם אפּיקורס מוז זיין ביי איהם
קאלט אוןווארם!...

מען האט זיך פארגעשטעלט, אז מסתמא רעדען זיי וועגען
חקירה, און רב שלמה גיט שוין „חפצלען" די וועלט צו זעהען — און
מען האט זיך בערוהיגט.

אז רב שלמה איז מיט א מאל אומעטיג געווארען, איז קיינעם
נישט איינגעפאלען, אז דאס זאל האבען א שייכות מיט די געשפּרע־
כען. די אלטינקע חנה ריבה האט גערעכענט, אז דאס איז דער
מאגען, פון וועלכען ער האט כל ימיו געליטען, און אפשר האט ער
זיך צוגעקיהלט — אויף דער עלטער דארף מען טאקי א סך האבען.
„נור ווער וויים איהם, אז רעדען, רעדט ער נישט," האט זיך די אל־
טינקע געקלאגט און געטראכט, וואס זאל זיין בעסער: ריצען־אויל
צו געטריקענטע מאלינעס.

אלע אנדערע האבען געזאגט, אז ער האט א פּנים שוין מורא
געקראגען פאר דעם טויד, און מען האט איהם שטארק בעדויערט.
„דאס איז אזא קריינק, וואס קיין דאקטאר קאן צו איהר נישט העל־
פען," האט מען מיט רחמנות געשאקעלט די קעפּ. מען פלעגט מיט
איהם א סך רעדען, ניט לאזען איהם אליין זיטצען מיט זיינע
מחשבות, נור עס האט נישט געהאלפען. ער פלעגט נאך אומעטיגער
ווערען און א ווארט נישט ארויסרעדען.

„איין עברה אזא מענשען," האט מען געזיפצט, „ער שטארבט
נעבאך אב — א מענש האט זיך אריינגעלאזען אין טראכטענים ווע־
גען טויד."

„און דאכט זיך, וואס דארף ער מורא האבען פאר'ן טויד?"
האט מען זיך געוואונדערט. „אז ער האט מורא, דארפען מיר שוין
וואס?... אך, אך, אך!... מיר האבען עפּים אויך וואס צו בעווייזען
אויף יענער וועלט?!..."

און רב שלמה האט געהאט א סך וואס צו בעווייזען... אידען האַבען זיך געוואונשען כאטש א צעהנטעל חלק פון זיין עולם הבא, און קריסטען האבען געזאגט, אז ער איז א וואהרער קריסט מיט זיין מענשענליעבע, און אויך פערשפּראָכען איהם איין אָרט אין גן־עדן.

„רב שלמה איז די גוטסקייט אליין,“ פלעגט מען רעדען אין שטאָדט. דאס גאנצע לעבען האט ער זיך בעשעפטיגט נור מיט קהל'שע זאכען. „דאס איז מיין לעבען, מיין חיות,“ פלעגט ער רעדען צווישען זיינע נאהנטע פריינד, „דאס מוז איך האבען, ווי א פיש וואסער.“ אין אלע צדקה־חברות איז ער געווען א מיטגליעד, און די תלמוד תורה איז געווען אין זיין הויז און האט זיך אויפגעהאלטען כמעט אין גאנצען אויף זיינע הוצאות. אין שטאָדט האט מען איהם גערופען „דער קהל'שער טאטע“, און אלע אומגליקליכע, ארמע, פינסטערע און ביטערע הערצער האבען איהם ניט אויפגעהערט צו בענשען.

רב שלמה איז געווען דער איינציגער מענש אין שטאָדט, וואס האט כמעט קיין שונאים נישט געהאט, און אפשר איינער אין א מדינה. גבירים האבען אפילו געראד אונטערגעבורטשעט אויף איהם — ער האט שוין צופיעל אנגעריהרט זייערע בייטלען, צופיעל גע־צאפּט ביי זיי אויף צדקה, — האבען זיי איהם גערופען „דער אלטער נאר“, „דער אלטער פערד“, אליין ניט גלויבענדיג זייערע ווערטער; פלעגען לאכען פון איהם, מאכען חוזק, אלץ נאטירליך אונטער די אויגען; אבער קיין שונאים זיינען זיי איהם נישט געווען. פון פולען הארצען האבען אלע פערגינט איהם זיין שטיל, רוהיג לעבען.

רב שלמה איז געבאָרען געוואָרען און האט אבגעלעבט זיינע יאהרען אין רייכטום. אראבטרעטענדיג פון יעהר גוטען קעסט, האט ער געמאכט פאר זיך א געשעפט; דאס ווייב איז געווען די עקרת הבית, די פיהרערקע, און איהם האט דאס גאנצע לעבען גע־גליקט. חתונה געמאכט זיין לעצט קינד און בלייבענדיג „דיעד אי באבא“, האט ער אבגעשניטען פון געשעפט און אבגעלעבט זיינע לעצטע יאהרען פון גרייטען.

אהן קנאה, אהן שנאה פון די ארומיגע, האבענדיג נחת פון אלע זייטען, האט זיך רב שלמה געלעבט, און דאך איז ער מיט א מאל

אומעטיג געווארען? !... ניט אנדערס טאקי, אז דער טויד שרעקט איהם.

נור רב שלמה האט אין גיכען א מאך געטאן מיט דער האנד אויפ'ן עבר, אויף די פערשוואונדענע צייט. מיט א קרעכץ האט ער זיך געזאגט, אז וואס עס איז געוועזען איז שוין פערפאלען: יונג וועט ער שוין נישט ווערען. עס האט איהם פון דעם געדאנק נאך א מאל א שוידער געטאן, נאך א מאל א שטאך געטאן אין דער זייט, אז דער אטעם האט פערכאפט, נור רב שלמה האט זיך ניט אבגעשטעלט און געטראכט ווייטער. „מען דארף יעטצט עפעס טון!“ דאס איז געוועזען די ענטשלאסענהייט פון איינעם, וועלכער פערליערט פלוצלונג דאס גאנצע קאפיטאל, אויף וואס ער האט אבגעארבייט זיין גאנץ לעבען, און יעטצט דארף ער אנהעבען צוריק מיט די פינף פינגער.

און רב שלמה האט אנגעהויבען. ער האט זיך גענומען צו דער תלמוד תורה — מיט גשמיות, מיט קליידער און עסען, האט ער די קינדער שוין לאנג בעזארגט; יעטצט האט ער זיך גענומען צו רוחניות, צו בילדונג מיט ערציעהונג. ער האט אויסגעביטען אלע אלטע מלמדים און געדונגען יונגע לעהרער אפילו אויף די אידישע זאכען. ער האט געוואלט מאכען פון דער תלמוד תורה א קליינע אוניווערזיטעט. ער האט זיך שוין פארגעשטעלט, אז דאס האט איהם געלונגען, און ער פערמאכט די אויגען, לעגט ארויף די האנד אויף די שטערן, און א זיסער, גליקליכער שמייכעל עפענט איהם פערנאנדער די ליפען. ער שטעלט זיך פאר, וואס פאר א נוטצליכע מענשען עס וועלען דאס ארויסגעהן פון דער תלמוד תורה!... יעטצט וועט ער קאנען רוהיג שטארבען. נור ניין! ער וויל ניט שטארבען, ער וויל לעבען! ער וויל לעבען און ארבייטען... ארבייטען... ארבייטען... ער וויל ניט און קאן ניט זעהען א סוף אין זיין לעבען! רב שלמה ווערט אלץ פרעהליכער, לעבעדיגער, פרישער. ארבייטען... ארבייטען... ביז...

אין שטאדט איז געווארען א מהומה. עס האט גערעשט אין די

שולען, אין די גאסען, אין די הייזער. חסידים און קרומע רוקענס, מענשען, וועלכע מען האט קיין מאל נישט געזעהען און געהערט, זיינען דא געווארען די הויפט בעל־תקיעה׳ס. „סטייטש מאכען די קינדער פאר גוים !... סטייטש פון דער תלמוד תורה וועט ער א שקאלע׳לע מאכען ? !... דאס וועלען מיר נישט דערלאזען, עס מאג זיך די וועלט איבערקעהרען, עס מאג זיין וואס עס וויל !..״

רב שלמה האט געהערט די געשרייען און געמאכט זיך ווי ער הערט נישט. ער האט געמיינט, אז ביי דעם שרייען וועט מען בלייבען, ווייל קיינער וועט ניט האבען די העזה צו שטעלען זיך ענט־געגען איהם.

„וואס זאגט איהר, הא ?״ האט ער געזאגט צו די לעהרער, „דער פאנאטיזמוס איז שוין ארויסגעקראכען !...״

„מען וועט האבען מיט איהם וואס צו טון,״ האט א לעהרער געמיינט.

„ע ! נארישקייט !״ האט רב שלמה זיכער ארויסגערעדט.

נור שבת צום לייענען האט ער דערזעהען, אז ער האט א טעות געהאט: אלע געגנער האבען זיך צונויפגעקליעבען און מען האט מעכב געווען די קריאה. זיי האבען זיך פערקליעבען אויף די בימה און אנגעהויבען שרייען אלע מיט א מאל. מען האט ניט גע־קאנט פערשטעהן, וואס זיי רעדען, מען האט נור געהערט איינציגע ווערטער און אבגעריסענע פראזען. „ניטא !..״ „מיר וועלען נישט דערלאזען !...״ „פאר גוים מאכען !...״

רב שלמה איז געזעסען אויף זיין ארט אין מזרח־וואנד, האל־טענדיג די הענד אויפ׳ן שטענדער, וואו עס איז געלעגען זיין חומש. ער האט אראבגענומען די ברילען פון די אויגען, א קוק געטאן אויף די בימה און גלייך צוריק אנגעטאן זיי און שוין ווייטער געקוקט אין חומש. אויף דער בימה האט מען דאס דערזעהען און גענומען זיך העכער שרייען. רב שלמה איז אויפגעשטאנען פון ארט, האט אראב־גענומען דעם טלית פון זיך און גענומען געהען צו דער טיר, נור אין דער מינוט האט ער דערהערט, ווי איינער האט אויסגעשריען, א פאטש טוענדיג אין בימה: „על פי דעת הרבנים והקהל און אין דעם

נאָמען פון דער הייליגער תורה איז מען גוזר, אז מען זאָל ארויסנעמען די קינדער פון דער תלמוד תורה, ווייל אין דעם מקום התורה האָט זיך פערקליעבען די טומאה...״

רב שלמה איז בלייך געווארען, און עס האָט איהם א ריס געטאָן אין הארצען. מיט אויסגעגלאָטצטע אויגען און אַיין אַפענעם מויל האָט ער געקוקט אויף די בימה.

„מען וויל פון די קינדער גוים מאַכען,״ האָט יענער דערווייליע געשריען אויף דער בימה, „און גוים האָבען מיר, דאנק גאָט, גאר א סך — כן יאבדו, ימח שמם וזכרם!... גוים פעהלט אונז נישט — עס קומט צו יעדען טאָג!... די רשעות וואקסט, און גאָט ווייס, וואָס פון אידען וועט ווערען!... ווער עס האָט נור גאָט אין הארצען און איז חס על כבוד התורה, דארף זעהען, אז די קינדער זאָלען אויפהערען צוגעהען אין דעם מקום סכנה!...״

רב שלמה האָט געוואָלט אויסשרייען: „שווייג, דו שייגאָץ!״ די ווערטער האָבען זיך איהם שיער נישט אראָבגעקייקעלט פון דער צונג, נור ער האָט זיך איינגעהאַלטען און אָנגעהויבען צו געהן ווייטער.

„ווער עס וועט פאָלגען, תבוא עליו ברכה,״ האָט יענער ווייטער געשריען, „און ווער עס וועט אריבערגעהן די גזרה, סופו לגהינום איז איינעם מיט דעם ירבעם בן נבט, וואָס זינדיגט און מאַכט זינדיגען אַלעמען!...״ ביי די לעצטע ווערטער האָט דער שרייער א ווארף געטאָן א פייערדיגען בליק אויף רב שלמה׳ן.

אין שול האָט עס עפּעס אַלעמען א טרייסעל געטאָן פון די לעצטע ווערטער, און מען האָט אָנגעשטעלט די אויגען אויף רב שלמה׳ן, ווארטענדיג אויף איהם, אז ער וועט נעמען זידלען דעם שרייער. מען האָט זיך געריכט אויף א הייסער סצענע. נור רב שלמה האָט געשמייכעלט. ער האָט רוהיג אַבגענעבען דעם טלית דעם שמש, געזאָגט די ארומיגע „א גוטען שבת״ און איז ארויס פון שול. אַלע זיינען געבליעבען שטעהן נשתומם׳דיגע.

דעם שבת איז רב שלמה געוועזען דער רוהיגסטער מענש אין

שטאָדט. ער איז ביי זיך זיכער געוועזן, אז די גזרה וועט אויף קיינעם ניט ווירקען. „אויף אזוי פיעל נאריש איז מען נאך נישט,“ האָט ער געטראכט, און גלאָט איהם וועט מען עס נישט טון. ער איז געזעסען און האָט געמאכט פּלענער, ווי ער וועט דורכפיהרען די לעהרע אין תלמוד תורה. אויפ׳ן הארצען איז איהם געוועזען אזוי גרינגג, אז ער האָט מיט פערגניגען אונטערגעזונגען.

די אלטע האָט גערעדט אונטערגעבורטשעט. איהר גאַנץ לעבען איז זי געוועזען צופריעדען מיט איהר מאן, מיט זיינע מעשים, און האָט איהם אין אלץ געהאָלפען, האָפענדיג, אז אויף יענער וועלט וועט זי בלי ספק געניסען פון זיין חלק עולם הבא. יעטצט האָט זי מיט שרעק געטראכט, אז ער וויל פערשפּיעלען זיין וועלט...

„סטייטש, סטייטש, סטייטש!“ האָט זי זיך בעגאַסען מיט טרערען, „ווי קומט עס צו דיר?!... פון וואנען ביזט דו דאָס מיט א מאָל אזוי געוואָרען?!... זיי זיינען ניט גערעכט, וואָס? נעמען קינדער און מאכען פאר גוים...“

רב שלמה האָט געשמייכעלט: „ווי גלויבסט דו, איך בין אויף דער עלטער משגע געוואָרען?... זיי זיכער, איך בין ביי׳ם שכל, און דו וועסט דיין ארט אין גן עדן ניט פערליערען...“

די אלטע האָט זיך ניט בענוגענט מיט דעם תירוץ און ניט אויפגעהערט צו בורטשען און צו וויינען. —

אין שטאָדט האָט זיך געטאָן: עס האָט געקאָכט, גערודערט; אומעטום האָט מען גערעדט וועגען רב שלמה׳ן. קיינער האָט ניט געקאָנט פערשטעהן, וואָס איז דאָס מיט איהם פּלוצלונג געוואָרען.

„דאָס איז חפצ׳לם מלאכה!“ ערקלערט איינער אין א רעדעל.

„און זעהט! דאכט זיך, רב שלמה איז אזא חכם און אזא למדן, אזא יודע ספר, און פון דעסטוועגען האָט איהם חפצ׳ל, ימח שמו, געקאָנט איבעררעדען!“ האָט זיך א צווייטער געוואונדערט.

„הלמאי אלישע בן אבויה?!...“ האָט אונטערגעכאפּט דער ערשטער מיט דעם ניגון פון גמרא און געדרעהט מיט׳ן פינגער. „אזא תנא איז געוואָרען אחר!... שייכות צו זאגען?!... א רוח שטות!... מאָלע עס פליהט אריין א רוח שטות!... מען העבט אָן קריכען אין די

הויכע דרכים, איז אויבער־המצאות, און דער שטן המשחית, א מין חפץ׳ל, איז אונטער זייט — איז אַט איז אייך!... מעהר דאַרף מען שוין נישט!..."

אלעמען האבען זיך עפּעס די אויגען געעפענט, און אלע האבען אין איין קול ארויסגערעדט: טאַקי!...

און א צווייטען רעדעל האט זיך געהיטצט נאך א למדן און גע־געבען צו פערשטעהן, אז עס איז נישטא וואס צו וואונדערן זיך, וואס אזא אלטער מאן איז מיט א מאל אראב פון גלייכען וועג.

„הלמאי יוחנן כהן גדול," האט ער גערעדט, „וועלכער איז אכציג יאהר אבגעוועזען א כהן גדול און לסוף איז ער געווארען א צדוקי?!... אלא וואס, ווי ווערט דאס, וועט איהר פרעגען?... איז דאס טאקי א קלאָטץ קשיא!... ווארום צו וואס איז דער יצר הרע?!... יוחנן כהן גדול איז אכציג יאהר אַב א כהן גדול און ווערט א צדוקי!..." האט זיך דער רעדנער פערנאנדערגעשאקעלט, ארייננכאפּענדיג די באָרד אין דער האנד — „האט ער דאס אבגעקלערט עפּעס מיט׳ן שכל?!... אלא ניין!... איז דאס דאך טאקי דער יצר הרע!..."

און אין דעם רעדעל איז אויך קלאר געווארען די מעשה מיט רב שלמה׳ן.

אין א דריטען רעדעל האט איינער ניט דערלאָזען דעם געדאנק, אז רב שלמה איז מיט א מאל געווארען איין אפּיקורס.

„אי געהט!" האט ער גערעדט, „דאס איז מעהר נישט, ווי א משגעת, א מרה שחורה!... ניט מעהר!... מען האט שוין לאנג גע־קאַנט בעמערקען, אז מיט איהם איז ניט גלאַט... ער איז עפּעס א צייט אומגעגאנגען, ווי א נעכטיגער, געוועזען צוטראָגען, האט ניט געוואוסט, אויף וואסער וועלט ער איז... דאס איז גאר פשוט, דער מח האט זיך איהם איבערגעקעהרט..."

„ער איז, דאכט זיך, דער זעלבער, וואס פריהער," האט זיך א צווייטער אבגערופען.

„איז וואס ווילסטו, אז ער זאל אומלויפען א הוילער איבער די גאסען!?..." האט דער ערשטער אבגעענטפערט מיט כעס.

אלע האבען געמאכט מיט די קעפּ, ווי זיי וואלטען זאגען : „נו, אפשר ביזט דו גערעכט.“

און אומעדום, איז אלע רעדלעך איז געבליבען, אז די קינדער טאָר מען ניט לאזען איז תלמוד תורה.

„אפילו א רחמנות אויף די קינדער,“ פלעגט זיך איינער ערגיץ אברופען, „איז תלמוד תורה אונטער זיין השגחה האט זיי גאר נישט אבגעפעהלט. און גלאט, וואס וועט פון זיי ווערען ? זיי וועלען ארומ־לויפען איבער די גאסען...“

„איז וואס ? זאל מען זיי, הייסט דאס, מאכען פאר גוים ?“ פלעגט דער איינער בעקומען איין ענטפער.

„יא, נו, איך פערשטעה,“ האט ער שוין גערעדט מיט חרטה.

* * *

ביי זיך פון פענסטער האט רב שלמה געזעהן די רעדלעך, גע־זעהן, ווי אידען ווארפען זיך, שאקלען זיך, בייסען די בערד, דרעהען מיט'ן פינגער, און ער האט געשמייכעלט.

פארנאכט זיינען געקומען צו איהם די לעהרער און האבען איהם דערצעהלט, וואס מען רעדט אין שטאדט און ווי אלע האלטען, אז מען זאל די קינדער נים לאזען אין תלמוד תורה ; רב שלמה איז א ביסעל אונרוהיג געווארען. נור ער האט זיך געשטארקט און זיך און זיי געטרייסט.

„עה, זיי וועלען בעסער ווערען, נישט קשה !... זיי וועלען דאס מיר נישט טון !...“

זונטאג האט ער געטראפען פיער לעדיגע ווענד אין דער תלמוד תורה. אפילו צוויי יתומים, וועלכע האבען נישט געהאט אין שטאדט נישט קיין קרוב און נישט קיין גואל זיינען אויך נישט גע־קומען. מען האט זיי אנגעשראקען, אנגערעדט און ניט געלאזען געהן, געפינענדיג פאר זיי אלע „טעג“ — זיי זאלען נישט דארפען שטארבען פון הונגער.

רב שלמה האט זיך פערלארען. מיט א פערשולדיגטען בליק האט ער געקוקט אויף די לעהרער, ווי ער וואלט זיך געשעמט פאר

זיי... און גלייך האָט מען געקאָנט איבערלייענען אין זיין בליק די קשיא: „וואָס טוט מען יעצטער?“ ער האָט זיך פלוצלונג א כאַפּ געטאָן.

„ניין, זיי וועלען ביי מיר נישט אויספיהרען!...“ און ער איז ארויסגעלאָפען האסטיג פון דער תלמוד תורה. ער איז געלאָפען פון שטוב צו שטוב צו די עלטערן און קרובים פון די קינדער. אומעדום האָט מען איהם בעגעגענט מיט קרומע בליקען, און ער האָט גאר נישט געפועלט: אלע האָבען זיך פעסט געהאַלטען „ניין.“

„איהר דארפט הערען, וואָס נאראָנים האָבען אייך אנגערעדט?“ האָט רב שלמה געטענהט, „ביי אייך איז רעכט, אז איך וויל צולאָזען מאַכען אידישע קינדער?... איהר קענט דען מיך נישט, דעם גרויסען גוי, דעם רשע מרושע?!... זייט נישט קיין קינדער, ד׳לעבען!... שיקט, שיקט די קינדער אין תלמוד תורה,“ האָט ער זיך געבעטען, „איהר וועט זעהען, איהר וועט קיין חרטה נישט האָבען!...“ און ער האָט זיי אָנגעהויבען מאַלען א בילד, וואָס פאַר א מענשען די קינדער וועלען ארויס.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפען.

„מיר דארפען די וועלט נישט פערבעסערן,“ האָט מען איהם געענטפערט, „מיר האָבען דאָך אָבגעלעבט אָהן דעם!... ווי מיר לעבען, אזוי וועלען לעבען אונזערע קינדער... פאַר גוים זיינען מיר זיי נית מחויב צו מאַכען!...“

„מיר וויסען, מיר וויסען, אונז דאַרף מען קיין מעשות נישט דערצעהלען,“ האָט מען איהם סתם געענטפערט אין איין אנדער אָרט.

„מיר וועלען אונזערע נשמות נישט פערקויפען,“ האָט מען איהם געענטפערט אין א דריטען אָרט.

„ווי הייסט, און איך וויל דאָס מיין נשמה פערקויפען?“ האָט זיך א כאַפּ געטאָן רב שלמה.

„מיר וויסען?... ווער זאָגט עס דען אייך?“ האָט מען איהם געענטפערט מיט א זיסען שמייכעל.

מיד און דערשלאָגען איז ער געקומען אהיים. די אלטינקע האָט

זיך דערשראָקען, אַ קוק טוענדיג אויף איהם. „גאָטעניו!“ האָט זי אויסגעשריען, פערברעכענדיג די הענד. „וואָס איז דאָס מיט דיר? !... אויף דיר איז דאָך גאָר קיין פּנים נישטאָ!...“

די לעהרער, וועלכע האָבען איהם ערוואַרטעט, האָבען שוין גאָר נישט געפרעגט און נור פערדאָגהט געקוקט אויף זיין שרעקליך אויס־זעהען. ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף זיין פּאָטער־שטול.

„נישט,“ האָט ער אַרויסגערעדט, קוקענדיג אַז אַ זייט.

„נישט איז נישט,“ האָבען זיי איהם גענומען טרייסטען, „וועלען מיר זעהען עפּעס אַנדערס טון, „אַנדערע קינדער קלייבען אָדער אויפ־וואַרטען אַ ווייל, וועלען זיך די אויך צוריקבעטען.“

רב שלמה האָט זיי נישט געהערט. ער האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּף אויפ'ן האַרצען, די אויגען אַנגעשטעלט אין דער ווייט, און געדאַנקען, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט צוזאַמענבינדען, שטיקלעך געדאַנקען האָבען זיך איהם געדרעהט אין דעם אַראָבגעלאָזענעם קאָפּף.

„פאַר וואָס? פאַר וואָס?“ האָט ער זיך געפרעגט. „מיר אַזוי אָבטון? !... נאַ דיר! אָט איז דיר!... אויסגעפיהרט דאָס לעבען!... אָבגעלעבט, ווי אַ מענש!...“

און עס קוועטשט און דריקט איהם דאָס האַרץ, און איז מת וועריט ווארם, ווארם... אין איין מינוט לויפט ביי איהם דורך אין קאָפּף דער איינדרוק, וואָס זיין אָבגעלעבט לעבען האָט אויף איהם אין דער לעצטער צייט געמאַכט און גלייך נאָך דעם די פּלענער, וועלכע ער האָט געמאַכט זיך אין די לעטצטע טעג, ווי ער האָט גע־וואָלט פערריכטען זיין גאַנץ לעבען מיט דעם ביסעל, וואָס ער וועט נאָך לעבען און אַלץ, אַלץ איז יעטצט פערשוואָונדען. „פאַר וואָס? פאַר וואָס?“ האָט ער נישט אויפגעהערט צו פרעגען זיך און בשום אופן נישט געקאָנט פערשטעהן. ער פיהלט, אַז דאָס אַלטע האַרץ שפּאַרט איהם שטאַרק פערנאַנדער פון ליעבע צו אַלעמען, עפּעס קלאַפּט עס ביי איהם שטאַרקער, עפּעס הערט ער נישט אויף צו ליעבען, און ער וואָלט וועלען אַלעמען זעהען אַזוי גליקליך, אַזוי גליק־ליך... ביז די לעצטע כוחות וואָלט ער יעצט געאַרבייט, דעם לעצ־

טען אטעם וואלט ער ארויסגעלאזען אין דער זאך און צוליעב דער זאך, וועלכער ער האט געוואלט אבגעבען זיך... ער קאן זיך עפעס קיין ארט נישט געפינען און ער פיהלט, אז דער קאפף ווערט איהם שווער, די פיס קאלט, די אויגען ווערען פינסטער, פינסטער...

אז ער האט אויפגעעפענט די אויגען, האט ער זיך דערזעהען אין בעט; אויפ'ן קאפף איז געלעגען א פוזיר מיט אייז; די אל־טינקע האט געיאמערט; די לעהרער זיינען געשטאנען נישט ווייט פון בעט און האבען גערעדט צווישען זיך. ער האט געוואלט אויפ־העבען די האנד און א ריב טון די שטערן, נור עפעס פיהלט ער די האנד נישט. ער גיט אויף איהר א קוק — זי ליגט אויסגעצויגען. רב שלמה האט פערשטאנען, וואס מיט איהם איז.

אוים! פארטיג!...

איהם האט זיך פערוואלט א פייף טון און א מאך טון מיט דער האנד: „פערפאלען!" נור די ליפען האבען זיך עפעס נישט צונויפ־געלעגט, און די האנד האט זיך נישט געהויבען.

„אט איז דיר, אוים!" האבען געשעפטשעט זיינע ליפען. ער האט זיך אומגעקוקט און אויסגעשטעלט די אויגען אויף די לעהרער, דערנאך אויף דער אלטער, וועלענדיג איבערלייענען אויף זייערע גע־זיכטער, צו איז ער שוין געפעהרליך, צו געהט ער שוין אב, אדער עס איז נאך פאראן א האפנונג. ער האט געקוקט און נישט געקאנט פערשטעהן. ער האט אנגעהויבען צו שעפטשען און צורופען צו זיך איינעם פון די לעהרער, מיט וועלכען ער האט זיך בעגעגנט מיט די בליקען. יענער איז צו איהם צוגעלאפען.

„אוים, א?" האט ער א פרעג געטאן.

„ניין, רב שלמה, די דאקטוירים געבען האפנונג," האט דער לעהרער געענטפערט מיט אזא ערנסטען טאן, אז רב שלמה איז גע־ווארען פרעהליכער.

„נו, נו," האט ער ארויסגערעדט, ווי ער וואלט וועלען זאגען: „הלואי! פון אייער מויל אין גאטס אויערן."

די לעהרער זיינען נאהענטער צוגעגאנגען.

„גוט?" האט געשעפטשעט רב שלמה, „גוט, הא?... נאט אייך א

טוער, א העלד !... כע !...״ ער האט געשמייכעלט.

„נישט קשה !״ האט מען איהם געטרייסט. „איהר וועט געזונד ווערען און וועט ארבייטען, טון.״

„נו, נו, הלואי !״

רב שלמה איז טאקי מיט יעדען טאג בעסער געווארען. דאס גוט אבגעלעבטע לעבען און דאס ווילען לעבען האבען איהם געראטעוועט. א ברייטער, זיסער שמייכעל האט זיך פערשפרייט אויף זיין געזיכט, און א פייערל האט זיך בעוויזען אין זיינע שיער אויסגעלאשענע אויגען, ווען ער האט דאס ערשטע מאל געריהרט מיט א האנד און אונטערגעבויגען א פוס.

„מזל טוב !״ האט ער אויסגעשריען צו אלע ארומיגע. ער איז געווארען ביי זיך זעהר פרעהליך און האט ווידער אנגעהויבען שטארק צו טראכטען וועגען טון עפעס.

לערנען מענשען, לערנען מענשען דארף מען — און עס מעג זיך קעהרען די וועלט ! האט ער געטראכט און געריעבען די הענד פאר אונגעדולד. וועט ניט זיין די תלמוד תורה, וועט מען דארפען געפי־נען אנדערע.

ער האט גענומען בעקלערען, וואו נעמט מען די אנדערע. ער האט אנגעהויבען צו דערמאנען זיך די ארומיגע שכנים און איז פלוצ־לונג פרעהליך געווארען. ניט ווייט פון איהם וואהנט איין איינבינדער, ביי וועלכען עס ארבייטען ביז צעהן ארבייטער. זיי ארבייטען פונפ־צעהן־זעכצעהן שעה אין מעת־לעת און האבען נישט קיין צייט און נישט קיין כח צו לערנען.

מיט זיי וועט מען דארפען לערנען.

דער בעל הבית זייערער וועט איהם געוויס ניט מעיז זיין. ער האט איהם געמאכט פאר א מענשען, שטענדיג געשטיטצט איהם, אריינגעפיהרט איהם אין אלע פריסוטסטוויעס, ביז וואנען ער האט איהם געשטעלט אויף א פוס.

רב שלמה ווערט אלץ לעבעדיגער און לעבעדיגער און פרובט זיך יעדע ווייל אויפהעבען פון ארט.

אז ער איז אראָב פון בעט, האָט ער זיך קוים איינגעהאַלטען אין שטוב, און ווי גליקליך האָט ער זיך געפיהלט, ווען, אנגעשפּאַר־טערהייט אויף א שטעקעל, איז ער ארויס אין גאס. ער האָט גע־איילט צום איינבינדער. אגב האָט זיך איהם געדאַכט, אז אלע זיי־נען צו איהם בעסער געוואָרען, און, דערזעהענדיג איהם, וועלען זיי זיך דערפרעהען. ווי האָט זיך איהם געוואָלט זעהען אויף אלע פּנים'ער א פריינדליכען שמייכעל!... ער וואָלט זיך יענמאָלט גע־שעטצט פאר דעם גליקליכסטען, קאָנענדיג האָפען, אז אלץ וועט יעטצט ווערען איבערגעקערט צו גוטען. נור ער האָט דעם שמייכעל נישט דערזעהען.

אין שטאָדט האָט מען אין דער אפּאָפּלעקסיע געזעהען „בעשיינ־פּערליך" א שטראָף פון גאָט. אלע האָבען טאַקי דערפון נאָך איין איבריג מאָל געזעהען, און ווידער טאַקי „בעשיינפּערליך", אז עס איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט און ניט יעדער מאַג טון, וואָס ער וויל. מען האָט געזעהען אין איהם נקמה. „זעהר רעכט! זעהר רעכט!"

„ווער איז איהם שולדיג?" פלעגט מען ענטפערן, ווען עמיץ האָט דערמאָנט, אז עס איז א גרויסע עברה אזא מענש — „ווער האָט איהם געהייסען?... א מענש האָט זיך אליין אומגליקליך געמאַכט!..."

אין שטאָדט האָט מען די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו רעדען וועגען איהם. אלעמען האָט אינטערעסירט, ווי איז איהם און וואָס איז איהם. ווען מען האָט דערהערט, אז איהם ווערט בעסער, אז ער ווערט געזונד, זיינען טאַקי אלע פרעהליכער געוואָרען: מען האָט געהאָפט, אז ער וועט יעטצט ארויסשלאָגען פון קאָפּ די נאַ־רישקייטען און פערשטעהן, אז גאָט האָט איהם געשטראָפט, און וועט ווערען צוריק, ווי געוועזען. נור אין גיכען האָט מען דערוואוסט, אז ער האַלט נאָך אין זיין „רשעות", און מען האָט זיך אויפגעהערט צו פרעהען.

דער רב מיט איינִיגע רעדעלפיהרער פון די געגנער זיינען איינ־מאָל געקומען מבקר חולה זיין איהם. רב שלמה האָט געוואָלט פרע־גען, אויב זיי זיינען געקומען קוקען אויף זיין בייז וואונדער, נור ער

האט זיך איינגעהאלטען און גלייכגילטיג געקוקט אויף זיי.

„וואס מאכט איהר, רב שלמה?" האבען זיי איהם געפרעגט.

„גוים!..." האט ער זיי געענטפערט.

דער רב מיט די איבריגע האבען זיך פערלארען. זיי זיינען גע־זעסען א קליינע ווייל,א, האבען קיין ווערטער נישט געפונען און זיי־נען אויפגעשטאנען פון די ערטער. זיי זיינען א ביסעל געשטאנען, האבען געוואונשען איהם געזונד צו ווערען און זיינען אוועקגעגאנגען, ניט הערענדיג פון רב שלמה קיין ענטפער אויף זייער „גוטען טאג".

פון דעם וויזיט האט זיך באלד דערוואוסט די גאנצע שטאדט, און עס האט אנגעהויבען קאכען, ווי אין א קעסעל.

„די טומאה האט שוין איהר מזל. אז מען לאזט זיך אין איהר אריין, קאן מען שוין ניט ארויס. גיב דעם טייוועל א האר, וועט ער שוין די גאנצע בארד ארייכאפען."

אז רב שלמה האט זיך געוויזען אין גאס, האבען זיך אלע גע־שטעלט קוקען אויף איהם און געשאקעלט מיט די קעפף, ווי מען וואלט זאגען: „אזא מענש — און א פערפאלענער נעבאך!"

רב שלמה האט דאס בעמערקט. עס האט איהם געשניטען דאס הארץ, עס האט איהם באנג געטאן ביז טרערען, און ער האט אנגע־הויבען גיכער צו געהן צו דעם איינבינדער'ס וואהנונג.

ביי דעם איינבינדער האט מען איהם בעגעגענט זעהר פריינד־ליך, מיט א ברייטען „ברוך הבא", נור איהם האט זיך שוין גע־דאכט, אז דא קוקט מען אויף איהם אויך קרומליך. ער האט דער־פאר געזאגט א תירוץ, פאר וואס ער איז געקומען.

„שווער צו געהן, מען דארף שוין אנהעבען מאכען סטאנציעס."

מיט דעם תירוץ האט ער אנגעהויבען צו קומען אלע טאג. ער פלעגט אבזיצען אייניגע שעה און רעדען, מעשות דערצעהלען, און האט לסוף אנגעהויבען דערצעהלען יענע „מעשות", וואס דער לעה־רער האט איהם דערצעהלט. ער פלעגט זיצען אין מיטען צימער און פלעגט רעדען פרעהליך, מיט א גלייכווערטיל, מיט א געלעכטער און האט שטארק פעראינטערעסירט די ארבייטער. זיי פלעגען אפט

אלע מיט א מאָל אויפהאַלטען די ארבייט, פערנאַנדערעפענען די מויל, אָנשטעלען די אויערען און איינהערען זיך מיט א פערגעניגענדען שמייכעל אויף די ליפּען. אייניגע מינוטען פלעגען זיי בלייבען שטעהן, ווי פערגליווערט, ווי פערשטיינערט, ביז רב שלמה פלעגט ענדיגען, אָדער דער בעל הבית פלעגט איבעררייסען מיט א בייזען, אונצופריעדענעם טאָן:

„ארבייט, ארבייט! הערען וועט איהר שפּעטער!"

די ארבייטער פלעגען נישט ווילענדיג צוריק איינבייגען די רוקענס איבער דער ארבייט, און רב שלמה פלעגט עפּעס אבהענדיג ווערען. ער פלעגט זיך פערליערען, אנהעבען פערשפּיעלען און אבשפּיעלען זיין ראָק און, ווי א פערשולדיגטער, קוקען אויף דעם איינבינדער, און דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט זיינס צו טון.

פון די צוהערער האָט ער געקוואָלען, נחת געקליעבען. ער פלעגט גליקליך שמייכלען, און זיינע אויגען פלעגען שיינען פאר נחת, ווען ער פלעגט זעהען, ווי די ארבייטער האָבען זיך אנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט יעדעם ביכעל, וואָס מען האָט געבראַכט איינבינדען. אז מען האָט געבראַכט א בוך, וואָס רעדט וועגען דאָס זעלבע, וואָס זיי האָבען געהערט פון רב שלמה'ן, פלעגען זיי זיך ארויפוואַרפען אויף איהם, שיער נים צוררייסען, און כמעט שלאָגען זיך, ווער זאָל עס איינבינדען.

רב שלמה האָט אנגעהויבען פיהלען, אז ער טוט עפּעס, אז ער העבט אַן ברייננען אמת'ן נוצען און איז געוועזען איבערגליקליך.

אין שטאָדט האָט מען נאַטירליך בעמערקט, אז רב שלמה איז געוואָרען איין אַפּטער אריינגעהער צום איינבינדער, און מען האָט זיך אין גיכען דערוואוסט, וואָס ער טוט דאָרטען.

„פּשוט משגע!" האָט מען געלאַכט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. מען פלעגט לאַכען אפילו רב שלמה'ן אין די אויגען, נור ער האָט זיך גאַר נישט אויסגעמאַכט.

אָבער נישט לאַנג האָט ער געהאַט דאָס פערגעניגען. דער איינבינדער האָט איהם לסוף שטאַרק אויסגערעדט.

„רב שלמה," האָט ער געזאָגט ברוגזדיג. „איהר לאָזט אונז דאָך

נישט מיט אייערע מעשות ארבייטען! וואס איז דאס פאר איין אופן, ד׳לעבען? איהר קומט און רייסט אב פון דער ארבייט!...“

„איך מיש דען?“ האט רב שלמה געפרעגט, „זיי ארבייטען, דאכט זיך, בשעת מעשה.“

„יא, א שיינע ארבייט!“ האט דער איינבינדער געענטפערט. „טאמער זיינען די יונגאטשעס שטענדיג גערן צו געפינען עפעס א סיבה׳לע, אבי ניט ארבייטען!... און גלאט, וואס האט איהר אויס־געקליבען מיך?... עס איז דען פאראן וועניג בעלי־מלאכות?...“

איין עהרליכער „האלז און נאקען“ — און רב שלמה׳ן איז מעהר נישט געבליבען, ווי נעמען דאס שטעקעל און אוועקגעהען.

„ווידער נישט!“ האט ער געשעפטשעט.

אין הארצען האט איהם שטארק געשטאכען, אין די שלייפען גע־קלאפט און אין קאפף האט געברענט. „ווידער נישט!... יעטצט איז שוין אלץ אויס... שטארבען... שטארבען... א מעשה מיט איין עק“....

ווען ער וואלט געווען יונג, וויים ער, וואס ער וואלט געטאן. יענמאלט וואלט ער געראד נישט אנגעהויבען טראכטען וועגען טויד. נור יעטצט... צו וואס זאל ער לעבען?... וואס האט ער צוווארטען?... אוים!... אוים!...

ער איז געקומען אהיים. ער האט זיך אריינגעזעצט איז פאר־טערשטול, פערוואַרפען דעם קאפף און פערטראכט זיך.

ער האט זיך אנגעהויבען פארצושטעלען די לעצטע וואכען ביי דעם איינבינדער, ווי די ארבייטער זיינען געווארען עפעס גאר אנ־דערם: לייטישער, מענשליכער, פערשטענדליכער. עס דוכט זיך איהם, אז ער האט אין זיי איינגעפלאנצט ליעבע און חשק צו לערנען זיך, איינגעוואַרצעלט א מעהרער ריכטיגען קוק אויף דאס, וואס ארום זיי טוט זיך. עס האט איהם געגאלטען מיט זיי! און מיט א מאל!...

„ניין, זיי וועלען, דאכט זיך, קומען צו מיר... זיי דארפען קו־מען!...“ און ער האט אריבערגעשיקט אנצוזאגען זיי, אז זיי זאלען קומען צו איהם א היים.

ער האָט אפילו פערגעסען, אז זיי ארבייטען זיך אב נייז א זייגער ביי נאכט, און דעם גאנצען פארנאכט נישט אראָבגענומען די אויגען פון דער טיר.

די צייט פליהט, עס ווערט אַלץ שפּעטער און שפּעטער, און די איינבינדער קומען נישט. רב שלמה ווערט חשכדיגער און חשכדיגער. ער האַלט לסוף נישט אויס און געהט ארויס אין גאס: טאָמער וועט ער זיי דערזעהען, וועט ער זיי אריינרופען.

אין גאס איז געווען פינסטער; וויים איינער פון דעם אנדערן האָבען קוים געלויכטען די גאס־לאָמפּען. א קאַלטע אסען־נאכט; די לופט איז געווען אָנגעטרונקען מיט וואסער, און אונטער די פיס איז געווען א שרעקליכער קויט. אין גאס זיינען געווען זעהר ווע־ניג פאַרבייגעהער, און רב שלמה איז אַלץ געשטאנען. אין הארצען האָט איהם אָנגעהויבען צו קלאַפּען, ווי ער פלעגט דערהערען א טיאַפּקען זיך פון פיס אין קויט אָדער אייניגע קולות. דריי מאָל איז די אַלטינקע ארוים צו איהם אריינרופען איהם אין שטוב, נור ער האָט נישט געהערט און איז געשטאנען. אין גאס איז געוואָרען שטיל, מען האָט נור געהערט די קלאַפּענים פון די נאכט־שומרים; רב שלמה האָט א וואַרף געטאָן דאָס לעטצטע מאָל זיין בליק אין דער פינסטערנים, און איז מיט א קרעכץ אריין אין שטוב.

אויף מאָרגען האָט ער זיך געפיהלט זעהר שוואַך און איז פון בעט נישט ארוים. ער האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אז עס ווערט נעהענטער זיין סוף, אז ער איז שוין א גאסט.

„אַלץ איינס, אַלץ איינס,“ האָט ער זיך גערעדט, טראַכטענדיג רוהיג וועגען טויד.

אין קאָפּ האָבען זיך איהם געפּלאָנטערט אַלעלריי געדאנקען. ער האָט געטראַכט בעוואוסטלאָז, נישט אָבגעבענדיג זיך קיין קלאָרען חשבון אין דעם, וואָס ער טראַכט. עס האָבען איהם אָנגעהויבען ארויפצוגעהען אויפ׳ן זכרון אַלערליי בילדער, שטיקלעך פון זיין לאַנ־גען לעבען, בעזונדערע מענשען, פּנימער, וועלכע ער האָט א מאָל גע־זעהען, קינדערשע חברים, נור רב שלמה׳ן האָט דאָס אַלץ נישט אינ־

טערעסירט. ער האט אנגעשטעלט די אויגען אויף די טיר פון צימער און געוואַרט אויף'ן טויד, גלייך ווי ער וואָלט דאַרפען אַריין פון טיר.

דעם גאַנצען טאָג איז ער אַזוי אַבגעלעגען. די אַלטינקע איז אַפּט צו איהם צוגעגאַנגען, געפרעגט עטוואס, און ער האט געשוויעגען, ניט אַבגעבריסענדיג דעם קוק פון דער טיר און ניט איבעררייסענדיג די אַלערליי געדאַנקען. עס האט זיך געדאַכט, אַז ער האט אויפגעהערט צו הערען און זעהען. ביי נאַכט האבען זיך אַנגעהויבען צו קלייבען צו איהם די לעהרער.

„פאַרטיג!" האט רב שלמה זיי געזאָגט, קוקענדיג אויף דער טיר. פּלוצלונג האט ער דערהערט אַ בעקאַנטען קול און אויפגעהויבען דעם קאָפּף.

„מבקר חולה זיין ווילען מיר," האט דער קול געזאָגט.

די טיר האט זיך אויפגעעפענט און עס זיינען אַריין מיט אַ מאָל פיער פּועלים.

אַ שמייכעל איז אַרויסגעטראָטען אויף זיינע ליפּען, און ער האט זיך שטאַרק געסטאַרעט אויפצוזעטצען. „געקומען, געקומען!" האט ער געריעדט מיט פרייד, און זיין האַרץ האט שטאַרק געקלאַפּט פון פיעל גליק.

די אַרבייטער זיינען געבליעבען שטעהן ווייט פון בעט, ניט וואַגענדיג צוצוגעהן צום חולה, נור רב שלמה האט זיי צוגערופען.

„נעהנטער, נעהנטער, קינדער!"

זיי זיינען צוגעגאַנגען אַ ביסעל נעהענטער.

„צו מיר, צו מיר!" האט ער זיי אַנגעוויעזען אויף דאָס בעט.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צום בעט.

„נו, וואָס מאַכט איהר?" האט ער זיי געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

די אַרבייטער האבען געשוויגען.

„וואָס זייט איהר נעכטען נישט געקומען?" האט ער געפרעגט און געקוקט אויף זיי מיט'ן שמייכעל.

די אַרבייטער האבען געשוויגען און געביטען די פיס.

„וואָס מאַכט איהר, רב שלמה?" האט איינער פון זיי געפרעגט.

„גוט, גוט! אַ דאַנק, קינדער־לעך, אַ דאַנק. און זעטצט זיך, קינ־

דער, זעטצט זיך. איך וועל אייך ווייטער וואס דערצעהלען."

„אייך איז שווער, רב שלמה," האט גענטפערט איין ארבייטער, „אז איהר וועט געזונד ווערען..."

„זעטצט זיך, זעטצט זיך," האט איהם רב שלמה איבערגעריסען, „ניט אייער דאגה!..."

די ארבייטער האבען זיך איבערגעקוקט מיט די לעהרער. די לעהרער האבען געוואונקען, אז זיי זאלען זיך ניט צוזעטצען.

„היינט ניט, רב שלמה, איין אנדערס מאל, אז איהר וועט..."

„זעטצט זיך," האט רב שלמה אונגעדולדיג געזאגט, „טוט מיר דאס פערגניגען."

די ארבייטער האבען זיך ווידער איבערגעקוקט מיט די לעהרער און אויף זייער וואונק האבען זיי זיך געזעטצט.

רב שלמה האט זיי אנגעהויבען צו דערצעהלען פון דעם ווי מענשען לעבען. ער האט גערעדט מיט היטץ, און זיין קול האט שוין לאנג אזוי ניט געקלונגען, ווי דאס מאל.

לאנג, לאנג האט ער גערעדט. מען האט איהם עטליכע מאל איבערגעריסען, דערמאנט איהם, אז פאר איהם איז שעדליך אזוי פיעל צו רעדען. נור ער פלעגט מאכען מיט דער האנד, אז מען זאל איהם ניט שטערען. „איך ווער געזינדער," האט ער געענטפערט און ווייטער דערצעהלט. לסוף האבען זיך די ארבייטער אויפגעהויבען פון די ערטער.

„לאזט אונז אב, רב שלמה, אונז איז שוין שפעט."

„גערעכט, גערעכט," האט ער ארויסגערעדט, „מארגען אבער, הערט איהר."

„זעהט זשע, קינדער, מארגען!" האט ער געזאגט, געבענדיג זיי די האנד. די ארבייטער האבען פערשפראכען צו קומען. זיי האבען געמאכט עטליכע טריט, און רב שלמה האט זיי אומגעקערט.

„און די איבריגע?..." האט ער שוואך געפרעגט, ווי ער וואלט זיך דאס שעמען צו פרעגען.

„זיי האבען זיך געפוילט, ניט געוואלט," האבען זיי איהם געענטפערט.

„נו, נו,“ האט ער זיי איבערגעריסען מיט א טאן, ווי ער וואלט זאגען: נו, נו, איך וויים שוין, גענוג צו רעדען. „אבער, זעהט זשע, מארגען...“

„יעטצט בין איך געזונד,“ האט ער געזאגט, אז די פועלים זיינען אוועקגעגאנגען. ער האט קוים גערירט מיט אייז אבר, איז אבער געווען זעהר פרעהליך, האט אויף אלעמען געקוקט מיט א גליקליכען שמייכעל און זיינע אויגען האבען געשיינט.

„יעטצט בין איך געזונד,“ האט ער געשעפטשעט, אז מען האט איהם געדארפט איינלעגען און איינדעקען. — „יעטצט בין איך געזונד,“ האט ער קוים ארויסגערעדט, פיהלענדיג, אז דער קאפף ווערט איהם מאדנע שווער, דאס הארץ אבגעחלשט, און עס ווערט איהם שטארק נישט גוט. ער איז אריינגעפאלען אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד.

א שרעקליכער, הארץ־רייסענדער קלאג האט איהם ארויסגערופען פון דעם צושטאנד. ער האט געעפענט די אויגען. דאס צימער איז פול געווען מיט מענשען; אויף א סך אויגען האבען געפינקעלט טרערען.

„שוין באלד א פנים,“ האט ער א טראכט געטאן און אנגעהויבען זיך עפעס דערמאנען.

„וויפיעל איז דאס דער זייגער?“ האט ער געפרעגט ביי דעם, וואס איז געשטאנען נעבען איהם.

„פינף.“

„נייען וועלען זיי זיך אבארבייטען,“ האט ער געשעפטשעט צו זיך אליין. ער האט צוגערופען א לעהרער.

„אז די ארבייטער וועלען קומען, זאל מען זיי אריינלאזען, הערט איהר!“ דער לעהרער האט פערשפראכען.

אין א ווייל ארום האט ער געבעטען שרייבען די צואה. נאך דער צואה האט ער זיך אויסגעצויגען און פערמאכט די אויגען. מען האט געמיינט, אז ער איז איינגעשלאפען. נור רב שלמה האט נישט געשלאפען — ער איז געלעגען און געטראכט. ניט וועגען עבר, [illegible]

גען דאס אבגעלעבטע לעבען האט ער געטראכט, נור וועגען עתיד, וועגען די קומענדיגע צייט, אין וועלכער דער מענש וועט לעבען. ער האט געטראכט, וואס וועט זיין מיט דעם מענשען. ער האט זיך פארגעשטעלט א וועלט, א ליכטיגע, גליקליכע וועלט, וואו אלע וועלען זיין גלייך גליקליך, אלע וויסענד, געבילדעט, און זיין שטערבענד הארץ האט א ביסעל שטארקער געקלאפט, און זיין געזיכט האט ארויסגעדריקט פרייד און גליק. ער האט אויפגעעפענט די אויגען און דערזעהען נעבען זיך א פאר לעהרער.

„אמת אזוי וועט דאס זיין?“ האט ער זיי געפרעגט און גע־שמייכעלט.

„יא, רב שלמה,“ האבען זיי איהם געענטפערט, כאטש זיי האבען זיין קשיא נישט פערשטאנען, נור זיין געזיכט האט זיי געזאגט אויף עפעס גוטס. זיין שמייכעל אויף די ליפען איז געווארען נאך גרעסער.

ער האט זיך ווידער פערטראכט. ער האט געוואלט זיך פאר־שטעלען די גליקליכע וועלט, ארויסרופען פאר זיינע אויגען דורכאויס גליקליכע מענשען, דורכאויס געבילדעטע מענשען, און ער האט דאס דערגרייכט. נישט קלאר האט זיך איהם פארגעשטעלט דאס בילד — עפעס האט זיך איהם געמאלט א גרויסע קופע „גליק“ — דאס „גליק“ מיט א גוף און נשמה, און ער איז געוועזען גליקליך, גליקליך...

א יאמער האט איהם צושטערט זיינע מחשבות.

וואס וויינען זיי די פראים? האט ער געטראכט. אלעמען וועט זיין גוט, אלעמען.

ער האט אויפגעעפענט די אויגען. עס האט שוין געברענט פייער; דאס צימער איז געוועזען אנגעשטאפט מיט מענשען. נעבען בעט זיינען געשטאנען אלע קינדער זיינע, וואס זיינען זיך צונויפ־געפאהרען צו זעגענען זיך מיט'ן טאטען. ער האט אבגעשטעלט זיין בליק אויף די קליינינקע אייניקלעך — א בליק, פול מיט ליעבע און גליק.

זיי וועלען דערלעבען די גליקליכע צייט.

ער האט געוואלט בעטען, מען זאל אויפהערען צו וויינען, נור

אין דער מינוט האט ער דערזעהן די נעכטיגע פּועלים.

„צו מיר, צו מיר, קינדער!" האט ער א ביסעל דערהעכערט דעם קול און שוואך א מאך געטאן מיט'ן קאפּ. מען האט נישט געוואוסט וועמען ער מיינט. ער האט געבעטען, מען זאל צו איהם צושיקען די איינבינדער; מען האט דאס איהם געטאן.

ער האט זיך אנגעהויבען אויפצוזעטצען; די ארומיגע האבען איהם געהאלפען.

„א דאנק... קינדער... וואס איהר... זייט גע... קום... מען... א דאנק!... !" האט ער געזאגט. „הערט אויף... צו וויי... נען..." האט ער געבעטען די ארומיגע, „רוהיג... וויל איך... ששש... טארב... בען... א־לע זאל־ען... זיין... גליקליך... ווי איך!... לעבט אלע... מיט דער... האפ... נונג... אויף... א גוטע... וועלט, ווי איך... ששש... שטארב... מיטטט... דער הא... פנונג... קינדער... לעך טיי... ערע," האט ער זיך געווענדעט צו די ארבייטער. „איך... האב... איך דערצעהלט... ווי דער מענש... האט אבגע... לעבט ביז א... הער... ווי ער... לעבט יעצט... ווייסט איהר א... ליין... אבער... די קוממט... מענדיגע... צייט... וועט זיין זעהר... א גליק... ליכע... אלע וועלען זיין זעהר... גליקליך... אלע! ארבייט... נור עהרליך... און לערנט... זיך!... קינדער... אלץ וועט... יענמאלט... זיין גוט... אלע... גליק... ל...

א זיסער שמייכעל האט בעדעקט זיינע ליפען, און רב שלמה איז געשטארבען.

* * *

אין שטאדט האט מען... נור וואס האט מען געקאנט רעדען איז שטאדט אויף א מענשען, וואס איז געשטארבען אהן ודוי, אהן קלאַ־פּענים אין הארצען, אהן דעם מעבר יבוק?... וואס האט מען געקאנט רעדען אויף א מענשען, וואס האט איז די לעטצטע מינוטען געהייסען לערנען זיך, בילדען זיך?... וואס האט מען געקאנט רעדען, ווען א

מענש האט אבגעזאגט זיין גאנץ קאפיטאל נור אויף בילדונג און אויף שקאלעם ?... וואס האט מען געקאנט רעדען, ווען זיינע אייגענע קינ־דער האבען דערלאנגט אין סוד, אז דער טאטע איז ניט געוועזן ביים זינן, שרייבענדיג די צואה ? !...

זיי זיי מוחל, רב שלמה, זיי ווייסען ניט, וואס זיי רעדען און טוען !...

.1893

יום-כפור דאווגער.

קליינע בילדער אין קורצע שטריכען.

1.

די עלף־יעהריגע.

די מאמע האט איהר אנגעזאגט, אז זי דארף נאך נישט פאסטען, פערבויגט איהר אין מחזור די ערטער, וואו זי דארף דאווענען, איבער־געלאזען איהר חלה מיט הוהן, און וויינטרויבען, און עפּעל, און באר־נעס און א שטיקעל קאוואן, און איז אוועק אין שול. זי איז געבליע־בען אליין און איהר איז געוועזען אזוי אומעטיג.

די שטוב האט אויסגעזעהען אזוי טרויעריג, און אזוי אומעטיג די גאס. עפּעס א ציטערען איז געלעגען אין דער גאנצער לופט. עפּעס ווי די גאנצע וועלט וואלט איינגעהאלטען דעם אטעם און געווארט מיט א שווערען געמיט אויף איהר גזר דין. די נישט פערבעטענע בע־טען, די קיסען מיט די אבדריקען פון די קעפּ, וועלכע זיינען געלעגען אויף זיי, דאס נישט אויפגעראמטע צימער, דאס מיד ברענענדיגע וועקסענע ליכט, וואס האט יעדע ווילע אבגעקנאקט, ווי פון די טרע־רען, וועלכע זיינען אויף איהם נעכטען פערגאסען געווארען, די פענסטער־שויבען, דורך וועלכע עס האט אריינגעקוקט א וואלקענ־דיגער, כמארנער טאג און וועלכע האבען אויסגעזעהען ווי די ט[illegible]וי־עריגע אויגען פון דער שטוב — אלץ האט אויסגעדריקט א שווע[illegible]־טרויעריג, פערצווייפעלט ווארטען, אויף אלץ איז געלעגען דער גרויסער אומעט.

און עס האט אזוי געדריקט איהר יונג הערצעל און עס האט זיך איהר געוואלט אזוי וויינען. עס איז איהר געוועזען, גלייך דאס גרע[illegible]

טע אונגליק דארף אנקומען אויף זייער שטוב. און זי פיהלט, אז זי מוז פאסטען, ווייל זי מוז אבבעטען ביי גאט, ער זאל אויף זיי נישט אנשיקען דאס גרויסע אונגליק.

דאן נעהמט זי זיך פאר׳ן מחזור. זי עפענט אויף, וואו די מאמע האט געמאכט דעם ערשטען בויג און העבט אן צו דאווענען. די אונבעקאנטע ווערטער קוקען אויף איהר פון די שורות אזוי פרעמד און שטרענג און שרעקען זי. אבער דאס זיינען דאך אזעלכע ווערטער, וועלכע קאנען ווייך מאכען גאט׳ס הארץ און אבראטעווען זי און איהר מאמע און איהר ברודער פון דעם גרעסטען אונגליק. און זי זאגט זיי מיט טרערען אין קול און באלד ברעכט זי אוים אין א יאמער. זי וויינט פון דער גאנצער נשמה, הערצרייסענד, מיט דעם געפיהל פון דעם גרעסטען אונגליק. די טרערען גיסען אין שטראמען. זיי רינען איהר אין מויל. זיי שטיקען זי. און זי זאגט אין מחזור, קוים זעהענדיג די ווערטער מיט איהרע פערגאסענע אויגען, צוטיטלענדיג זיך מיט ביידע הענד. און זי דאווענט פלייסיג, פלייסיג. שוין איין בויג אבגעזאגט, און דעם צווייטען און דעם דריטען — —

נור ערשט שפעטער, שפעטער, ווען זי האט דערפיהלט איין ערלייכטערונג פון דעם גוט אויסוויינען זיך, האט זי זיך דערמאנט אויף די גוטע זאכען, וועלכע די מאמע האט איהר איבערגעלאזען. דאן געהט זי א קוק טון אויף זיי — בלויז א קוק טון — —

2.

דער קארגער.

אין איין אלטען, גאנץ אלטען, צוריסענעם, געל און שווארץ געווארענעם טלית. אין איין אבגעריבענער, גרוי געווארענער, אונטען ארומגעריסענער יארמאלקע. איבער איין אלטען, אין גאנצען צורפליקטען, פון דעם איינבאנד ארויסגעפאלענעם מחזור מיט פערגעלבטע און מיט פלעקען פון שוויסיגע פינגער, ליכט און טרערען — נאך זיין טאטענס טרערען — בעדעקטע בלעטער, פון וועלכע א סך

פעהלען. ער שרייט נישט, ער וויינט נישט, ער מאכט נישט קיין משוגענע עוויות. זיין ניט מעהר יונג הארץ איז פערשטיינערט, און די ווערטער געהען ארויס פון זיין מויל טרוקענע — אהן הארץ — א ביסעל מיט דעם סקארבאווען ניגון.

ער בעט אויף גאר נישט. ער וויים גאנץ גוט, אז ער האט גאט גאר נישט, וואס צו בעוויינען. אפילו דאס נישט, אז ער האט נישט פערפעהלט א דאוונען. ווארום, אז ער האט זיך דא נישט לאנג אויפגעכאפט אין דער פריה און בעמערקט, אז מען האט בעגנב'עט זיין שפייז־קעמערעל — צוויי לעבלעך אלטע סאלדאטען־ברויט, וואס ער האט געקויפט אין א מציאה, א הערינג, א קאלט שטיקעל גע־קאכט פלייש און א פאר קארטאפליעס — האט ער אנגעהויבען ארומזוכען דעם גנב, קוים נעגעלוואסער אבגעגאסען, און ערשט ביי דער נאכט האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט נישט געדאווענט נישט אין דער פריה און נישט צו מנחה. — און אפילו אויף א יום־כיפור־ליכט האט ער געקארגט.

ער בעט אויף גאר נישט. ער איז אין אייביגער פיינדשאפט מיט גאט און מענשען. ער בעט אפילו נישט אויף לאנגע יאהר. וויפיעל ער וועט לעבען, וועט ער לעבען. אבער כל זמן ער וועט לעבען, וועט ער נישט ארויסלאזען פון זיינע הענד דאס, וואס ער האט אנגע־קליבען. —

ער קומט צו צו איין ארויסגעריסענעם בלאט: דאן קוקט ער אריין אין מחזור צו זיין שכן פון לינקס. איין מאל און צוויי מאל און דריי מאל. יענער וויל איהם שוין ביים ערשטען מאל נישט ליידען; צום דריטען מאל שטעלט יענער זיך אויף, שפארט אן דעם קאפף אויף די הענד און פערשטעלט דעם מחזור. דאמאלסט ווענדט ער זיך צו זיין שכן פון רעכטס. אבער דער ווארט שוין נישט ביז צום דריטען מאל. ער פערשטעלט פון איהם זיין מחזור און זאגט: „איהר האט שוין געמאגט א מאל קויפען א נייעם מחזור, נישט קשה!“ ער ענטפערט דארויף גאר נישט, נור ער זאגט, ווי פאר זיך, מיט פעראכטונג: „הע, איך וואלט איהם גאר אבגעניצט דעם מחזור, ווען איך וואלט אריינגעקוקט!“ און ער קוקט זיך ארום, ביי

ווען קאָן ער יעצט אַריינקוקען אין מחזור. און ער ווייס, אַז קיי־נער וועט מיט איהם ניט זיין צופריעדען. —

אך, יא! אַ מפלה וואָלט ער שוין גראַד געבעטען אויף זיינע שונאים. און שונאים זיינען איהם די גאַנצע וועלט. אַלע האָבען איהם פיינד: יעדער האַלט פאַר אַ מצוה אַריינצוכאַפּען ביי איהם. אפילו פון אייגענע ווייב און קינדער איז ער נישט זיכער. און ער מאַכט זיך אַ קופּערנע שטערן און פּרובט זיך אַ בעט טון ביי גאָט אַ מפלה אויף זיינע שונאים.

דאַמאָלס פּרובט ער זיך אויך, צו וועט ער נישט אַרויסדריקען אַ טרער, און ער מאַכט אַ גאַנץ זויערע מינע. — —

3.

דער בעטלער.

הינטען נעבען טיר שטעהט ער. איז ווינקעל צווישען וואַנד און הרובע, אַנגעשפּאַרט מיט דער לינקער זייט אָן וואַנד. אַז ער ווערט מיד, זעטצט ער זיך אויף דער הוילער ערד. ער נעמט אפילו קיין היי נישט אונטער זיך.

ער קוקט אַרום מיט דעם תּמ'עוואַטען בליק פון זיינע בלינדליכע אויגען און זאָגט די תפילות פון זיין קליינעם אַלטען מחזור'ל מיט אַ האַלבען מויל. אַהן האַרץ, אַהן זינן, אַהן געפיהל. ער בעט נישט און ווייס נישט, אויף וואָס צו בעטען. דאָס גאַנצע לעבען איז איהם גלייכגילטיג. ער געהט אום איבער די הייזער, זיין שטום ווייב געהט אום איבער די הייזער, און זייערע דריי קינדער געהען אוי זייערע וועגען. ער טראַכט וועגען גאָר נישט אין לעבען. ער דאַרף נור געדיינקען, ווען איז ראש חודש, וואו וואָהנען אידען און וואו קריסטען, און ווער גיט אַ בעסערע נדבה. און דאָס געדיינקט אויך זיין ווייב בעסער.

ער שטעלט זיך, ווען אַלע שטעלען זיך. ער שפּרינגט אונטער, וואו אַלע שפּרינגען אונטער; ער קלאַפּט זיך אין האַרצען, וואו מען דאַרף, און פאַלט כורעים, ווען מען דאַרף. אָבער איין געדאַנק געהט

ביי איהם נישט ארוים פון קאפּ. דער נעכטיגער ערב יום־כיפּור איז געווען נישט א גרעסטענער, און שולדיג איז דעם איז זיין שטום ווייב. ער האט איהר געזאגט, אז זיי זאלען בעסער שטעהן נעבען דער קצבישער שול, און איהר האט זיך פערוואלט דוקא נעבען דער דייטשער. זי האט איהם „פערהאווקעט" דעם קאפּ און ער האט נאכגעגעבען, און זיי האבען אבגעשניטען דארטען כמעט ווי מיט לעדיגע הענד. און נעבען דער קצבישער שול האט מען טאקי געמאכט א „שטיק געלד" ! ער האט גלייך געזאגט זיין ווייב, אז זי איז א שטיק שטומע בהמה, און האט עס איהר געזאגט, ווען ער איז געקומען אהיים נאך כל נדרי, און וועט עס איהר נאך היינט זאגען. נייז, איבער א יאהר וועט ער שוין נים זיין אזא נאר !

4.

דער רייכער בעל עברה'ניק.

ער שטעהט גאנץ א צובראכענער, אויבען־אן איז ווינקעל ביי דער מזרח־וואנד. איבערגעדעקט איז גאנצען מיט'ן טלית, דעם קאפּ אוועקגעלעגט אויף דער לינקער האנד. די רעכטע האנד האלט ער אויפגעהויבען, אנגעשפּארט אן וואנד; אפט מאל פּאכעט ער ארום מיט איהר איז דער לופט אדער קלאפּט אן וואנד. נאר זעלטען גלייכט ער זיך אוים. דאן ווארפט ער ארום מיט ביידע הענד, פּאטשט אין זיי, דריקט זיי, קנאקט מיט די פינגער. דאן פערגלייסט ער אויף די אויגען.

ער שטעהט אזוי פון אין דער פריה אן און ער וועט אבשטעהן דעם גאנצען טאג, א הונגעריגער, א פערשמאכטער. דאס האט ער זיך פעסט פארגענומען.

ער בעט אויף לעבען. נור פארבייגעהענדיג אויף גוטע געשעפּ־טען. מיט זיינע געשעפטען איז ער זיכער. זיינע האלץ־און וואלד־געשעפטען וועלען געהן גוט דאס יאהר און איבער א יאהר און אי־בער צוויי יאהר און אזוי ווייטער. וואלט ער שוין אזוי זיכער גע־ווען מיט'ן לעבען. אין געשעפטען דארף מען נור נישט זיין קיין שלאפעדיגער אינגעל, אבער ווי נעמט מען זיך אליין געזונדהייט און

לאנגע יאהר? ער איז א ביסעל צו דיק און דאס הארץ איז ביי איהם נישט גאר אין ארדנונג, און די דאקטוירים מיינען — גרויסע דאקטוירים: ער איז געוועזען אין אויסלאנד — אז ער קאן א מאל א פרישער און געזונדער נעמען און מאכען א שטארב, און ער וויל דאך אזוי לעבען, אזוי לעבען. ער איז סך הכל איין און פופציג יאהר און ער וואלט וועלען א לעב טון ביז זיעבציג אדער טאקי ביז אכט־ציג, און ער וועט נישט מיד ווערען לעבען ביז ניינציג און איבער אך, ווי ער האט מורא פאר'ן טויד! און עס איז דאך ווירקליך שרעקליך צו שטארבען, ווען די געשעפטען געהען אזוי גוט, הי עשירות וואקסט און וואקסט און מען האט כבוד און פערגניגען פון אלע זייטען.

ער האט אפילו אין זיך די געוויסהייט, אז ער וועט לאנג לעבען אויף להכעיס די דאקטוירים. אבער דער עיקר ווייס ער, אז עס קומט איהם כרות־יאהרען. ער לעבט מיט איין אשת־איש, מיט'ן ווייב פון זיין „מענש", פון זיין ערשטען קאמי, וועלכער איז שטענדיג אויף רייזען וועגען האליץ און וואלד־געשעפטען.

ער זוכט זיך א זכות. זיין ווייב איז עלטער פאר איהם מיט פינף יאהר. ער צאהלט זיין ערשטען קאמי א סך מעהר, וויפיעל ער איז ווערט. און צו איז ער נישט א גרויסער בעל צדקה?

וואלט ער כאטש וועגען זיין אשת איש נישט געטראכט, וואלט ער א סך רוהיגער געוועזען. ער וואלט זיך געפיהלט ווי דער גנב, וועלכען מען האט נישט געכאפט גנב'ענען און ער קאן טענה'ן: איך ווייס נישט פון וואס צו זאגען. אבער ער ווייס, אז די נקבה שטעהט יעטצט הינטער איהם ביי דער מזרח־וואנד פון דער ווייבערשער שול, דארט אויבען ביים פענסטערל, בעהאנגען מיט ציערונג — דער עיקר זיינע מתנות — און קוקט אויף איהם מיט איהרע שיינע העזה'דיגע אויגען. ער פיהלט איהר בליק אויף זיין רוקען, און ער האלט זיך איין מיט אלע קרעפטען, נישט א קוק צו טון אין איהר זייט.

ער ווערט א ביסעל בייז. וואלט זי געדאווענט אין איין אנדער שול אדער געבליבען אין דער היים, וואלט ער וועגען איהר וועניגער

געטראכט. דאס וואלט דאמאלס געוועזען א סך בעסער פאר זיינע תפילות.

און פון ערגעץ א טיעפענים רוקט זיך ארוים דער ציטערנדיגער געדאנק, אז אייגענטליך וועט ער דאך מיט איהר וויטער זינדיגען. ער האט דאך שוין אבגעמאכט מיט איהר, וואו צו טרעפען זיך, ווען דער מאן, וועלכער וועט קומען אויף מארגען נאך יום־כיפור, וועט אבזיין אין דער היים גאנצע דריי וואכען. ער האט זיך אפילו איינ־מאל, ווי ער שטעהט אזוי אונטער'ן טלית, פערגעסען און געטראכט, ווי עס וועט צוגעהען דאס צוזאמענטרעפענים אין יענעם ארט.

און ערווארפט ארום מיט די הענד אין דער לופט, קלאפט אַז וואנד, טאפעט אונטער. און ער וועט אבשטעהן דעם גאנצען טאג אויף די פיס, א הונגעריגער, א פערחלשטער, א פערשמאכטער.

נור נישט כרות־יאהרען! ער וויל דאך אזוי לעבען, אזוי לעבען.

.1900

דער גרויסער מענשענפריינד.

אז אלע גבירים וועלען זיך שטעלען צום גרויסען יום הדין, וועט גאט זיי פארשטעלען א י ה ם, דעם גרויסען גביר, און וועט ביי זיי פרעגען, אויב זיי האבען זיך אויפגעפיהרט אזוי ווי ער, זיין טייערער זוהן. וואויל איז צו יענע, וועלכע וועלען קאנען ארויפלעגען די הענד אויפ׳ן הארצען און זאגען: „יא, רבונו של עולם!“ אבער וועה איז צו יענע, וועלכע וועלען מוזען אראבלאזען דעם קאפף און שווייגען. א בת קול וועט דאן ארויס און אויסשרייען: „ער איז מחייב עשירים — ער מאכט שולדיג אלע רייכע!“ — — —

פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער זאך האט מען געקאנט דערקענען אין איהם דעם גרויסען מענשענפריינד. ער איז, דאכט זיך, געוועזען צופרידען אויף צעהן וועלטען מיט הונדערטער געשעפ־טען און פון דעסטוועגען האט ער זיך אימער געמישט אין אלע זאכען, וועלכע האבען געהערט, ווי צום כלל, אזוי צו יעדעם איינציגען מענשען — צו יעדעם, אפילו צו א סך ניעדריגערן פון איהם.

ער זיטצט איבער א גרויסען בוכהאלטערישען בוך און איז, דאכט זיך, שטארק פערנומען, טיעף אריינגעטאן, און פון דעסטוועגען גיט ער אכטונג, וואס טוט דער בוכהאלטער און וואס טוען די משרתים — זיי בעקומען געהאלט, טארען זיי קיין מינוט נישט אומ־געהן לעדיג, אומזיסטע געלד טאר מען נישט נעמען — אויסרוהען, זעהט איהר, וועלען זיי נישט אנווערען, אז מען וועט פערשליסען די קראם... נור ער דערזעהט, ווי איינער פון זיי טרינקט קאלט וואסער און איז פערשוויטצט, רייסט ער איבער זיין רעכנען און מאכט יענעם א בעמערקונג, אז ער זאל דאס נישט טון, ווייל ער קאן נאך לונגענענטצינדונג בעקומען און אז ער וועט קראנק ווערען, וועט ער נאטירליך אנווערען די שטעלע. —

מיט וואס פאר א מענשענפריינדליכען טאן פלעגט ער פאר־וואַרפען איינעם, וועז יענער איז משגענערהייט געלאַפען אויף טרעפּ! ער פלעגט אַננעמען יענעם פאר די האנד און אבשטעלען איהם. „הע, וואס לויפסט דו, ווי א פערסמטער? עס ברענען ביי דיר דיינע גרויסע געשעפטען, אדער דיך פערדריסט, וואס דו האסט נאך גאנצע שטיפעל?... שוטה!“ דער איינער איז דוקא ביי איהם קיין משרת נישט געוועזען און גאר א ווילד פרעמדער, וועלכען ער, דער מענ־שענפריינד, האט דאס ערשטע מאל געזעהען. א משרת, זעהט איהר, איז עפּעס אנדערס. א משרת מוז לויפען, ער בעקומט דאך דערפאר געהאלט. —

איך מיין, צו איז עפּיס פאראן וואס צו רעדען וועגען זיין וויכ־הערציגקייט?!

איין ארממאן האט איהם זיין הארץ דאך נישט דערלאזט אנ־קוקען — — די אבגעריסענקייט און אבגעשליסענקייט, די ברידיג־קייט און שמוטציגקייט האבען געשניטען זיין מענשענפריינדליך הארץ, ווי מיט מעסערם — עס פלעגט איהם אזש נור עקלען דערפון! — און ער פלעגט אבקעהרען דאס געזיכט... א, וואס ער פלעגט נע־ביך אויסליידען א ראש חדש, ווען די ארמע לייט פלעגען פערדעקען די גאנצע גאס, ווי היישרעקען! (ער פלעגט טאקי זאגען: „די הייי־שערעקען געהען שוין!“)... ער פלעגט זיך שוין בעסער איז גאס נישט בעווייזען א גאנצען טאג! (אין זיינע קראמען פלעגט מען דערווייל ענטפערן: „ניטא דער בעל הבית“) ביז לסוף האט ער אויסגע־פיהרט, אז די ארמע לייט זאלען נישט אומגעהען איבער די הייזער. אויף איין אספה פון די פני העיר האט ער פארגעלעגט, אז מען זאל מאכען א קאמיטעט, און וועלכען מען זאל טיילען נדבות די ארמע לייט.

„וואס איז ביי אייך ווערט, אז איהר וועט נישט דארפען אנ־קוקען די ארמע פּורעניות'ן?“ האט ער געזאגט צו די פּני.

אז איין ארממאן איז איין „אבגעריסענע פרעניות“, וועט דאך קיינער מסתמא נישט לייקנען, און די פני האבען גלייך פערשטאנען

דעם ווערט און מען האט געגרינדעט א קאמיטעט. ער האט פער־לאנגט א לאנג שטיק פאפיער, אויף וועלכען ער האט אויבען ביים ברעג אנגעשריעבען מיט גרויסע אותיות „חשבון האנדאוועס", נח מיט זיעבען גרייזען, און אונטער די דאזיגע ווערטער האט ער אונ־טערגעצוקט אויף רוסיש זיין מענשענפריינדליכען נאמען און נע־בען איהם האט ער רוהיג, קוועטשענדיג די פען, צוגעשטעלט די ציפער „100". ער האט א ווארף געטאן זיין בליק אויף דאס, וואס ער האט אנגעשריעבען, ווי א קינסטלער ווארפט זיין לעצטען בליק אויף זיין הערליך, שיין בילד, איידער ער לעגט אוועק דעם פענזעל. ער האט צוגעצוקט דעם לעצטען נול, פערריכט דעם ערשטען אות פון זיין פאמיליע, נאך א מאל א ווארף געטאן זיין בליק און דאן אוועקגעלעגט די פען און אויפגעהויבען דעם קאפף. ער האט זיך צו־געשפארט צום ווענטעל פון שטול און ארומגעקוקט די ארומיגע מיט דעם בעוואוסטזיין פון זיין אייגענער מענשענפריינדליכקייט...

דאס איז נאך וועניג! ער האט באלד פראיעקטירט, אז מען זאל צושיקען פושקעס אין אלע הייזער, און יעדער זאל זיין מחויב צו ווארפען אין זיי אויף די ארמע לייט.

פאר א קלייבער האט ער געמאכט זיינעם א נאהנטען קרוב, וועלכען ער האט ביי זיך אין געשעפט נישט געקאנט האלטען, וויל יענער האט געהאט צו גרויסע הענד. „אי וואלק סיט, אי קאזא צעלא," האט ער דערביי געטראכט, זיך רעכנענדיג פאר די ציג. וואסערע עניוות!...

דער „מענשענפריינד" האט זיך אין איהם פערנאנדערגע־היטצט, און ער האט געשענקט נאך הונדערט און דרייסיג רובעל פאר זיינע הונדערט און דרייסיג ארבייטער און משרתים!... ער האט זיי אפילו אבגערעכענט פון דעם געהאלט. נור דאס איז דאך קיינעם נישט נוגע! גלאט דערפון דארף קיינער נישט וויסען: ער האט דאס געלד געגעבען, און די מעשה הצדקה ד א ר ף געהן אויף זיין נאמען!

פון דענסטמאל אן האט אייז ארממאן נישט געטארט זיך בעווייזען נעבען א קראם — ער, דער מענשענפריינד, פלעגט גלייך רופען א

גאראדאוואי און הייסען אבפיהרען דעם „היישערעק“ אין פאליציי. „קיין גענוג איז זיי ניטא!“ פלעגט ער שרייען אויף די קבצנים, וועל־כע האבען זיך פון זייער זייט געקלאגט, אז זיי בעקומען פון ז'עם קאמיטעט „מכות מיט ראקעס“... אבער אלע גבירים האבען איהם געדאנקט און געליובט פאר זיין מיה לטובת הכלל. —

מען האט געדארפט צוזעהען מיט וואס פאר א שמייכעל ער האט אויסגעהערט די טענות פון זיין ווייב, די מאדאם, וועלכע האט איהם לאנג און לעבער אויסגעגעסען פאר דער נדבה. „בעל טובה מיינער,“ האט זי געשריען גאר אויף די הויכע טענער און פערקרימט זיך, „הונדערט רובעל שיינקט ער אויף די שלעפער! זאלען זיי זיך אומשלעפען איבער די הייזער, וואס געהט עס דיך אן ? !... זיי וועלען קומען צו מיר, וועל איך הייסען אראבווארפען פון אלע טרעפ!...“

„ביזט א נאר!“ האט ער איהר מיט זיין שמייכעל שטיל און קורץ געענטפערט. „פערשטעהסט קיין געשעפט נישט.“

און זי איז ענטשוויגען געווארען.

ווי איהר זעהט, איז ער אימער געלעגען אין טובת הכלל. וועז זיין זוהן, וועלכער האט געהאט צווייטע לעהאטע, איז געשטאנען צום פריזיוו און האט ארויסגענומען די ערשטע נומער, און די ניטלע־האטניקעס האבען געפאדערט פון איהם געלד, אז ניט וועלען זיי זיך צולויפען, האט דער מענשענפריינד אויסגעפיהרט, אז אלע לע־האטניקעס, ע ר ש ט ע און צווייטע, זאלען מאכען א קאסע פאר די ניטלעהאטניקעס. א, ווי מענשענפריינדליך ער האט גערעדט צו די טאטעס פון די לעהאטניקעס און איבערצייגט זיי, אז זיי זיינען מחויב צו געבען!

„איהר דארפט וויסען,“ האט ער גערעדט, „אז איך דארף געווים נישט געבען, ווארום... (ער האט בעוויזען מיט דעם פינגער זיך אויף'ן הארצען, ווי ער וואלט געזאגט: „ווארום איך בין איך!...“) נאר גלאט... א רחמנות... זיי געהען דיענען... און מיך קענט איהר דאך א ביסעל.. עט!... גיב איך אויף זיי פינף און זיעבציג רובעל, און איהר טארט ניט אבשטעהן!“

ער האט דער ערשטער אנגעשריבען אויף א לאנגען שטיק פאפיער זיין כשר'ען נאמען מיט גרויסע ציפער „75“ און דערלאנגט דאס פאפיער די איבעריגע טאטעס. צונויפקלייבענדיג דאס געלד, האט ער עס אליין צוטיילט צווישען די ניט־לעהאטניקעס. ווי מענשענפריינדליך האט ער צו זיי גערעדט בשעת מעשה!...

„ע, רעביאטא, ניטשעווא!...“ האט געקלונגען זיין מענשענפריינדליכער קול. „זארגט נישט!... איהר וועט דיענען!... סמירנא!... סטראיסיא!... כע, כע, כע!... איהר וועט האבען שצי דא קאשו.. איהר וועט דאך מסתמא עסען פון קעסעל, שקצים!... כע, כע, כע!... ע, ניטשעווא!... פון גוי'שען עסען ווערט מען געזונד!...“

ער האט צוגעקלאפט אייניגע איבער די פלייצעס, און די רעקרוטען האבען עפעס, ווי דורך א כישוף, דערפיהלט, אז עס איז טאקי „ע, ניטשעווא!“ אוועקצוגעהן דיענען אויף לאנגע יאהר מיט פיערטהאלבען רובעל אין קעשענע, וועלכע יעדער האט בעקומען פון דעם מענשענפריינד. — —

בכלל האט ער שטענדיג ליעב געהאט צו רעדען גאר פריינדליך מיט מענשען א סך קלענערע פון איהם; מען האט געדארפט צוזעהן, ווי ער פלעגט רעדען מיט זיינע דיענסטמיידלעך... נאך קיין דיענסטמיידעל האט זיך געקלאגט, אז דער בעל הבית זאל ווען עס איז זאגען א קרום ווארט — די בעל הבית'טע גראד.

זעהר פיעל האט דער מענשענפריינד געארבייט אויף אויסבעסערען די זיטען, און דער, וואס וועט איהם נאך הונדערט און צוואנציג יאהר מספיד זיין, וועט זיך מוזען לאנג אבשטעלען אויף דאס. ווער, ווי ער, האט נאך געוואוסט, וואס הייסט שלעכטע זיטען און וואו שטעקען זיי?.... ווער, ווי ער, האט נאך געוואוסט, מיט וואס מוז מען אויסבעסערען שלעכטע זיטען?!...

א שלעכטען זיט, א וואלפישען כאראקטער האט ער, צום ביישפיעל, געזעהן אין דעם ארמען ארבייטער, שניידער אדער שוסטער, סטאליאר אדער פלאטניק, וועלכער פלעגט נישט וועלען ארבייטען אויף זיין מקח. דערפאר פלעגט דער מענשענפריינד רודף'ן עד

חרמה — יענעם אין לעבען אריין. „א מענש דארף נישט האבען גרויסע אויגען!“ פלעגט ער שרייען. — „אז איינער נייט אדער בויט זיך עפּעס, וואלטען דיזע מענשענפרעסער“ — אזוי האט ער זיי גע־רופען — „וועלען רייך ווערען און אראבשינדען פון יענעם די הויט!...“

ביי איין ארממאן, א מטופּל מיט קינדערלעך — קליין — קליין — קליינער, האט זיין סרסר ארויסגעפיהרט די בהמה פון שטאל פאר פּראצענט און דעם אנדערן האט ער ארויסגעווארפען אויף׳ן גאס פון זיין קליינעם, חרוב׳ן הייזעל, וואס איז געבליעבען דעם „אנזעטצער“ בירושה פון זיין עלטער־עלטער באבען.

„א מענש, ווען ער לייט, דארף קאנען אוועקגעבען,“ האט דער מענשענפריינד זיי געענטפערט, ווען זיי זיינען געקומען בעטען ביי איהם רחמנות. „קאנט איהר נישט אוועקגעבען, האט איהר נישט געדארפט לייען!...“

ובכן — שלעכטע זיטען דארפען געשטראפט ווערען. —

ער אליין האט שוין צוויי מאל אנגעזעטצט — אבער די בוכ־האלטערישע ביכער בעווייזען שווארץ אויף ווייס, און קיינער האט נישט וואס צו רעדען. — —

די משרתים אין זיינע קראמען און די ארבייטער אין זיין פאבריק האבען געמוזט ארבייטען פון זיבען אין דער פריה ביז איינס־צוויי ביי נאכט און געהאלט האבען זיי בעקומען, קוים אויף צו דערהאלטען די נשמה. דער מענשענפריינד האט גוט איבערלעגט, אז די לייטלעך וועלען דאס איבריגע געלד און די איבריגע צייט פער־ברייגגען אויף שדים ווייסען וואס. ווי גליקליך וואלט ער זיך גע־שעטצט, ווען ער וואלט דאס געקאנט אויספיהרען מיט זיינע אייגענע זיהן, וועלכע האבען געלד, געזונד און צייט אויסגעבראכט, די גאנצע שטאדט, ניט נור שדים, ווייסען אויף וואס. אבער וואס קאן מען טון מיט אייגענע קינדער? קאן מען דען זיך שלאגען מיט זיי? —

ווען די משרתים און די ארבייטער האבען זיך איהם געקלאגט, אז זיי ארבייטען צופיעל, האט ער גאנץ רעזאניש, ווי די מעשה איז, געענטפערט, אז פון ארבייטען ווערט מען נישט קראנק. פּערקעהרט,

בּעז ווערט נאָך געזינטער. אזוי וואויל וואָלט איהם געווע׳עז, ווען ער וואָלט קאָנעז ארבייטעז — ער וואָלט דאַז געוועזעז אין פינפעז געזינטער! „נאָר אויב איך געפעלט נישט,“ האָט ער זיי צוגעגע־בעז, „טאָ קענט איהר זוכעז עפּעס בּעסערס — איך האַלט אייך נישט!“ און גלייך האָט ער זיי דערמאָנט, אז אומגעהענדיג לעדיג, וועלעז זיי צושטארבעז פון הונגער. — —

ווען די זעלביגע האָבעז זיך געקלאָגט אויף וועניג געהאלט, האָט ער גלייך געפונעז איין איינפאכעז תירוץ: „ניטאָ קיין „וועניג“! וואָס הייסט „וועניג“?! א מענש דארף קאָנעז לעבעז מיט וויפיעל עס איז! א מענש מיט פערשטאנד דארף קאָנעז איינטיילעז!... א ביסעל א וואָלוועלערע דירה... מעז עסט ניט קיין מארצעפּאנעס... עס דארף ניט אויסמאכעז, ווי מעז איז אָנגעטאָז... אזוי וועט אימער זיין גענוג!... פאר וואָס ארט מיך ניט, וואָס איך עס און איז וואָס איך גערה?!...“ האָט ער אויסגעשריעז, פערנאנדערמאכענדיג די הענד, אויף וועלכע עס האָבעז געפינקעלט בריליאנטענע רינגעז...

גאָר איינפאך האָט ער געענטפערט צו איינינע, וועלכע האָבעז זיך איהם געקלאָגט, אז צו זייער קליינעם געהאלט האָבעז זיי אָבער פיעל קינדער. „קינדער?!“ האָט ער אויסגעשריעז שטארק נשתומם. „ווער הייסט אייך קינדלעז?!... פאר וואָס האָב איך נישט קיין סך קינדער?!...“

און די ארמע האָבעז נעביך געמוזט שווייגעז, ווייל אלע האָבעז געוואוסט, אז די מאדאם וויים פון עפּעס א סגולה, אז מעז זאָל קיין קינדער נישט האָבעז. מיילא זיי זיינעז בּיי זיך גאָטס סטריאפּצעס און ווילעז נישט זייערע נשמות פערקווי־פעז, דארף ער דערפאר וואָס?!... קארמענעז זייערע קינדער?! — —

נאָך אזעלכע רעזאָנעז, א מ ת ׳ ע און ע ה ר ל י כ ע תשובות, פלעגעז די ארבייטער געווענליך נישט האָבעז, וואָס צו רעדעז, און מיט שווערעז געמיט פלעגעז זיי מוזעז לית ברירה אומקערעז זיך צו זייער ארבייט, טראַכטענדיג: ווי קאָז מעז קלייבעז כח פון אכטצעהנ־שעהדיגער ארבייט? ווי קאָז מעז זיך איינטיילעז און ניט עסעז קיין מארצעפּאנעס, ווען עס כאפּט קוים אויף ברויט מיט וואסער?...

ווי קאָן מען וואָהנען אין אַ וואַלוועלערער דירה, וועלכע איז אַזוי קאַלט און פינסטער, איינג און נאַס, און ערשט ניטאָ מיט וואָס צו צאָלען?... ווי קאָן ניט אויסמאַכען, ווי מען איז אַנגעטאָן, אַז עס איז נישטאָ קיין העמד אויף׳ן לייב?... און ווי קאָן... נאָר דאָס האָבען זיי ניט פיעל געהאַט צו טראַכטען. די איינטיילונגען מיט דער דירה האָבען אַבגעפיהרט איינינע קינדער אויף יענער וועלט און פערקלע־נערט דאָס געזינדעל, און דער געקליבענער כח האָט זיי אַליין פער־קירצט די יאָהרען. אָבער דאָס, זעהט איהר, איז שוין נישט שייך צום מענשענפריינד!... דאָס איז שוין אַ גאָט־זאַך!... אַז עס איז בעשערט צו שטאַרבען, שטאַרבט מען!...

דעם בריעף, אין וועלכען מען האָט איהם געטיטעלט „לכבוד הגביר, האדיר, הנדיב המפרסם", האָט ער געלייענט מיט אַ מינע, אין וועלכער מען האָט געקאָנט לייענען דאָס בעוואוסטזיין פון זיין אייגענער מענשענפריינדליכקייט. נור דעם בריעף, וועלכער האָט זיך אַנגעהויבען מיט דעם טיטעל „לכבוד הגביר המשכיל", האָט ער געלייענט מיט איין איראָניע־שמייכעל. פון דעם האָט מען געקאָנט פערשטעהן זיין קוק אויף השכלה, אויף בילדונג. אַלס מענשענ־פריינד האָט ער פערשטאַנען, אַז בילדונג בריינגט קיינעם קיין נוטצען נישט, אַז זי בריינגט אפילו אַ סך שאָדען — זי מאַכט אַז פיעל לעדיגע מיילער, וועלכע ווילען עסען נור פון דעם אַנדערענס הענד. מיט איין איראָניע־שמייכעל פלעגט ער קוקען אויף די גאַנצע סטאַדע „משכילים", וועלכע האָבען זיך אַרומגעדרעהט אַרום איהם יאָון געשמעקט, און דרייען איינבויגענדיג זיך פאַר איהם... ער האָט פערשטאַנען דאָס שמעקען מיט דער איינבויגענים און פלעגט זיי צוויי־טענווייס צוואַרפען אַ שטיקעל ברויט. דערפאַר זיינען אַלע ציי־טונגען פול געוועזען מיט זיין גרויסער מענשענפריינדליכקייט, און די וועלט האָט מיט איהם געקלונגען... דאָס איז, נאָך זיין מיינונג, דער איינציגער נוטצען, וואָס מען קאָן האָבען פון בילדונג.

דאָך נישט פון אַלע זיינע מענשענפריינדליכע טהאַטען, ניט פון אַלע זיינע מעשים טובים, האָט מען ביי איהם געוואוסט. קיינער

האט, צום ביישפיעל, ניט געהערט איהם בעריהמען זיך דערמיט, וואס ער גיט אייניגע דיענסטען אויף ערציהען „זייערע“ קינדער...

איך מיין !... אז צו זיינע מעשים טובים איז גאר קיין שיעור נישטא !... טאקי טויזענד איין נאכט צו דערצעהלען !...

האבענדיג הונדערטער געשעפטען, האט ער גענומען אויף זיך פון דעסטוועגען צו זיין א שליש — דאס הייסט, ביי איהם זאל מען איינלעגען געלד. ער האט געצאלט קליינע פראצענטען, פון דעסט־וועגען האט מען צו איהם געטראגען פון דער גאנצער שטאדט און אפילו פון די ארומיגע שטעדטלעך. ער איז געוועזען רעיעל, ווי אייז אייזערנער קאסטען ; די אלע איבריגע גבירים, ברוך השם, האט מען א קאפיקע נישט געטארט גלויבען. אגב פלעגען זיי נישט זיין עהר־ליכע שלישים און אפט ארויסגעבען די שלישית־געלד איין צד אליין. ער האט דאס בשום אופן נישט געטאן. „ניין, מיין טייערינקע,“ פלעגט ער רעדען צו דער ארמער כלה, וועלכע איז געקומען בעטען ביי איהם עטוואס געלד אויף חתונה־קליידער און אויף חתונה מא־כען, אז נישט איז איהר געקומען געהן טרינקען אדער הייגנען זיך, „ניין, ליעבינקע, דאס קאן איך נישט טון ! בשום אופן נישט ! אהן דעם חתן גיב איך נישט ! זעהסט דו, דאס גראד — מיינע קראמען זיינען אפען פאר דיר : קויף דיר, וואס דו ווילסט און וויפיעל דו ווילסט — איך וועל דיר שוין בארגען !“

די כלה פלעגט איהם שיער די הענד נישט קוסען — אזא טובה ! עפעס א קלייניגקייט ? ! פשוט דאס לעבען געראטעוועט !...

סחורה פלעגט זי שוין בעקומען געוועהנליך, ווי אהן געלד... נור... ער איז עפעס מחויב איהר צו בארגען ?... נאך אויסקלייבען ביי איהם און דרעהען די נאז ? !...

אז דאס יונגע פאר־פאלק פלעגט קומען נאך דאס שלישית־געלד, פלעגט ער אראברעכענען די סומע, וועלכע קומט איהם פון דער כלה מיט די פראצענטען פון דעם טאג, וואס זי האט די סחורה געקויפט, און מיט א לוסטיגען שמייכעל פלעגט ער ווינקען דער יונגער ווייבעל, ווי ער וואלט איהר געזאגט : „אהא, מיר האבען

איהם, דאָס יונגע בעקעלע, גוט אַריינגענאַרט!... יעטצט וועט ער שוין נעמען, וואָס מען גיט איהם, ווי אַ טאַטע!..." דאָס ווייבעל פלעגט טאַקי אויך אונטערשמייכלען. פאַר דער חתונה וואָלט דער חתן מאַכען אַ קאַראַאָל און וואָלט נאָך נישט וועלען געהען צו דער חופּה: מען נאַרט איהם אין נדן!

אָבגעבענדיג דאָס געלד, פלעגט ער אָנווינשען אַלעס גוטס מיט אַ סך טויזענדער. „נאָר ביז וואַנען וואָס," פלעגט ער ענדיגען זיינע ווינשעוואַניעס מיט זיין זיסען מענשענפריינדליכען שמייכעלע, „ביז וואַנען איהר וועט האָבען די סך טויזענדער, זעהט, שיט נישט מיט קינדער!... איין אָרעמאַן, וועלכער קינדעלט, איז גלייך צו אַ הונגערי־גען וואָלף, וועלכער פּלאָדיעט אַז נאָך הונגעריגע וועלפּעלעך!... אַהן אַ געלעכטער!"... פלעגט ער שוין אַרויסרעדען ערנסט, און דעם יונגען פּאָר פאָלק פלעגט זיך בייטען די פאַרב אין געזיכט.

אין דעם הונגער־יאָהר, ווען די אָרמע לייט האָבען געמאַכט אַ שרעקליכע „הכצעקתה", האָט דער רב געמאַכט איין אספה פון אַלע גבירים; ע"ר, אונזער מענשענפריינד, איז געוועזען דער פּרעזידענט, דער יושב ראש. נאַטירליך איז זיין נאָמען געשטאַנען דער ערשטער אויף דעם לאַנגען שטיק פּאַפּיער, וואָס איז געלעגען נעבען איהם און אויף וואָס די אָרמע לייט האָבען אויסגעקוקט זייערע אויגען. ער האָט אוועקגעשטעלט נעבען זיין נאָמען די ציפער „300" און גלייך אַרויסגענומען פון זיין בוזים־קעשענע אַ פּאַק מיט געלד. ער האָט אַרויסגעשלעפּט דריי הונדערטער און, קנייטשענדיג יעדע אסיגנאַציע — אויב עס איז חס ושלום נישט צוויי פּאַפּיערליך, און דערווייליע זאָל מען זעהען — אוועקגעלעגט זיי נעבען דעם רב. דער רב האָט געזאָגט אַ וואַרעמע רעדע, און די גבירים האָבען איהם שטאַרק געדריקט די האַנד. ער האָט געהאַלטען אויף זיינע ליפּען זיין מענשענפריינדליכען שמייכעל, וועלכער האָט אַרויסגעדריקט בעוואוסטזיין פון זיין מענשענפריינדליכקייט.

פאַר דאָס צונויפגעקליבענע געלד איז געבליבען אויף דער אספה צו מאַכען אַ ביליגע קראָם פאַר די נויטבעדירפטיגע און די סחורה

אויפצוקויפען ביי איהם אין די קראמען. נאר אונזערע אידעלעה, און דערהויפט נאך די „אבגעריסענע פורעניות'ן", ביי וועלכע ציי־בעלע און קנאבעל זיינען בעסער אלס מן, זיינען דאך שטענדיג נישט צופריעדען. די נויטבעדערפטיגע האבען זיך געקלאגט אויף די סחורה און אויפגעהערט צו קויפען פאר זייער בלוטיג געלד אין דער ביליגער „צדקה"־קראם. זיין געוויסען האט אבער נישט גע־קאנט ליידען דערפון — איז ער עפּעס שולדיג, ווען די „פורעניות'ן" ווילען נאך מארצעפּאנעם ? !...

* * *

איך האב גאר פערגעסען צו דערצעהלען — ער איז דאך א גרויסער חובב ציון געוועזען און א חובב ארגענטינא דערצו !...

נאר איך וועל שוין דערצעהלען באריכות — ער איז ביי מיר ווערט !

ווען עס איז געווארען אין זיין שטאדט א חברה חובבי ציון, איז דער מענשענפריינד געשטאנען פון וויטען און האט קיין איינציגען גראשען נישט געשיינקט אויף דער חברה. א מענש, וועלכער איז דורכגעקניפעלט מיט גאנץ פאליציי, מיט אלע טשינאווניקעס ביז דעם גובערנאטאר אליין, דארף זעהן אין אזעלכע חברות א עפּעס ניט קיין ריינע זאך. די מיינונג זיינע האט ער אבער נישט ארויסגע־זאגט הויך. „זאלען זיי זיך צולויפען, די קבצנים, וועט עפּעס ווערען א ליכט אין די אויגען !..." ער האט געהאלטען נייטראליטעט, דעם מיטען, נישט אהין און נישט אהער.

נור פלוצלינג איז ער א חובב ציון געווארען, אבער טאקי גאר פלוצלינג, אז קיינעם האט זיך עפּעס נישט געגלויבט.

איינמאל האט ער ערהאלטען א מליצה־בריעף פון א גרויסען חובב ציון, וועלכער האט געוואלט מיט איהם האנדלען און ביי וועל־כען ער, אונזער מענשענפריינד, האט געוואלט האבען א גרויסען קרעדיט. „אונזער אלטע מוטער ציון האט אויסגעשטרעקט איהרע אלטע דארע הענד אום אומצוארמען איהרע ארמע קינדער, וועלכע זיינען פון איהר אבגעריסען געווארען און ביינאהע צוויי טויזענד יאהר, אז זיי זיינען נע ונד און האבען נישט, וואו אנצושפארען דעם

קאַפּ!..." האָט יענער געמליצה'ט און איבערצייגט, אַז עס איז אַ חוב, אַז ער, דער גרויסער, וועלטבערימטער מענשענפריינד, וואָס „דער ריח פון זיין נאָמען קלאַפּט פון איין עק וועלט צום אַנדערען." זאָל צושטעהען צו דער חברה און זאָל צובריינגען נאָך חברים. דער מענשענפריינד איז לכתחילה ווי ברגז געוועזען אויף דעם בריעף. „יענער האָט הפנים נישט וואָס צו טון!" האָט ער געמורמעלט. נור ווי ער האָט איבערגעלייענט דעם „פּאָסט־סקריפּטום", דעם „עיקר שכחתי", איז איהם אָבגעגאַנגען דער כעס — און ער איז געוואָרען אַ חובב ציון. אין דעם „פּאָסט־סקריפּטום", זעהט איהר, איז דוקא קיין מליצה נישט געוועזען און גאָר קיין וואָרט נישט וועגען ציון—עס זיינען דאָרט געוועזען נור עטליכע מקחים פון אייניגע סאָרטען סחורה — מקחים נור איהם צוליעב; און ווייטער איז געשטאַנען, אַז ער קאָן מאַכען די וועקסלען אויף וועלכע טערמינען ער וויל — און ער איז געוואָרען אַ חובב ציון... נאָך וואָס פאַר אַ חובב ציון — מיט ליכט צו זוכען! דער מענשענפריינד איז איז אַלעם איין ערשטער! ער האָט זיך אַליין פערשריבען אויף אַ פיינע נדבה און אָנגעהויבען צו צובריינגען חברים.

ער האָט געמאַכט איין עקסטרא־אספּה פון די שטאָדט־גבירים און פאַרגעלעגט זיי צו ווערען מיטגליעדער. יענע האָבען איהם פערשטוינט אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטען געזאָגט: „אַ נייער חובב ציון!" — זיי האָבען פּשוט זייערע אויערען נישט געגלויבט. ער האָט זיי פערשטאַנען.

„וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן?" האָט ער געפרעגט, „איך בין פון אייביג אָן אַ חובב ציון געוועזען... איך האָב מעהר נישט זעהר פיעל נאָכגעדענקט, איבערגעטראַכט!... מיר זיינען דאָך עפּעס סוחרים, האַ? עפּעס טוט זיך עס „ברוך, איך האַנדעל!", וואָס?!... גלאַט אַזוי געכאַפּט און געוואָרען מעשה־יונגעל, וואָס?!..."

„האָט איהר דערקלערט, אַז מען דאַרף זיין חובבי ציון?"

„אַ וודאי! ניט נור מען דאַרף, זאַנדערן מען מוז!... און איך האָב זיך פערשריבען אויף..." ער האָט אויסגעשריען די ציפער און שוין געגלויבט, אַז ער האָט אַלע קשיות פערענטפערט.

„ווארום אבער מוז מען?“ האבען זיך געעקשנט די גבירים.

„ע!... ע!... ע!...“ האט ער זיך לאנגזאם געקרימט. „ווארום?!... פאר וואס?!... פאר ווען?!... קינדער זייט איהר, וואס?!... איהר שפיעלט דען מיט מיר קאמענדרע, וואס?!... וואס בין איך א קליין אינגעל, צו וואס?!... וואס פרעגט איהר, וואס, פערשטעה איך נים?!“

ער האט שוין גערעדט מיט הארץ און איז רויט געווארען. די גבירים זיינען אבער געשטאנען אויף זייערם און האבען אפילו אונ־טערגעשמייכעלט.

„א!“ האט ער אויסגעשריען, נישט געפינענדיג קיין תירוץ, און איז אונטערגעשפרונגען אויף זיין ארט. ער האט זיך אנגעהויבען דערמאנען, וואס דער חובב־ציון האט איהם געשריעבען — נאטיר־ליך, נישט די „צוליעב“ מקחים. „וואס פערשטעהט איהר נישט? שוין מעהר אלס צוויי טויזענד יאהר, אז אונזער אלטע קראנקע מו־טער ציון איז פון אונז אבגעריסען געווארען און איז נע ונד און גע־פינט ערגיץ נישט קיין רוה!...“

ער איז אבגעגאסען געווארען מיט שוויים ארויסשרייענדיג דאס. ער האט זיך גלייך אבער געכאפט, אז עפעס האט ער געזאגט אזוינס, וואס נישט געשטויגען, און דערמאנט זיך, אז ער האט אנ־געגרייט פון די גבירים'ס וועגען גאר אנדערע דבורים. „און גלאט,“ האט ער געזאגט, „אז איך האב מיך פערשריבען, מאגט איהר אייך אויך פערשרייבען, און איך זאג אייך, אז איהר זאלט אייך פערשרייבען!“ די לעטצטע ווערטער האט ער צוגעקוועטשט, און זיי האבען שטארק געווירקט אויף די גבירים — און יענע זיינען געווארען „חובבי־ציון“...

זיינע „משכילים“ האבען גלייך אוועקגעשיקט קארעספאנדענ־ציעס אין די צייטונגען, אז אין זייער שטאדט פראגרעסירט, שטייגט, וואקסט, בליהט די פאלעסטינישע אידעע. אלע גבירים זיינען צוגע־שטאנען צו איהר און דאס האט מען צו פערדאנקען דעם גרויסען גביר און מענשענפריינד, וועלכער ווייזט ארויס גרויסע פעהיגקייטען

פון א גרויסען אגיטאטאר, א שרעקליכען טוער, א ברענענדיגען אונ־טערטרייבער...

די חברה „בני ציון“ פון זיין שטאדט האט געשיקט צו איהם א דעפוטאציאן, וועלכע האט איהם דערלאנגט א מליצה־בריעף מיט דאנק פאר די אהבת ציון, וועלכע ב ר ע נ ט אין זיין ברוסט... פון דעם בריעף האט ער זיך שיער ניט פערנאנדערגעוויינט — אזוי האבען די דעפוטאטען נאכדעם דערצעהלט — און מיט א ריהרענדען טאן האט ער געבעטען די דעפוטאטען זיטצען...

די גאנצע פאלעסטינישע וועלט האט געפייערט, געקוואלען — דאס איז שוין נישט נאר אתחלתא דגאולה — דער אנהעב גאולה — דאס איז שוין די גאולה טאקי אליין... פון פיעלע שטעדט האבען זיך אנגעהויבען שיטען צו איהם בריעף; זיין נאמען איז געווארען בעוואוסט אין דער מדינה, און — זיין לייזונג און קרעדיט האבען זיך פערגרעסערט...

טאקי וואונדערבארע אגיטאטארישע, טוערשע, אונטערטריי־בערשע פעהיגקייטען האט ער ארויסגעוויזען און שטארק פערברייט די אידעע!

ווען ער האט זיך וואס געקויפט, טאקי גאר פאר א קלייניגקייט, האט ער אראבגענומען ביי דעם פערקויפער א נדבה אויף ציון. דאס געלד האט ער דאך געדארפט צאלען, האט ער אראבגענומען וויפיעל ער האט געוואלט. דער פערקויפער פלעגט גלייך מודיע זיין, אז ער איז גאר קיין חובב ציון נישט און ער וויל גאר נישט געבען.

„ווי ביזט דו עפעס קיין חובב ציון נישט?!...“ פלעגט אויס־שרייען דער מענשענפריינד. „ביזט א גרויסער שייגאץ, ווען דו ביזט קיין חובב ציון נישט!... איך וועל ביי דיר מעהר נישט קוי־פען!... פע!...“ און פלעגט כאפען זיין פעקעל און ענטלויפען, ווי פון איין אנשטעקענים, לאזענדיג דעם פערקויפער גאנץ נשתומם.

ווען מען האט ביי איהם עטוואס געקויפט, האט ער גענומען פון דעם קויפער א נדבה, דערהויפט נאך, ווען ער האט דעם קונה גע־דארפט געבען אויסגאב. אז דער פלעגט זיך אויך אבזאגען פון

ציון, פלעגט איהם דער מענשענפריינד אנהעבען צו מוסר'ן מיט זיין ווייכען טאן: „פע, ד'לעבען!... ווי זאגט דאס א איד, אז ער איז קיין חובב ציון נישט?!... וואס ביזט דו דאס עפעס?!..."

„עט," האט געענטפערט דער קונה, וועלכען דעם מענשענפריינד'ס מוסר האט עטוואס געריהרט, „איך האב טויזענדער לעבער, וואו איך קאן געלד פערשטעקען, א חוץ ציון!"

„דאס איז קיין תירוץ נישט!" איז געווען זיין ענטפער, „איך האב מיליאנען לעבער, פון דעסטוועגען גיב איך אויף ציון אויך!... א מענש דארף טראכטען א ביסעל וועגען כלל אויך!..."

ווען דער קויפער אדער פערקויפער פלעגט איהם זאגען, אז זיי געבען אויף ציון שוין די והותר, איבערגענוג, און ער בעדארף ביי זיי נישט נעהמען, האט ער געהאט א תירוץ, אז אויף ארץ ישראל איז נישטא קיין גענוג. „וואס הייסט אויף ציון גענוג?!" פלעגט ער רעדען ברוגזליך, פערנאנדערמאכענדיג די הענד. „פאר וואס איז איך נישט גענוג צו עסען?!"

נאטירליך האט ער זיינע משרתים און ארבייטער אויך נישט דורכגעלאזען. „פאר וואס זאלען זיי נישט צושטעהן צו דער מצוה?" זיי זיינען אפילו נישט געווען צופריעדען דערמיט, האבען זיך געקלאגט — נור ער האט ביי זיי נישט געפרעגט!... „שקצים, טראכטען נאר וועגען עולם הזה, נאר וועגען דער אייגענער קישקע!"...

די אלע נדבות זיינען געגאנגען אויף זיין נאמען — ווען ער וואלט נישט גענומען, וואלטען דאך יענע נישט געגעבען. און ביז א קאפיקע — הערט איין עהרליכקייט! — פלעגט ער אבשיקען צו דער חברה חובבי ציון, כאטש עס קאן זיין, אז דער פערקויפער האט ביי איהם גענומען איבריגע, אדער דער קויפער האט ביי איהם צו וואלוויל געקויפט....

און זיין נאמען איז געווארען אומעדום הייליג, און די יונגע בני ציון פלעגען איהם ארויסרעדען בהדרת הכבוד, מיט גרויס דרך ארץ... און די בלעטער זיינען מיט איהם פול געווען — און דער קרעדיט האט געשטיגען און געשטיגען...

אזוי איז דאס געגאנגען, ביז ארגענטינא איז ארויסגעטראטען אויף די סצענע. דער מענשענפריינד האט דערזעהען פאר זיך א נייע פעלד, וואו מען קאן גוטס טון. דאס הייסט, א נייע פעלד, אויף וועלכען מען דארף ארבייטען אין איינעם מיט די גרעסטע גבירים פון רוסלאנד און מען האט די מעגליכקייט צו ווערען א נאהענטער קרוב צו באראן הירש... איז גיכען האט די גאנצע שטאדט געוואוסט, אז ער וועט זיין דער ראש פון הירש'ס קאמיטעט ביי זיי, און אלע האבען אנגעהויבען צו קריכען פאר איהם אויף אלע פיער, אבי נור נושא חן צו זיין ביי איהם — ער זאל אוועקשיקען אין ארגענטינא. אלע בעלי מלאכות האבען אנגעהויבען צו ארבייטען אויף איהם כמעט, ווי אומזיסט.

„ווילסט אין ארגענטינא?“ פרעגט ער איינעם, „טא זיי א מענש, וועסט דו זיטצען אין סכה!...“

יענער טוט שוין אלץ, אבי נאר צו זיין א מענש אין די אויגען פון דעם גרויסען מענשענפריינד.

אבער פריער פון אלעמען וועט ער ארויסשיקען א פאר אלטע קרובים... זיי טויגען אפילו נישט צו דער ערדארבייט — אבער זיי וועלען שוין טויגען!... אויף וואס דען דארף ער זיי האבען נעבען זיך די טויגעניכטסען?!

נור די חברה בני ציון איז איבערראשט געווארען פון זיין ארגענטינאפילסטווא. זי האט צו איהם געשיקט א דעפוטאציאן און טאקי די זעלבע, וועלכע האט איהם בעגריסט מיט פאלעסטינאפילסטווא און וועלכע ער האט געבעטען זיטצען...

„ביי מיר איז אלץ איינס — פאלעסטינא און ארגענטינא!...“ האט ער געזאגט דער דעפוטאציאן. „די ממשלה האט מתיר גע־מאכט ביידע זאכען, דארף קיין חילוק נישט זיין!...“

„אבער פאלעסטינאפילסטווא, אהבת ציון?!...“ האבען אויס־געשריען די דעפוטאטען. „די נייבעלעבונג פון אונזער פאלק אין דעם לאנד פון אונזערע עלטערן?!?... א חובב ציון דארף מיט אלע מעגליכקייטען שטערען דער ארגענטינער אידעע, וועלכע...“

„וואס?!?... שטערען?!...“ האט ער אויסגעשריען און אויס־

געגלאַצט די אויגען. „די ממשלה האָט בעפאָהלען, און איהר ווילט שטערען?!... וואָס זייט איהר?... סאָציאַליסטען זייט איהר?!?!... און וואו בין איך, וואו?!!... איך וועל אייך בעווייזען אזא שטערען!!... מארש, סנעקעס, קרעטציגע יונגלעך!!..."

ער האָט זיי אויפגעעפענט די טיר און דעם לעטצטען מכבד געוועזען מיט אזא „הינטערפלעטצעל", אז יענער איז קוים איינגעשטאַנען אויף די פים...

„אז איהר וועט אָנהעבען צו מאכען קונצען," האָט ער זיי נאָכגעשריען, „זאָלט איהר וויסען, אז איך בין איך!!..."

.1892

אַ פרעהליכער גביר.

ביי אפרים קעלטער, דעם גבאי פון משרתים־קלויז, לעגט זיך די שטוב. ער האָט אַ חזקה, אַלע שמחת־תורה פעררופען צו זיך דעם גאַנצען שול־עולם אויף ברכה, און איז זיך משמח ווי גאָט האָט געבאָטען. די געסט קריכען פון דער הויט משמח צו זיין זייער גבאי. מען זינגט, מען טאַנצט, מען גלייכוועלטערט זיך צום קראַנק־לאַכען.

נור אפרים'ס ווייב חוה איז זעהר נישט צופריעדען מיט דעם מאַנ'ס געסט, און איין אַנגעבלאָזענע דערלאַנגט זי דעם כיבוד.

„ער האָט אַנגעשלעפּט אַ פולע שטוב מיט שיכורים, און גיב זיי אַלץ אַוועק! און אַז עס וועט קומען אַ רעכטער מענש, וועט נישט זיין וואָס צו געבען,“ בורציעט זי פאַר דער דיענסט אין קיך.

דער „רעכטער מענש“ איז זלמן יאַסעלזאָהן, דער גביר פון שטעדטעל, אפרים'ס אַ וויטער קרוב.

נור אפרים געהט נישט אריין אין זיין ווייב'ס חשבונות און קאָמאַנדירט יעדע ווילע, צו דערלאַנגען דאָס אָדער יענעם. חוה איז אויסער זיך.

„אַך, איך וועל עס נישט אויסהאַלטען! ער וועט נאָך באַלד הייסען דערלאַנגען די כרעמזלעך.“

און די כרעמזלעך זיינען דער בעסטער כיבוד ביי יאַסעלזאָהנען. ער האָט שוין איינמאָל געזאָגט, אַז אפילו פון אונטער די הרי חושך וואָלט ער געקומען עסען איהרע כרעמזלעך.

„עס מאָג זיין, וואָס עס וויל, איך וועל מעהר גאָר נישט דערלאַנגען. זאָל ער דאַרטין שרייען, איך וועל איהם נישט אַנהעבען צו הערען,“ בעשליעסט זי.

„חוה, וואָס דערלאַנגסטו נישט דעם פּוטשיי?“ הערט זיך דעם מאַנ'ס קול.

„איך כאפּ טאקי און גיב, ווארט א ווײַלע!" שיפּעט זי פאר זיך.

זי שטעלט זיך הינטער דער טיר און ווינקט צום מאן מיט כעס, ער זאָל אויפהערען צו בעטען.

אפרים זעהט נישט איהר ווינקען און, אז ער דערוואַרט זיך נישט אויף איין ענטפער, געהט ער ארויס צו איהר אין קיך.

„וואס קען מען זיך דיך עפּים נישט דערשרייען?" ווארפט ער איהר פאר מיט רוגזה.

„און אז זלמן וועט קומען, וואס וועל איך איהם געבען? די נשמה?" צושיפּעט זי זיך מיט אויסגעשטעלטע בייזע אויגען.

„פּטור, נו, דערלאנג!" — ער רעדט עס ארויס זעהר שוואך און געהט גלייך ארויס פון קיך.

„איך כאפּ טאקי און דערלאנג!" — זי פּיהלט, אז זי האט גובר געווען. —

די גאסטיר ענדליך עפענט זיך ברייט פערנאנדער און זלמן יאסעליזאהן, א הויכער יונגער מאן פון א יאהר דרייסיג, רייסט זיך אריין. מיט דער ווייב און מיט א גאנצער סוויטע. פון ביידע זייטען דונערט אויף א „גוט יום טוב!" און אויף חוה'ס פּנים צוגיעסט זיך א גליקליכער שמייכעל.

יאסעליזאהן איז שוין א ביסעל „פרעהליך". די אויגען פינקלען, דאס פּנים איז רויט און שמייכעלט גנב'יש צו. ער בלייבט שטעהן אין דער טיר פון זאל, דעם צילינדער פעררוקט ביז'ן נאקען, און מושטירט דורך דעם עולם. מיט דעם בליק פון א פעלדמארשאל, פון א בעפעהלהאבער. מיט דעם בעוואוסטזיין פון זיין העכערער שטעלונג, פון זיין מאכט איבער דעם גאנצען משרתים־עולם.

„וואס הערט מען עפּים ביי אייך קיין אידיש ווארט נישט, גוים! תשעה באב איז היינט צו וואס?" צושרייט ער זיך שקאצעקעוואטע. „מען טאר דאך אייך אין א אידיש שטוב נישט אריינלאזען! שוין זאלט איהר מיר געהן א טענצעל!..."

און ער כאפּט אן איינעם פון די געסט און פערוואַרפט מיט איהם די רעכטע הענד אויף די רעכטע אקסלען, און העבט זיך אן צו דרעהען מיט איהם, און שלעפּט צו נאך עטליכע מענער, און נאך

אנדערע ווארטען נישט, ביז ער וועט זיי צושלעפען — און באלד ווערט א ראד פון אנדערטהאלבען מנינים, פון וועלכען דער הויכער יאסעלזאהן שטעקט ארויס מיט זיין צילינדער ווי א קוימען.

דער גאנצער עולם זינגט, די טאנצענדיגע און די צוקוקענדיגע און די צוקלאפענדיגע מיט די הענד. אבער יאסעלזאהן שרייט אלעמען אריבער און טרייבט אונטער דעם עולם צו די העכסטע טע־נער. „העכער! העכער! לעבעדיגער! לעבעדיגער!"

און ער טרייבט און דרעהט די טענצער מיט זיין גאנצער טרייב־קראפט. ער טיילט אויס קלעפ אויף די נאקענס רעכטס און לינקס און דרעהט די טענצער איז איין אינפעט. און אלע בויגען זיי אז די נאקענס אונטער זיינע קלעפ און שפרינגען און דרעהען זיך, אומ־ווארפענדיג מיט די קעפ און די פיס און אלע אברים, יעדער נאך זיין איינפאל און נאך זיין קראפט, שווער אטמענדיג, פערסאפעטע און בעגאסענע מיט שוויים. —

חוה זיטצט נעבען דער גבירה און קלייבט נחת. „א, כי, כי, כי!" און ווינקט דער גבירה מיט חניפה אויף יאסעלזאהנען.

„א משוגענער!" ענטפערט די גבירה, נישט צופריעדען פון דעם מאנ'ס אויפפיהרונג.

נור חוה שמייכעלט אלץ חניפה'דיג. און זי קאן גאר די אויגען נישט אברייסען פון איהם, און שווער שטעהט זי אויף פון איהר ארט אויף צו צוגרייטען דעם כיבוד פאר יאסעלזאהנען. —

די טענצער העבען אן אבצושטעהן איינציגווייס פון יאסעלזאה־נען. מידע, פערקייכטע און לאכענדיגע.

„ווער קאן דאס גאר מיט איהם אויסהאלטען?" לאכען זיי. „צו איהם דארף מען גאר האבען אייזערנע פיס!" און זיי בעטאפען זיך די נאקענס.

און ער דרעהט זיך נאך אלץ. ער איז איז עקסטאזע, איז התלהבות. עס טאנצט און זינגט איז איהם. אבער נישט ווייל שמחת תורה, נור ווייל עס געהט איהם גוט. איין יאהר איז בעסער פאר דאס אנדערע, און דאס קומענדיגע פערשפרעכט צו זיין נאך גלענצענדער. און עס שרייט און זינגט און טאנצט איז איהם דאס

גרויסע גליקסגעפיהל, דאס יובעלנדיגע, ליהודים'דיגע בעוואוסטזיין פון זיין וואקסענדער מאכט.

אבער אויך דאס בעוואוסטזיין, אז ער איז דא דער איינער, דער איינציגער; אז דא קאן ער טוהן, וואס ער וויל, וואס עס פאלט איהם נור איין. איז דער היים וואלט דאס ווייב נישט געלאזען אזוי משגע זיין, און מיט זיינם גלייכען וואלט ער ווידער נישט געקאנט אזוי איבערקערען די וועלט. יעטצט אבער...

„העי, א ווארע מאכט, אויך מיר הוליאקעס! אז איהר קאנט נישט טאנצען, וועל איך אליין טאנצען!"

און ער לאזט זיך טאנצען א האפקעלע. היטציג, פייערדיג, מיט דעם קאנען פון א מאלאראס און דעם ברען פון א גליקליכען.

ביי די לעטצטע שפרינג כאפט ער אן זיין פרוי. א יונג „שטיק גראב פלייש", וועלכע ער ליעבט טיעריש-תאוה'דיג. אבער זי שפארט זיך איין און וויל נישט געהן, און ער דרעהט זי מיט געוואלט. דא האט ער פאר איהר אויך קיין מורא נישט.

„לאז אב, משגענער!" שרייט זי ברגזדיג און רייסט זיך פון איהם.

ער לאזט זי נישט אב. „חוה!" שרייט ער אויס.

חוה שניידט קישקע איז קיך און שמייכעלט.

„חוה!" שרייט ער אויס נאך העכער.

„איך געה! איך געה!" ענטפערט חוה מיט א גליקליכען געלעכטער. זי ווישט אב געשווינד די הענד מיט'ן פארטוך און לאזט זיך אין זאל.

יאסעלזאהן כאפט זי אן מיט דער לינקער האנד, מיט דער רעכטער האלטענדיג זיין ווייב. ביידע ווייבער רייסען זיך פון איהם.

„וועסט שוין אבלאזען, משגענער!" בייזערט זיך זיין ווייב.

„א!" מאכט חוה און פערבויגט דעם קאפף פאר געלעכטער. — —

„אט געהט משה!" רופט עמיץ אויס, דערזעהענדיג פון פענסטער דעם אלטען משה, יאסעלזאהנ'ס א משרת.

„וואו איז ער, דער פארד?" שרייט אויס יאסעלזאהן, לאזט אב

די ווייבער און לויפט צום פענסטער. ער האט דערשמעקט נייע הוליענים.

„משה!“ שרייט ער אוים אויף די גאנצע גאס. „אהער! אבער נישט פון טיר, נור דורך דאס פענסטער.“

אין פענסטער העבט זיך אן צו דראפען א גרוי בארד־און־פאות, און דערנאך שפרינגט אריין אין צימער איין אלט, קליין אידעל.

„וואו ביזט דו דאס געוועזען, אלטער יונגאטש?“ פאלט אויף איהם אן יאסעלזאהן און כאפט איהם פאר'ן בארד. „דו האסט דאך עובר קריאת שמע געוועזען.“

דער „אלטער יונגאטש“ מאכט א געזיכט פון א בעל תשובה און קלאפט זיך אין הארץ אריין „אשמנו“.

עס ווערט א געלעכטער.

„דאס איז ווייניג! א קנאפע תשובה!“ וויטצעלט יאסעלזאהן און האלט נאך דעם אלטען פאר'ן בארד. „דו שטעל זיך אויף'ן קאפף און מיר וועלען „זאגען“ א ניגון.“

ער העבט אן, די געסט כאפען אונטער, און דער אלטער משה שטעלט זיך אויף'ן קאפף, געהט אויף די הענד, קויקעלט זיך און ברעכט זיך, אלץ מיט א מיענע פון א בעל תשובה.

אבער יאסעלזאהן שטעהט נישט רוהיג. צוערשט זינגט ער און פאטשט צו מיט די הענד. און באלד לאזט ער זיך ווידער טאנצען. דעם גוטען ראק אראב פון זיך, דעם צילינדער אויף'ן טיש, די ארבעל פון דעם שניי־ווייסען אויבערהעמד פערקאטשערט. און עס געהט א ווילדער טאנץ ארום משה'ן, מיט ברעכענים און קוליענים. און משה האפקעט זיך רוהיג, געלאסען, מיט א פרומער מיענע, מיט פערגלייסטע אויגען. און דער עולם זינגט צו און טאפעט צו און לאכט צו, מיט דער אונטערטעניגסטער מיענע, מיט התפעלות פון דעם גביר.

נור ווייניג איז נאך יאסעלזאהנען. ער האט נאך נישט אויס־געטאנצט זיין פול הארץ. און ער גיט זיך א לאז אין קיך, פאלט צו צום אוייוועז, כאפט ארוים דעם יויך־טאפפ, טאנצט מיט איהם אריין אין זאל און גיעסט איהם אויס אויף דער פאדלאגע.

יעטצט איז די שמחה פאר פול. יאסעלזאהן גליטשט זיך איז דער אויסגעגאסענער יויך, און אלע גליטשען זיך מיט איהם. און יאסעלזאהן שפרינגט ווי א באק, שרייט, קאמאנדעוועט, פיהרט איין אויסגעדרעהט רעדעל פון צימער אין צימער, קריעכט איבער די טי־שען, שלאגט ארום זיך מיט די פויסטען, רעש'ט ארוים פון זיך זיינע געפיהלען. און דער עולם מיט איהם און נאך איהם. מען שפרינגט ווי די בעק, מען שרייט און מען ליארמט און מען קריעכט אויף די טישען. — — —

אומעטיג ווערט די דיענסט.

„אך, זיי וועלען מיר איבערפיהרען די פארלאגע, אז איך וועל מיך נישט קאנען דערוואשען.“

חוה ענטפערט איהר גיפטיג.

„גוט, גוט! האסט שוין מורא! ועסט דיך נור איבעראַרבייטען!“

און זי קייקעלט זיך פאר געלעכטער פון יעדען שטיק, וואס איהר רייכער קרוב טוט איבער. — — —

נור אט טוט ער זיך א ווארף אויף א שטול. א פערמאטערטער, א קוים אטמענדיגער. ער קוקט מיט א ברייטען געלעכטער ארום זיך און קאן קיין ווארט נישט ארויסרעדען.

און אלע סאפען, און אלע קייכען, און אלע פנים'ער לאכען.

זיין ווייב טראגט איהם צו דעם ראק.

„קום שוין א היים, משגענער!“

ער לאכט אזוי תמעוואטע, אבער באלד נעמט ער זי ארום מיט א טיעריש־תאווה'דיגען בליק און קריעכט אין דעם ראק.

און אלע העבען זיך אן פערנאנדערצוגעהן. מעהר אדער ווע־ניגער בעטרונקען; מעהר אדער ועניגער מיד. אבער אלע מיט'ן ברייטען שמייכעל אויפ'ן געזיכט און מיט'ן בעדריקענדיגען געפיהל אין הארצען, אז אייגענטליך איז מען נישט געוועזען פרעהליך, ווייל מען איז נישט געוועזען פריי, ווייל אויף אלעמען איז געלעגען דאס יאך פון דעם פרעהליכען גביר. —

— — —

ביי אפרים'ען איז שטוב איז ווי נאך א פאגראם. צובראכענע

שויבעז, טעלער, גלעזער וואלגערן זיך איז אלע ווינקלעך. די פאָד־לאָגע איז קויטיג, דאָס מעבעל צוטראָטעז, און צוויי שטולעז זיינעז צובראָכעז. נור חוה איז צופריעדעז. זי יאָגט אפילו נישט די דיענסט אויפצורוימעז דאָס צימער. זאָל מעז זעהז, ווי דער גביר האָט ביי זיי געהוליעט.

„א, וואָס דער זלמן האָט דאָ היינט א ביסעל די וועלט איבער־געקערט!“ דערצעהלט זי איהרס א שכנה, און פערלעגט די הענד אויפ'ן הארצעז מיט גאוה און שפּארט זיך אָז אָז וועגטעל פון שטול. „קיין זאך איז איהם נישט צו קליין געוועזעז. ער האָט דאָס מיך אָנגעכאפּט טאנצעז, דרעהט מיר נאָך איטצטער איז קאָפּ. אָט א הוליאקע! דאכט זיך אזא גביר — און גאָר א פּראָסטער אידישער מענש!...“

.1894

פון דער לייטער אַראָב.

(נאָך ווינטערהיעלם.)

די אידישע באַראָנעסע כאַפּלאַפּ איז געוועזען נישט אין גוטען הומאָר. דאָס איז צו שוואַך געזאָגט געוואָרען. זי איז געוועזען אין טייוולאָנישען הומאָר — דאָס איז שוין כמעט ריכטיג. זי איז געוועזען אין אַ טייוולאָנישען הומאָר און, ווען זי וואָלט געקאָנט, וואָלט זי דערטרונקען די גאַנצע וועלט אין אַ לעפעל וואַסער, אין דעם אייגענעם לעפעל, פון וועלכען זי האָט שוין אַ פּאָר טעג דורך אַנאַנד נישט געקאָנט אַראָבשלינגען אַ ביסעל געשמאַקסטען בוליאָן, ווייל איהר איז נישט געגאַנגען אין האלז, ווייל זי איז געוועזען אין אַ טייוולאָנישען הומאָר. די סבה פון איהר ביטערן הומאָר איז געוועזען צו וויכטיג, מען זאָל זי קאָנען לייכט אַראָבשלינגען. אויף דעם באַל ביי גראַף האָהענשטיין האָט מען זי אַנגאַזשיערט ערשט צו דער פיערטער קאַדריל און נישט פאָרגעשטעלט דעם הערצאָג מיט זיין פרוי, וואָס זיינען געוועזען אויפ׳ן באַל.

דאָס איז טאַקי געוועזען אַ שרעקליכע בעליידיגונג. פאַר וואָס? פאַר ווען?

דעם טיטול באַראָנעססע האָט זי נאָך געירשנט פון איהר פאָטער. ער, עליו השלום, איז געוועזען אַ גרויסער קאָפּף־מענש. ער האָט אָנגעהויבען, ווי מען זאָגט, מיט די פינף פינגער. נור דער שכל האָט איהם אונטערגעזאָגט דריי זאַכען: אַ גוט אויג, געשיקט זיין און... כאַפּען — און ער איז מיט דער צייט געוואָרען פון די גרעסטע אונטערנעמער, פון די גרעסטע פאָדריאַדטשיקעס, און האָט געבראַכט זעהר פיעל נוטצען דעם פאָטערלאַנד. פאַר איהם האָבען זיך אויפגעעפענט אַלע טירען און אַ סך פון די גרויסע שררות

האבען זיך אנגעהויבען מיט איהם אפט עצות האלטען וועגען זייערע געפאלענע עסקים. בקיצור — ער איז געווארען א בארזן.

זיין טאכטער איז שוין א געבארענע באראנעססע. איהר בלוט איז שוין ריין באראניש בלוט — און פלוצלונג אזא בעליידיגונג! אמת, איהר מאן האט דערגרייכט צום טיטול ב א ר א ז צוליעב דעם שווער... זי האט פערשאלטען דעם טאג, וואס זי האט נאכגעגעבען דעם פ א פ א און חתונה געהאט מיט א אידען. וואלט ער איהר דען נישט געקאנט קויפען דעם ערשטען בעסטען גראף? אידישקייט אדער אידען האבען איהם דען געארט? ער האט מעהר נישט דאס געלד געקארגט!...

נור פאר'ן מאן זאגט זי עס נישט ארויס.

„איך זאג דיר," קלאגט זי זיך פאר איהם, פאהרענדיג א היים פון באל, „אז מען טאר די אלע גראפען און באראנען אויף דער שוועל נישט לאזען. זיי זיינען ערגער, איך ווייס נישט פאר וועמען. ז י י מאכען אויך א הילוק „אידען-קריסטען". זיי דארפען דאך ג ע ו ו י ס וויסען, אז ווען מען זאל גוט בעטראכטען, זיינען אידען די גרעסטע יחסנים."

דער מאן האט איהר גאר נישט געענטפערט. ער איז געווען שטארק פערנומען מיט זיינע געדאנקען: ער האט בעטראכט, וועמען זאל ער איינלאדען צום מאלצייט, וואס ער וועט געבען, צוליעב דעם ארדען, וואס ער וועט היינט-מארגען בעקומען.

און ווען די בארא‏נעססע איז געווען אין טייוואלעטישען הור־מאר, האט ער איהר פארגעשטעלט א צעטעל פון די, וועמען ער קלערט איינלאדען. מיט איין אנגעקנייטשטער שטערן און מיט א רויטען בליישטיפט אין דער האנד האט זי גענומען איבערקוקען דעם צעטעל. פלוצלינג האט זי זיך האסטיג א ווארף געטאן מיט'ן גאנצען קערפער, געווארען רויט ווי צונטער און די אויגען האבען גע־שאטען מיט פונקען. זי האט א ווארף געטאן דעם צעטעל אויפ'ן טיש און אנגעהויבען האסטיג צו פיהרען מיט דעם בליישטיפט אויף איין ארט.

דאס איז געווען די פאמיליע פון א אידישען סוחר, פון וועלכען

איהר מאן האט זייט ער לעבט טובות געהאט.

„וואס איהם קאן איינפאלען?“ האט זי זיך צורעדט. „גראפען און בעראנען און א פראסטער זשיד! אז דו וועסט מאכען א באל פאר אידען, מאגסט דו איהם דעם ערשטען רופען, אפילו דעם גאנצען אויבען־אן אוועקגעבען! אבער מיט גראפען, בעראנען?!... אט, דאס איז דאך די מעשה, וואס איז קאן דיך נישט אבגעוועהנען פון דיינע אידישע שטיק! ווי לעגט זיך דיר דאס גאר אויפ'ן שכל? מילא, איך וואלט נאך קאנען איינרעדען איינעם פון די איידעלליט, ער זאל זי, די זשידאווקא, צופיהרען צום טיש — א מאנסביל וועט זיך גראד אזוי נישט בעליידיגען. אבער ער, דער זשידלאק, זאל צו־פיהרען איינע פון די גראפארטיגע דאמען? דאס וואלט שוין גע־ווען פון די גרעסטע בעליידיגונגען! יענע וואלט מיר געווארען א דם שונא! און איך אליין וואלט דאס אודאי נישט וועלען, אז ער זאל מיך צופיהרען צום טיש...“

„ביי אונזער בעראן איז היינט א באל און אונז האט מען נישט גערופען,“ האט געזאגט דער סוחר צו זיין ווייב.

„זעהר פיין פון זייער זייט!“ האט זיך דאס ווייב געקרימט.

„מיר האבען דאס מאקי פערדיענט ביי איהם! נור ער איז געוויס נישט שולדיג, דאס איז איהר קעפעל: זי שעמט זיך דאך מיט א אידען! ווי וועט איהר דאס גאר אנשטעהן צו זיטצען מיט א אידען ביי איין טיש? מען קאן זי גאר נית, די פריצה — זי שעמט זיך אויך מיט א אידען! ווי לאנג האט איהר טאטע פערקויפט אייער אויפ'ן מארק?! איך זאג דיר טאקי, אז אונזערע אידען זיינען נישט ווערט, וואס זיי לעבען אויף דער וועלט. ווי זיי ווערען נור א בי־סעל ערהויבט, ווערען זיי שוין גאנצע מיוחסים ביי זיך — און די ערשטע זאך איז — אויסווייכען א אידען. ווי דער איד איז דאס אין צווייען אין גלות?! נו, רבונו של עולם!...“

און איהר הומאר האט זיך פערצויגען מיט א וואלקען. און גערעד דאן האט זיך דעם קויפמאן פערוואלט מאכען א באל — ווייל ער איז שוין 25 יאהר סוחר.

אין צעטעל פון די געסט זיינען געשטאנען די גרעסטע לייט און סוחרים.

„ווייסט, ווען איך וואלט נאך גערופען?“ האט ער געזאגט דעם ווייב. „איך וואלט נאך גערופען דעם רב מיט דער רביצין. זיי...“

„וואס נאך וואלסטו דו זאגען?“ האט איהם דאס ווייב איבער־געריסען מיט היטץ. „דארפסט זיי דא נויטיג האבען, דאס שיינדעל? ער זאל זיך מיר אוועקזעטצען אין איין אויבען־אן אין זיין לאפ־סערדאק און יארמאלקע, און זי אין דעם אנדערן אין ציפיק! וואס איז, אהן א רב קאנסטו דו נישט אויסקומען? אוי, אוי, אוי! מיט דיר קאן מען טאקי פיהרען א הויז מיט לייטען צו גלייך! איהם פעהלט דער איד, די לאנגע פאות פעהלען איהם!...“

זי האט איהם דערביי דורכגעשטאכען מיט א בליק, אז ער האט זיך נישט דערוואגט אווארט איבערצורעדען.

„זעהר פיינע אידען האבען מיר, נישטא וואס רעדען,“ האט די רביצין געמורמעלט. „מען מאכט א באל פאר א האלבע שטאדט און דעם רב רופט מען נישט. דער רב וועט זיי דאך די אויגען פער־שווארצען — מען שעמט זיך דאך, ברוך השם, היינטיגע צייטען מיט א רב. עס איז טאקי דען א וואונדער, וואס דער איד האט צרות? וויפיעל ער האט, איז נאך אלץ ווייניג! ער האט נאך געדארפט האבען כפל כפלים. זיי זיינען א סך ערגער פאר אלע אנטיסעמי־טען! א קריסט איז דאך בעסער פאר זיי! א קריסט האט שוין מעהר דרך ארץ פאר א רב...“

„מילא,“ האט איהר דער רב געענטפערט, „מען טאר אויף א אידען קיין שלעכטס נישט רעדען! לאמיר בעסער מאכען א צע־טעל, ווען מ י ר זאלען רופען אויף א ו נ ז ע ר שמחה.“

דער רב האט אויך א יום טוב! ער איז אלט געווארען 50 יאהר, און נישט יעדער קאן אזוינס בעווייזען. ער האט אנגעהויבען אויסרעכענען אלע פיינע בעלי־בתים פון שטאדט, דערנאך איז ער אריבער צו די כלי קדש: צו די שוחטים, שמשים, מלמדים, בטלנים...

„בטלן, א בטלן!“ האט איהם די רביצין איבערגעריסען. „דו

קאָנסט נישט ליידען, אז ביי דיר וועט זיין א ביסעל רייז אין שטוב? דארפסט דוקא האָבען די בלאָטע ביי זיך? נישט קשה, מען וועט זיך בעגעהן אהן זיי אויך! אוועקזעטצען ביי איין טיש העררן לע־כערזאק אָדער לאנגהא..ר מיט די פער'עפּוש'טע שלעפּער—וואס נאך וועסט דו וועלען? פון זייערט וועגען דארף איך נישט מאכען אזא פאראד! אז איך וועל וועלען גאָר יוצא זיין, וועלען מיר אויף מאָרגען מאכען פון זייערט וועגען איבערנייס א טיש!..."

און ווען ביי דעם רב איז די שמחה, זיטצט א צעהנדליג בטלנים אין קלויז ארום אויבען און קלאָגט זיך:

„היינטיגע רבנים! אלע גלוחים האָט מען פערבעטען און פון אונזערע לייט קיין איינציגען נישט — אפילו ר' יונה'ן, דעם שוחט, נישט גערופען! שיין, נישט דא וואס צו זאגען!"

„עה!" האָט אוועקגעמאכט מיט דער האנד א בטלן, „נישט דא וועגען וועמען צו רעדען! פאָלגט מיך און לאָמיר איהם צו להכעיס שיקען נאך א ביסעל משקה!..."

און בשעת זיי האָבען געטרונקען לחיים און געוואונשען זיך, אידען זאָלען האָבען בעסערע רבנים, זיינען אריין אין קלויז איוואן און זרח די נאכטוועכטער, אנצוואָרמען זיך.

„יהודים!" האָט זיך אנגערופען א בטלן, „מען דארף נתן'ען דעם ערל א ביסעל משקה — משום דרכי שלום."

„זרח'ן שוין אויך," האָט נאך איינער פארגעלעגט.

„זרח'ן? פעה! נאך מיט דעם נאכטוועכטער האָבען צו טון!"

1895.

אַ מהומה.

ביי ר׳ געציל יאַשעס איז שטוב איז אַ גאַנצע מהומה, אַ טומעל, אַ געפּילדער.

עס איז אַריין אַ קאַץ איז שטוב.

נאַטירליך וואָלט דערפון גאָר נישט געווען, ווען ביי ר׳ געציל יאַשעס וואָלטען נישט געווען זעקס דערוואַקסענע טעכטער, איינע אונטער דער אַנדערער פון צוואַנציג יאָהר ביז... נור דאָס זאָגט מען נישט אויס. בקיצור עס וואָלט דערפון גאָר נישט געווען, ווען...

ר׳ געציל יאַשעס איז פון די אַלטע בעלי־בתים איז שטאָדט. זיין טאַטע האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע, דער זיידע גאָר אַ גרויסע, און דער עלטער־זיידע — גאָר־גאָר אַ גרויסע. דעם עלטער־עלטער־זיידען געדענקט שוין די געשיכטע נישט. איינינע זאָגען, אַז ער איז געווען פון די ערשטע חסידישע רביים, און אַנדערע האַלטען, אַז ער איז געווען גלאַט אַ פערד־גנב. נור אַזוי ווייט דאַרף מען נישט קריכען. עס איז גענוג, אַז דער עלטער־זיידע האָט געשפּיעלט גאָר־גאָר אַ גרויסע ראָליע, דער זיידע גאָר אַ גרויסע און דער טאַטע און אַזוי ווייטער. ער, ר׳ געציל יאַשעס אַליין, האָט געהאַט אַ צוויי־שטאָקיג קרום הויז, אַ בעל־קרעמעל אַהן פּעל, אַ „שטאָט" אין שול — אין רעכטען מזרח, אָבער דער עיקר זעקס דערוואַקסענע מוידען, מיט וועלכע ער האָט קונה שם געווען אַ סך מעהר, אַלס דער עלטער־עלטער־זיידע, אויב יענער האָט געהאַט איז זיך אפילו ביידע מעלות צוזאַמען.

זעקס דיקע, הויכע, פּעטע מוידען, אַלע געראָטען איז דער מאַמען — אַ הויכע, דיקע אידענע, אַ פערגאַסענע מיט שמאַלץ, ביי וועלכער נישט נור די פּיס, נור אפילו די צונג קאַן זיך נישט בעוועגען — אַ „שטיק גראָב פלייש" פון שטענדיגען עסען און נאַשען.

דאָך האָבען די טעכטער אלע געקאָנט לעזען און שרייבען: אידיש ווי א וואסער, נור רוסיש — אָהן א „פירוש המלות“, פשט פשוט נישט פערשטעהענדיג א וואָרט. זייערע קענטנים האָבען זיי געגנאשט ביי חיים דעם שרייבער, וועלכער האָט געהאט פאר אלע מיידלעך איין פירשריפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „די זון פון דער בילדונג האָט ארייגגעשיינט אין אונזער אונטען“... די פירשריפט האָט ער מחבר געוועזען מיט א יאָהר פונפצעהן צוריק, ווען ביי איהם איז געשטאָרבען דאָס צווייטע ווייב. ער איז אזוי ענטציקט געוואָרען פון זיין „ווערק“, אז ער האָט עס גע־וואָלט איבערזעצען אין לשון קדש, נור עס האָבען איהם אויסגע־פעהלט ווערטער און יענמאָלט זיינען נאָך די „שפה ברורה׳ס“ נישט געוועזען...

דאָס איז א צופאל אָדער נישט, נור די טעכטער׳ס נעמען געהען נאָכ׳ן אלף־בית: איטע, באשע, גישע, דבורה, הינדע און וויגאשע. דאָס האָט זיך געכאפט טאקי חיים באָק אליין. יענער טאָג איז גע־וועזען דער גליקליכסטער אין זיין לעבען. ער האָט געריבען פון פער־גניגען די הענד, געלאָפען פון שטוב צו שטוב, און אומעטום פלעגט ער אויסשרייען מיט אינפעט, כמעט אין איין אָטעם: „איהר ווייסט? ביי געציל יאָשעס געהען די טעכטער נאָכ׳ן אלף־בית: איטע, באשע, גישע, דבורה, הינדע און וויגאשע! בע, כע, כע!... איך אליין האָב זיך דאָס געכאפט!... כי, כי, כי!...“

דבורה איז אפילו די עלטסטע, וויגאשע די צווייטע, באשע די דריטע, הינדע די פיערטע, איטע די פינפטע, און גישע די אינגסטע, נור דאָס מאכט נישט אויס, לחלוטין גאָר נישט.

ביי געציל יאָשעס איז כל ימיו געוועזען א דיענסט אין שטוב. נור נישט א י י ן דיענסט כל ימיו—דיענסטען האָבען זיך ביי איהם אָפט געביטען. זיין געזינד זאָגט, אז „עס גיבט קיין רעכטע דיענסט“ — פון שמר׳ס ראָמאנען האָבען זיי זיך אויסגעלערנט „דייטש צו שפרעכען“. נור די דיענסטען זאָגען אויף פראָסט אידיש, אז „ניעחיי הונגערן, אבי אין זייערע דלית אמות נישט שטעהן“. אָדער נאָך פראָסטער: „אויסגעשוואומען און אויסגערונען האָט געמענט

ווערען דאָס געזינדעל!" איין דיענסט האָט בעדויערט, וואָס זי קאָן נישט שרייבען, אז נישט וואָלט זי געמאַכט פון דער שטוב דעם „העכסט אינטערעסאַנטען ראָמאַן".

„קיין גרעסערן טריאטער דארף מען גאָר נישט האָבען", האָט ערקלערט די דיענסט.

און אלע טאָג א בעזונדער „טריאטער". ווי א טאָג.

איין טאָג שטעהט מען אויף גוט אויפגעלעגט. דער סמן איז, אז מען העבט זיך אָן גלייך אויספוטצען אין „עסיג און אין האָניג". יענעם טאָג איז שטיל, דאָס הייסט נישט גאָר שטיל, מען וועט זיך אָבער נישט שלאָגען, נור ווערטלען זיך גלאט אזוי, אבי נישט זיטצען לעדיג

„זעה, ווי זי טרעט נישט אָב פון שפיגעל", זאָגט דבורה צו ווי־גאשען. „לאָז מיך א ביסעל. געה, וועסט שענער נישט ווערען".

„וואָס זאָגט מען צו דער „פארשוין"?" שטעכט אָב וויגאָשע.

„שענער פאר דיר!"

„זעהסט דאָך, ווי מען כאפט דיר אוים:"

„כאפען זאָל דיך א קריינק!"

„דיך — מיט א צעהניאָהריגער קדחת!"

און עס רעדט זיך עס גאָר אָהן כעס, אָהן א טראָפּען בייזקייט.—

איין אנדער טאָג שטעהען זיי אויף פערשלאָפען, מיד, וואשען זיך נישט איין, געהען ארום צושויבערט, מיט אָפענע בוזימס און אין שמוציגע אונטערקליידלעך. יענמאָלט עפענט זיך דער גיהנם.

„די פּים וועל איך דיר ווייטער אָבשלאָגען, שטיק שלאק! די גאנצע נאכט געטורכעט מיר אין די זייטען", שרייט איטע צו גישען.

„נא־א־א!" ענטפערט גישע בייז און שפּארט איטען א „פייג" אונטער נאָז.

און איטע'ס גלאָז טיי פליהט צו גישען אויף דאָס געזיכט.

אין א ווייל־ע ארום זאָגט שוין די אונטערסטע שכנה: „שא, דער גיהנם האָט זיך געעפענט!"

אז מען איז גוט, רעדט מען שטענדיג וועגען יונגע לייט. אָפט רעדען צווישען זיך די עלטערע, די אינגערע זאָלען נישט הערען —

די אינגערע אויף צולאָפּענעס, און די אינגערע סוד'ען זיך — די על־טערע אויף צופּיקעניס. מען סוד'עט זיך און מען לאַכט, און מען אָטעמט שווערער...

אָ, דאָס לעדיג ארומגעהן!... נור אָהן מוסר —

בקיצור, זיי האָבען אפילו מורא געהאט פאר א קאַץ, און אָט...

ביי ר' געציל יאָשעס אין שטוב איז א מהומה, א טומעל, א גע־פּילדער.

עס איז אריין א קאַץ אין שטוב.

דאָס האָט זיך געטראָפען, ווען די דיענסט האָט ארויסגעטראָ־גען די פּאַמוניצע און געלאָזען א ביסעל אָפען די טיר. א שווארצע קאַץ איז צו צו דער טיר, האָט זי א שמעק געטאָן, אריינגעשטעקט א ביסעל דעם קאָפּ, איבערצייגט זיך הפנים, אז אויף די ערשטע טריט וועט זי קיינער נישט אָבשטעלען און איז אריינגעשפּרונגען אין טיר און גלייך אין קיך. די דיענסט איז צוריק אריין מיט דער פּאַמוניצע און פערמאַכט די טיר. די קאַץ איז פערקראָכען אונ־טער'ן בעט, און אז די דיענסט האָט אריינגעשטעלט א טאָפּ אין אויווען, איז זי ארויס פון קיך, אריין אין פּאַרצימער, פון דאָרטען צו דער זאַל־טיר, וועלכע איז געוועזען פערנאַנדערגעעפענט. אין „זאַל" זיינען געזעסען און געשטאַנען די זעקס מוידען, שוין אויסגע־פּוצטע. דבורה און באשע זיינען געשטאַנען נעבען שפּיגעל און גע־ווערטעלט זיך, הינדע איז געשטאַנען אין מיטען צימער, פערנומען מיט א קרייז פון איהר קלייד; גישע, איטע און וויגאָשע זיינען געזעסען אויף'ן האָלצערנעם זיטץ־בעטעל, וואָס שטעהט ביי דער וואַנד, געגענאיבער דעם שפּיגעל, און געוווערטעלט זיך. די קאַץ האָט זיך א שאר געטאָן ארום טיר, אריין אין זאַל און ארום וואַנד א יאָג געטאָן זיך אין שלאָף־צימער.

„אי, א קאַץ!" שרייען אויס אויף א מאָל מיט שרעק גישע, איטע און וויגאָשע און העבען אויף אונטער זיך די פיס.

„וואו א קאַץ?" האָבען די איבריגע אויסגעשריען: דבורה און באשע, אָבשפּרינגענדיג פון שפּיגעל, הינדע, אָבלאָזענדיג די קרייז.

„אין קאַמער! אין קאַמער! אָט ערשט!" ענטפערן מיט שרעק

די דריי פון זיטץ־בעטעל.

„אי, מא־מע־ע־ע!" שרייען אויס די דריי, וואָס שטעהען אין צימער און לאָזען זיך לויפען צום זיטץ־בעטעל, נור דאָרטען בעגע־גענט מען זיי מיט אויסגעשטעלטע נעגעל. און באשע לויפט צו מיט אינפּעט צו א שטול און זעצט זיך ארויף מיט די פיס אונטער זיך; הינדע ענטלויפט מיט א קוויטש צו דער דיענסט אין קיך; דבורה וואַרפט זיך ארויף אויפ'ן זיטץ־בעטעל צווישען איטען און וויגאַשען, קוויטשעט: „אי, מא־מע־ע־ע!" און וויל נאָך אויפהעבען די פיס. איטע און וויגאַשע קנייפּען זי שטופּען זי, קלאַפּען זי, נור זי הערט עס נים, שרייט און דרינגט זיך מיט'ן גאַנצען כוח. דאָס האַלצערנע זיטץ־בעטעל לאָזט זיך נישט בעטען, קרעכצט אָב און געהט זיך פאַר־נאַנדער... אלע פיער מוידען פאַלען אראָב אויף ד'ר'ערד...

די מוידען שפּרינגען אויף נישט טויט נישט לעבעדיג! מיט ווילדע אויגען פאר שרעק טראָגען זיי זיך איבער'ן צימער און פער־פליהען אין קיך. באשע פערלאָזט איהר אָרט אויפ'ן שטול — איהר ווערט שרעקעדיג אליין אין צימער — און לויפט נאָך די שוועסטער.

און די קאַץ אין אריין אין שלאָפצימער. האָט געפונען דאָרטען א מויזענלאָך און אָבגעשטעלט זיך רוהיג בעשמעקען. אין א ווײַלע ארום האָט זי אונטערגעבויגט דעם עק מיט די הינטערסטע פיסלעך און אוועקגעזעטצט זיך דרימלען. און אז די דיענסט איז געקומען צו איהר מיט דער בארשט, האָט די קאַץ לכתחילה נישט פערשטאַ־נען, וואָס זי מיינט, נור אז יענע האָט אויף איהר אויפגעהויבען די בארשט, האָט זי זיך צוריק א לאָז געטאָן אין זאל און פון זאל אין פאָרצימער. נעבען קיך האָט זי זיך געוואָלט אָבשטעלען און אָנ־געהויבען בעשמעקען די טיר. נור דער רעש פון די מוידען הינטער דער טיר און די בארשט, וואָס האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף איהר רוקען, האָבען איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז מען דאַרף ארויס פון דער אָפענער גאס טיר.

נור די זעקס מוידען האָט שוין אָנגעכאַפּט די ספּאַזמע.

א מהומה, א טומעל, א געפּילדער...

1895.

די נסיעה.*)

...איהר פרעגט ביי מיר, ווי קום איך עפּיס אהער, ווי איז צוגעגאנגען מיין רייזע, וואָס דענק איך דאָ צו טון... שאט, רבותי, שיט נישט מיט קשיות, לאָזט מיך רעדען. איהר ווייסט דאָך, מענדעלע מוכר ספרים קאָן דערצעהלען. לאָזט מיך נור א שמעק טאבאק טון, כדבעי, ווי עס דארף צו זיין, א אידישען שמעק טאבאק. אזוי טאקי, ווי איהר זעהט, אָנשיטען אין דאָס שיפּעלע נעבען גראָבען פינגער און א ציה טון אין נאָז, עס זאָל הילכען. א איד האָט דאָך האָלט, עס זאָל הילכען און קלינגען. שטיל מאכען עפּיס, אָבטון א זאך, אז די וועלט זאָל נישט רוישען, דאָס קאָן א איד נישט. אפילו זיין שמעק טאבאק מוז ער טון מיט רעש, די וועלט זאָל וויסען, אז

*) די פאָרליעגענדע נאָכמאַכונג און בענוצונג פון דעם אונשטערבליכען העלד פון אונזער געליעבטען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָב איך אויפגעשריעבען אין 1896 אין אַ לוסטיגער מינוט צוליעב אַ פרעהליכען חנוכה־אַבענד פון אידישע סטודענטען אין בערלין. איך האָף, אַז פאר די פערפלאָסענע יאָהרען איז דער לעזער געניטער בעקאַנט געוואָרען מיט מיין אייגענער אַרט צו שרייבען און וועט פערשטעהן, אַז איך וויל מיך דאָ נישט שמיקען מיט פרעמדע רייכע פעדערן, נור אַ שפּאַס איז עס געוועזען, און אַלס שפּאַס וועט ער עס אויך אָננעמען און געניסען. און פון דעם אמת׳ען מענדעלע מוכר ספרים בעט איך אונצעהליגע מאָל מחילה, וואָס איך האָב מיך בענוטצט מיט זיין נאָמען. צום ערשטען און צום לעטצטען מאָל איז עס געוועזען און עס וועט מיך העכסט פרעהען, ווען דער לוסטיגער איינפאַל פון אַ זעהר יונגען מענשענס לוסטיגער מינוט וועט איהם אליין אויך פערשאַפען פיעל שפּאַס.

רב יעקעלע האָט יעטצט א שמעק טאבאק געטאָן און וועט מסתמא באלד ניעסען און אויסשנייצען די נאָז... נור נישט דאָס בין איך אויסען.

א־פּטשיק!... ביים אמת געגאָסען. איהר ווינשט מיר צו גע־זונד? א דאנק... אפילו, אָי, אידעלעך איך קען אייך, אָי, ווי איך קען אייך! הערט, אידעלעך, איך זעה אייך דורך און דורך. איהר ווארט דאָך קלאָמפּערסט, א איד זאָל א ניעס טון און איהר זאָלט איהם ווינשען, צו געזונד. און אין הארצען בשעת מעשה טראכט איהר גאָר: „ניעס, ניעס, ווארום וואָס פאר א גוטער פריינד דו ביזט מיר, אזא גוטער פריינד בין איך דיר!“... אָי, קען איך אייך!... נור נישט דאָס בין איך אויסען.

נו, איז וואָס פרעגט איהר ביי מיר? ווי קום איך עפּיס אהער און ווי איז צוגעגאנגען מיין רייזע? גוט. רב מענדעלע, ווייסט איהר דאָך, האָט ליעב צו דערצעהלען א מעשה. מילא בכן, די מעשה דער־פון איז אזוי. איהר האָט דאָך מסתמא געהערט, אז מיין פערדעל איז לא עליכם געפאלען. דאָס האָט מיט מיר געטראָפען אין קאב־צאנסק. איהר קאָנט אייך שוין פאָרשטעלען, וואָס איז מענדילע מוכר ספרים אָהן זיין פערדעל! עס איז מיר געבליעבען צו בלייבען זיצען אין קאבצאנסק לעולמי ועד, עלטערן זיך דאָרטין. צופוס געהן אין גלופּסק, טונעיאדעווקע אין די ארומיגע קהלות איז נישט פאר מיינע כחות; א ניי פערדעל צו קויפען האָב איך נישט געהאט פאר וואָס; צו דינגען בעלי עגלות לאָהנט זיך אויך נישט, און אין קאב־צאנסק צו בלייבען איז אויך קיין סברא נישט געוועזען. האָב איך איינגעפּאקט מיינע ספרים אין א זאק און געלאָזען זיך מיט דער באהן אין דער ברייטער וועלט אריין! די באהן איז דאָך פאָרט די ביליגסטע זאך פאר אונז אידעלעך: מען ליעגט זיך בכבוד אונטער א באנק, טאקי גאָר ברייט, מעשה בעל הבית. מען זעהט טאקי, וואָס פאר א גרויסען גאָט מיר האָבען! ער האָט שוין אריינגעגעבען די אידען אזא טבע, אז עס זאָל זיך זיי וועלען ליעגען אונטער א באנק... ווי איך בין אריין אין וואגאָן, האָב איך גלייך דערפיהלט, אז עפּיס

ציהט מיך אונטער דער באנק. מסופקני, האָב איך מיר געזאָגט, איך בין מיר גאנץ מסופק, אז די אידען, וואָס זיצען אויף די ביינק, זיי־נען גאָר אידען. נור אפשר זיינען זיי ארויסגעקראָכען צו שטעלען זיך שמונה עשרה, האָב איך מיך געטרייסט. דאָס איז געוועזען מנחה־צייט. איך בין שוין אָבער געוועזען איין אָבגעדאַווענטער, האָב איך אָבגעשטעלט מיין זאק אין א ווינקעל און אראָבגעלאָזען זיך כורעים נעבען א באנק ארומצוזעהן דעם פלאץ, וועלכען גאָט האָט מיר בעשערט צו מיין ווייטער נסיעה.

„בהום“, מאכט איינער פון אונטער דער באנק.

הקול קול יעקב, יעקב'ס קול'בעל הער איך. ליעגט, ליעגט ר' אידעל, ענטפער איך, עס זיינען פאראן, דאנק גאָט א סך ביינק. איך וועל מיר מיט גאָטס הילף געפינען פלאץ. די והותר נאָך פאר עטליכע אידישע משפחות.

איך לאָז מיך אראָב נעבען א צווייטער באנק. פון דאָרטען קוקען אויף מיר ארוים דריי פּאָר קינדערשע אויגעלעך, דערשראָקענע, פער־ווייגטע אויגעלעך פון קליינע אידעלעך.

גוט, גוט, זאָג איך זיי, ליערנט אייך, אידישע קינדער. זעהר שיין, וואָס איהר געהט אין אידישע וועגען. פיין, גאָר פיין.

און זעהר צופריעדען געה איך צו צו א דריטער באנק.

„קריעכט נישט, רב איד, איך בין א'ן אשת איש“, שעפּציעט מיר א ווייבערשער קול.

זי איז אודאי גערעכט, גאָר גערעכט. איך טרעט אָב. אונטער דער פיערטער באנק איז, דאנק גאָט, לעדיג. נור אויף איהר זיצען גוים. דאָס האַלט מיך אָב. אפילו מישטיינס געזאָגט געווארען, וואָס פאר א כבוד מיר האָבען, אז מיר זיצען שוין אויף דער באנק. נור א גוי פערגינט דאָך נישט א אידען דעם נחת, וואָס ער ליעגט אונטער דער באנק, און וועט געווייס א ברוס טון דעם קאָנדוקטאָר אין אויער... אך, דער גלות, דער גלות!...

איך געה צו א פינפטער באנק. דאָרטען זיצען אידען. איך לאָז מיך אראָב אויף די קני. עפּיס זעה איך, ווארפט זיך אום א האנד.

איך קוק מיך גוט צו — עס ליעגט, זעה איך, א איד און שלאָגט זיך „אשמנו“.

„אזוי טאקי, רב איד, גערעכט, גערעכט. אשמנו, מיר האָבען פערשולדיגט, בגדנו, מיר האָבען געפעלשט, גזלנו, מיר האָבען גע־גזלט... גערעכט, גערעכט, כל בו איז אין אונז... שמונה עשרה מסתמא געדאווענט אונטער דער באנק ליעגענדיגערהייט, טראסצי טוואָיעי מאטערי!...*) מאָגסט זיך שלאָגען, אידעלע, אין הארצען, מאָגסט, מאָגסט...“

נור נישט דאָס בין איך אויסען.

אונטער דער אכטער באנק איז געוועזען פלאץ. אויף איהר זייַנען געזעסען לויטער ווייבער. דאָ ענדליך, זאָג איך מיר, וועסטו קאָנען אויסציהען דיינע ביינער. אי, וואָס ווייבער זיצען אויף איהר? ע, מע... עס מאכט נישט אוים... בשעת הדחק, אין איין ענגשאפט...

איך בין מטריח די אידענעס, בעט זיי אויפשטעהן און לאָז מיך אראָב אויף די קני. א פריער גיב איך נאָך א גוטען שמעק טאבאק, קרעכץ אָב „א־א־א!“ גאנץ אידעשליך, שנייץ מיך אוים גאנץ פיין, מיט נגינה, מעשה בעל תקיעה, וויש מיר גוט אָב די נאָז, שטויב א ביסעל אָב די ברעטער אונטער דער באנק און העב אָן צו קריכען.

„קריך, קריך, רב מענדעלע... אזוי, אזוי... מאך דאָס א ביסעל שענער. גערדיינק, אז די הויזען זיינען ביי דיר צוריסען אויף א מיאוס'ען אָרט. פערדעק דיך... רוק דיך, רוק דיך... אָט אזוי, מעשה מענש!... ב־ב־נו, רב מענדעלע, ביזט א גוטער קונדס! אי, א קונדס, א ימח שמו'ניק!“

און אזוי רעדענדיג אין זיך אליין, בין איך אין גאנצען נעלם גע־וואָרען אונטער דער באנק.

„נאָך א ביסעל די פים אונטערבויגען“, זאָגט מיר א ווייבעל.

איך פאָלג. איך קאָרציע מיר איין און דרעה מיך צונויף ווי א בייגעל. די אידענעס שפרייטען פערנאנדער זייערע ספאָדניצעס איבער דער באנק, פערדעקען מיך. עס איז וואויל, גאָר וואויל. איך פיהל אפילו דעם שלומפער אויף די קליידער, עס שמעקט פון די

---

*) קדחת דיין מאָמען.

יובקעס מיט קינדערשע... נור אין א פרט טוט דאָס מיר הנאה. עס שמעקט מיר מיט קאבצאנסק, מיט עכטע אידישע ווייבער... איך פיהל מיך ווי נעבען מיין ווייב. איך העב אָן אפילו א ביסעל צו בייג־קען נאָך מיין אלטיטשקער, נור איך שטארק מיך און פערטרייב די מיאוסע געדאנקען.

„מיאוס, רב מענדעלע, זאָג איך מיר, שעמען זאָלסטו דיך! ווי דיר איז נור גוט געווארען, העבסטו אָן צו זינדיגען, ווילסט נאָך בע־סער. דו ליעגסט אונטער דער באנק, טאָ ליעג. דאנק און לויב דעם אויבערסטען, וואָס ער האָט דיר צוגעשיקט אידענעס מיט ברייטע ספּאָדניצעס. „לא תחמוד“ שטעהט אין דער תורה — זאָל זיך דיר נישט געלוסטען! פּע, רב מענדעלע! שעם דיך, רב מענדעלע! מיאוס, זעהר מיאוס!...

איך האָב מיך גוט אויסגעמוסרט און גענומען טראכטען וועגען מיין נסיעה. טראכטענדיג, האָב איך אָנגעטאפּט די ווייבערשע קלייד־דער — צו וואָל, צו ציטץ... עס איז געוועזען א ביסעל שווערליך צו דערקענען איבער דעם שלומפּער, אָבער איך בין שוין א בקי. איך האָב אָבגעשאצט, וויפיעל קאָסט איין ארשין און בעשלאָסען, אויב גאָט וועט מצליח זיין מיין נסיעה, וועל איך ברייננגען מיין אלטיטש־קער א מתנה אויף א קלייד.

און אזוי טראכטענדיג בין איך איינגעשלאָפען. איך ווייס נישט וויפיעל בין איך אָבגעשלאָפען, נור איך וואָלט זיכער נאָך א סך גע־שלאָפען, ווען א אידענע וואָלט מיך נישט אויפגעוועקט.

„רב איד“, זאָגט זי צו מיר מיט אימפּעט, „בעהאלט אויף גיך די פיס, דער קאָנטראָליאָר איז דאָ“.

איך האָב מיך גלייך דערמאָנט, וואו איך בין אין דער וועלט און געשווינד ארייגעכאפּט די פיס צו זיך אונטער דער באנק און אונ־טער די אידענעס ספּאָדניצעס. אי, די פיס, די פיס! טראכט איך בשעת מעשה. זיי קריכען גאנץ אָפט, וואוהין מען טאָר נישט. א צרה מיט די פיס!

איך האָב זיי אצינד דערפאר גוט בעהאלטען, ליעג מיר מיט אָפענע אויגען און הער מיר צו, וואָס טוט זיך אין וואגאָן.

„וואשי בילעטי“ !*) הער איך.

איך לאך. א גוי — א נאר! בילעטען בעט ער. נישט איך, נישט מיין טאטע און נישט מיין עלטער־עלטער־זיידע האבען נישט גע־וואוסט פון בילעטען און קיין איד זאל פון זיי ווייטער אויך נישט וויסען. ליעגט, אידעלעך, אונטער די ביינק, קארציעט איין די פיס, דרעהט צונויף די קעפ, זאל אייך אפילו די נשמה ארויסקריכען פון צונויפפרעסענים, נור פון בילעטען זאלט איהר נישט וויסען!

פלוצלינג הער איך א קוויטש מיט א געוויין. די דריי אידישע שעפעלעך זיינען אריינגעפאלען אין די גוישע הענד.

„אהא“, טראכט איך מיר און דרעה מיר נאך מעהר צונויף, „גע־וועהנט, געוועהנט זיך, אידישע קינדערלעך. גאנץ גוט, גאנץ גוט. מען וועט אייך נאך נישט איין מאל ארויסשלעפען פון אונטער א באנק און איהר וועט נישט אויפהערען צו ליעגען דארטין“.

שא, די אשת איש ראוועט. העב זיך אן מיט א אידענע! איך ווער אויף איהר אין כעס. נור איך פיהל שוין, אז דאס איז א גזרה אויף אלע אידען. איך דרעה מיר נאך מעהר צונויף. איך וויים שוין אליין נישט, וואו איך האב אהינגעטאן מיינע פיס.

מען האט ארויסגעשלעפט נאך א אידען פון אונטער א באנק. דאס איז געווים דער, וואס האט זיך געשלאגען „אשמנו“. זעהר רעכט אויף איהם, זאל ער נישט דאוונען שמונה עשרה ליעגענדיגער־הייט.

„סקאלקא סעוואדניא זשידקאוו!“**) הער איך ווי איינער פרעגט.

„צעהל דיינע ציין אין מויל“, טראכט איך מיר. „דיר אויף צו להכעיס וועלען זיך די אידען אונטער די ביינק מעהרען“.

איך הער, אז מען ווערט נאהנטער צו מיין באנק. עס ווערט מיר א ביסעל נישט געשמאק, איך דרעה מיר נאך מעהר צונויף, עס דריקט מיר ארוים די נשמה. עס פאלט מיר איין ארויסרוקען זיך

---

*) אייערע בילעטען.

**) וויפיעל אידעלעך היינט!

און פּרובען מאכען די פּלטה. נור באלד האָב איך חרטה. „פּע, א חרפּה און בושה, רב מענדעל! שוין פערליערען דעם בטחון! חזק ואמץ, שטארק דיך! דרעה דיך נאָר א ביסעלע צונויף און פערלאָז דיך א פריער אויף גאָט און דערנאָך אויף די ווייבערשע ספּאָד־ניצעס. פּע, רב מענדעל, אויף דער עלטער ביזטו גאָר קאַליע גע־וואָרען".

מיט א מאָל ווערט עפּיס ליכטיג ביי מיר אונטער באנק, און איך דערזעה א קאָפּ מיט גרויסע וואָנצעס. איך מאך צו די אויגען און ליעג ווי א געהרגעטער. איך האָב בטחון, אז איך וועל מיך אויס־דרעהען פון זיינע הענד.

„טום יעשצע זשידאָק לעזשיט!"*) זאָגט דער קאָפּ מיט די וואָנצעס.

נור איך דריק צונויף נאָך מעהר די אויגען און האלט איין דעם אָטעם. איך פיהל אויף מיר א האנד, נור איך ווער נישט נתפּעל און האלט די אויגען צוגעמאכט. יענער גיט מיך א שלעפּ נישט גאָר העפליך — הידים ידי עשו, עשו'ס הענטלעך! נור איך ליעג, ווי נישט מיך מיינט מען עס. „מאלאדיעץ, רב מענדעלע", טראכט איך מיר, „מאך דיך גאָר ווי א טוידטער!"

דער גוי טוט זיינס, איך טו מיר מיינס. ער האָט מיך ארויסגע־שלעפּט און אנידערגעזעטצט נישט גאָר פיין, האָב איך אויפגעעפענט די אויגען, אָנגעקוקט איהם ווי תמעוואטע, געמאכט זיך גאנץ פער־שלאָפען.

„בעז ביליעטאַ?"**) שריוט מיר יענער.

ער פרעגט נאָך, דער חמור! נור איך מאך מיך, ווי איך הער נישט און איך וויל מיך קלאָמפּערסט צוריק אוועקלעגען.

„וסטאוואי!"***) שרייט ער מיר.

„שריי מיר באָטש ביז מאָרגען!" טראכט איך מיר און וויל מיך

---

*) דאָ ליעגט נאָך אַ אידעל.

**) אָהן א בילעט?

***) שטעה אויף!

איבערקעהרען אויף איין אנדער זייט. נור ער איז אויך נישט קיין נאר, ער נעמט מיך אַן פאר דעם קאַלנער און שטעלט מיך אוועק אויף די פיס. איך מאך מיך, אז איך קאָן גאָר די אויגען נישט אויפ־עפענען. ארום מיר שטעהען גוים און לאכען. נור עס איז קיין נייס נישט, אז מען לאכט פון א אידען. איך מאך מיך נישט אוים דערפון.

„גדיע או טעביא ביליעט?"*) שרייט דער חמור.

איך קאָן קלאַמפערסט די אויגען נישט פערנאנדערדרייסען, העב אָן צו מעלה־גרה'ן, טשמאַקען מיט די ליפען. ער גיט מיך א שטויס, שטופט מיך א פּנים צו דער טיר. ריהר איך מיך, איך געה ווי א שיכור, די אויגען אלץ פערמאכט.

„סקאַלקאָ איך סעוואָדניא נאבראלאָס!"**) רעדען די גוים, און אין מיר קוועלט דאָס אידישע הארץ. איך מאך אויף א ביסעל די אויגען. אָהן עין הרע: ביי דער טיר שטעהט טאקי איין עדה מיט אידען. מען שטעלט מיך צו צו זיי, שטעה איך. מען וויל אונז, הייסט עס אראָבזעצען אויף דער נאָהענטער סטאנציע. נו, אראָב־זעצען איז אראָבזעצען. על כל פּנים, יעטצט מאָג איך דאָך די אויגען אויפעפענען, און איך טו עס טאקי: געקומען צו זיך, הייסט עס, אויסגעציוכעט זיך. דער לאָקאָמאָטיוו פייפט, און איך נעם מיך פאר מיין זאק. געהן, טיק געהן. דער צוג שטעלט זיך אָב און אונז פיהרט מען ארוים פון וואַגאָן. „וישא יעקב את רגליו" — העב, רב מענדעל, פיסלעך, זאָג איך מיר און געה נאָך.

„ווייסט איהר וואָס, אידען?" פאלט מיר איין, „מיר זיינען דאכט זיך א פּאָר מנינים, וועלען מיר גאָר דאווענען מעריב אויפ'ן וואגזאל..."

1896.

*) וואו איז דיין בולעט?

**) וויפיעל האָבען זיך היינט אָנגענומען.

דער לייב און דער העלפאנט.

(אַ מעשה'לע.)

אין דעם זאָאָלאָגישען גארטען אויף אַ ווייטען פּלאַץ, איין ארומ־געצוימטער מיט אייזערנע שטאנגען, איז ארומגעגאנגען, שווער ריהרענדיג זיין אונגעהייערען קערפּער, דער גרויסער אינדישער העל־פאנט. פאר די שטאנגען ארום און ארום איז געשטאנען אַ גרוי־סער עולם, אלט און יונג, מענער, פרויען און קינדער. אלע האָבען זיך געשטופּט נעהנטער צו די שטאנגען, כאָטש דער גרויסער אינדי־שער העלפאנט איז געוועזען צו זעהען אפילו פאר יענע, וועלכע האָ־בען קיין געלד נישט געהאט צו בעצאהלען פאר'ן אריינגאנג און זיי־נען געשטאנען הינטער דער וואנד פון דעם גאָרטען. די מענשען האָבען זיך געשטופּט צו זעהען, ווי דער געפאנגענער ריעז „מאַכט קונצען".

„בעט!" האָבען זיי איהם געשריען, „טו דיך אַ בוק!"

און דער גרויסער העלפאנט האָט אומגעוואָרפען מיט זיין לאַנ־גער נאָז, געשאָקעלט דעם שווערען קאָפּף, געדרעהט מיט די אויגען, געקלאפּט מיט די אויערן און געמאכט זיינע קאָמפּלימענטען מיט זיין ריעזען־פוס. די מענשען האָבען געלאכט, געפרעהט זיך און דערלאנגט איהם שטיקלעך צוקער און שטיקלעך ברויט, מיט מורא אויסשטרעקענדיג די האנד און מיט מורא צוכאפּענדיג זי צוריק. און דער העלפאנט פלעגט אריינווארפען די אויסגעבעטענע שטיקלעך אין זיין ווייטען האלז אריין און בעטען נאָך, בוקענדיג און ברע־כענדיג זיך. —

ניט ווייט פון דעם גרויסען פּלאַץ, אויף וועלכען דער העלפאנט האָט לוסטיג געמאכט די מענשען, איז ארומגעלאָפען דער לייב אין

זיין אייזערנעם שטייגעל — גרויס און שרעקליך און ערהאבען שיין אין זיין שרעקליכקייט. נעבען זיין שטייגעל זיינען געשטאנען ווע־ניג מענשען און דאס זיינען אויך געווען אזעלכע, וועלכע האבען שוין קיין כח נישט געהאט צו לאכען פון דעם העלפאנט. נור וואס מאכט זיך אויס א לייב פון א מענשען, דערהויפט נאך ווען ער איז שטארק צוטראָגען און פערטיעפט אין גדאנקען?

און דער לייב איז שטארק צוטראָגען געוועזען: ער האט דער־קאנט אין דעם בוקענדיגען און קרימענדיגען זיך העלפאנט זיין בעסטען גוטען פריינד.

זיי זיינען ביידע אויסגעוואקסען אין איין וואלד און געוועזען צוערשט גרויסע שונאים; אבער אז זיי האבען איינער דעם אנ־דערען נישט געקאנט בייקומען, ווייל זיי זיינען ביידע געוועזען גלייך שטארק און קלוג, האבען זיי געמאכט שלום און זיינען געווארען ווי אנדערע צוויי. מען האט זיי שטענדיג נור צוזאמען געזעהען. איי־נער אהן דעם אנדערען האט קיין שריט נישט געמאכט, אפילו פון דאנען אהער. און דער וואלד האט געזאגט, אז די ביידע מיט זייער כח און מיט זייער שכל וועלען בעהערשען די וועלט. אבער די חיה טראכט און דער מענש לאכט. ויהי היום — און זיי זיינען ביידע געווארען געפאנגענע. דער מענש האט זיי צושיידט און פערפיהרט אין בעזונדערע לענדער. אין א סך מענאזשעריען איז שוין דער לייב איבערגעוועזען פאר דער צייט, ארומגעפאהרען צוזאמען מיט העל־פאנטען, אבער זיין פריינד האט ער נישט געטראפען. און יעטצט, אז ער האט איהם דערזעהן, איז איהם דער פריידענסאויסגעשריי געבליעבען שטעהן אין האלז.

„איז עס מעגליך, אז דאס איז מיין פריינד?" האט ער גע־טראכט. „אט א דער קונצענמאכער, דער בעטלער. דער פאיאץ?!"

ער האט זיך אויפגעהויבען אויף ביידע פארנסטע פיס, אנגע־שפארט זיך אן די שטאנגען און אויסגעברילט זיין פריינד'ס נאמען. און געוואלט האט ער, אז ער זאל א טעות האבען, אז דאס זאל זיין אן אנדער העלפאנט, ניט זיין פריינד.

אבער דער העלפאנט, וועלכער האט געהאט בדעה ארייינצוזא־

ווארפען א שטיק ברויט אין מויל, האָט עס נישט דערטראָגען צום מויל, א קוק געטאָן אהין, פון וואנען זיין נאָמען האָט זיך געלאָזט הערען, און אָבגעברילט מיט שמחה: „דו ? !“ — ער האָט אויך דערקאָנט זיין אלטען פריינד.

„ביזט דו עס טאקי מיין פריינד, מיין העלפאנט ?“ האָט דער לייב געזאָגט מיט א טרויעריגען קול. „וועה מיר, וואָס איך זעה דיך אזוי !“

„יא“, האָט אָבגעזיפצט דער העלפאנט און אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, „וועה אונז. וואָס מיר זעהען אונז אזוי...“

„אז דו זאָלסט אזוי טיעף פאלען !“

דער העלפאנט האָט אָנגעשטעלט אויערען און אויגען.

„וואָס מיינסט דו דערמיט ?“ האָט ער געפרעגט.

„וואָס זאָל איך דערמיט מיינען ? דו, דער גרויסער העלפאנט, מיין חבר — א קונצענמאכער, א פאיאץ, א בעטלער, א טעלער־לעקער...“

„אך, אזוי מיינסט דו עס?“ — ער האָט זיך אביסעל בעליידיגט און איז גלייך געוואָרען שטעכענדיג. „נא, מיר האָט מען עפּעס דערצעהלט וועגען דיר, אז דו ביזט געוועזען אין א צירק, געשפּרונ־גען דורך רייפען, געטאנצט אויף פערד, געבראָכען זיך... מיט איין וואָרט — א פאיאץ, א קונצענמאכער...“ ער האָט געצויגען די ווער־טער מיט א פיינער, פיינער איראָניע.

„דו לייגסט !“ האָט דער לייב אויסגעברילט. „איך בין קיין מאָל נישט געוועזען דאָס, וואָס דו זאָגסט. איך בין געשפּרונגען דורך רייפען, געטאנצט אויף פערד, אָבער מיט בייטשען האָט מען מיך געטריבען און רעוואָלווערען. איך האָב נישט געוואָלט געשמיסען ווערען און—איך בין זיך מודה, און דאָס איז אפשר מיין גאנצע זינד—איך בין געהאנגען אין לעבען און מורא געהאט פאר די רע־וואָלווערען, דערפאר בין איך אומגעשפּרונגען. איך האָב מיך אָבער נישט ערניעדריגט, נישט געבעטעלט קיין ברויט און צוקער און נישט לוסטיג געמאכט דעם עולם מיט'ן גוטען ווילען. איך האָב מיך אויפ־געפיהרט ווי א לייב און צולעצט האָב איך אָבגעטרייסעלט פון מיר

די מורא פאר'ן רעוואָלווער. דאן האָט מען מיך פערזעצט אהער אין דאָס שטייגעל. די אייזערנע שטאנגען זיינען צו שטארק פאר מיר, אָבער די יעניגע, וועלכע האלטען מיך געפאנגען, ציטערן פאר מיר. דו לייגסט, הערסט דו! א געפאנגענער קעניג בין איך, אָבער דאָך א קעניג!"

„נא", האָט דער העלפאנט אָבגעשמייכעלט מיט זיין פיינער איראָניע, „איך בין איין אנדער מיינונג. איך זאָג מיר, ביזט געפאנגען, זיטצסט הינטער אייזערנע שטאנגען, ווארטסט אויף גנאדען־ברויט, טיק מאך־זשע נישט, ברודערקע, קיין קוראזש. מיינסט דען, אז איך וואָלט נישט געקענט שרעקען די מענשען? איך דארף נור העפטיגער א קלאפ טון מיין נאָז, מאכען א שנעלערע בעוועגונג, שטארקער אָבברומען און דער גאנצער גרויסער, לאכענדיגער עולם וועט זיך צולויפען אָהן א נשמה, וואו דער פעפער וואקסט — זעהסט, אַ?"

ער האָט אָנגעהויבען ווילד אומצוּוואַרפען זיין גרויסען קערפּער, משונה'דיג צו ברילען און אָנגעכאפּט זיך מיט דער נאָז פאר די אייזערנע שטאנגען. דער עולם האָט זיך א לאָז געטאָן, שטארק דערשראָקען, מיט איין אימה'דיגען געשריי: „ער וועט זיך ארויס־רייסען! ער וועט זיך ארויסרייסען!" אָבער דער העלפאנט האָט אָבגעלאָזען די שטאנגען און אָנגעהויבען צו מאכען זיינע פערבויגונגען. די מענשען זיינען ביסלעכווייז און אָבגעהיט צוגעגאנגען צו די שטאנגען און באלד איז אלץ פערגעסען געווארען און ער האָט ווידער געקראָגען ברויט און צוקער.

ער האָט זיך ווידער געווענדעט צום לייב:

„זעהסט, הא? זיי האבען מורא פאר מיר נישט ווייניגער ווי פאר דיר. אָבער וואצו זאָל איך זיי פערטרייבען? צוקער איז זיס און ברויט איז זעטיג..."

ער האָט גאנץ גנב'יש צוגעוואונקען מיט די אויגען, געמאכט א פערבויגונג און געקראָגען א גרויס שטיק ברויט.

איין עקעל האָט אָנגעכאפּט דעם לייב. ער האָט אזש געציטערט מיט'ן גאנצען קערפּער. ער האָט געזוכט נאָך א הארב וואָרט, נאָך

דער שווערסטער, שטאַרקסטער בעליידיגונג. ער האָט זיך שטאַרקער אָנגעשפּאַרט מיט די פֿאָרדערסטע פֿיס אָן די שטאַנגען פֿון זיין שטייגעל און מיט אַלע כחות אויסגעשריען פֿון פֿעראַכטונג:
„מה־יפית־אידעל!"

דער העלפֿאַנט האָט אָבגעלאַכט גוטמוטיג און געשלונגען די גוטע זאַכען. אָבער דער לייב האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און אַרויפֿגעלעגט זיינע גרויסע לאַפּעס אויף זיין קעניגליכען קאָפּ.

.1899

שינר.*)

אַ טרויעריגע מעשה מיט אַ נאָך טרויעריגערען צוגאָב.

די טרויעריגע מעשה.

אַ זונטאג איז עס געוועזען און אַ הערליכער אפּריל טאָג.

אויף אַ גרויסען ארומגעצוימטען פּלאַץ, נישט ווייט פון דעם שיינעם טייך האָדסאָן, אין דער גרויסער פיעלבעפעלקערטער שטאָדט ניו יארק, האָט זיך פערקליבען אַ יונגער עולם אין באָל צו שפּיעלען, אין מיאטשיק. צעהנדליגע און איבערצעהנדליגע זיינען דאָ געוועזען. גרויסע און קליינע, אַלע זונטאגדיג אָנגעטאָן און זונטאגדיג אויפגעלעבט, געניסענדיג מיט אַלע זייערע חושים דעם שיינעם טאָג, די רוה און דאָס שפּיעל.

און אויף דעם פּלאַץ איז ארויפגעפאָהרען אַ קליין, רויט פערדעל, צוגעשפּאנט צו אַביידעל און אָנגעטריבען פון אַ יונגען בחור׳ל, אָהן באָרד און אָהן וואָנסען און מיט גוטמוטיגע בלויע אויגען.

דאָס פערדעל האָט זיך קונדס׳דיג אַ יאָג געטאָן, פעררייסענדיג הויך דעם קאָפּף. עס האָט געשפּירט, אז דאָ וועט מען בלייבען שטעהן און אויסרוהען זיך און אפשר נאָך כאפּען אַ קיי. און דאָס איז געוועזען מונטער און לוסטיג, צופריעדען מיט דער גאנצער ליעבער וועלט.

און איבערצופריעדען איז געוועזען זיין יונגער בעל־הבית. אייז־קרים, געפּראָרענעס, האָט ער געבראכט אין זיין ביידעל, און ער האָט זיך גערעכט אויף גוטע געשעפטען.

---

*) זשיד.

די זון באקט, און דער יונגער עולם שפּיעלט אין באַל, און איז צוהיצט און שוויצט און איז דורשטיג נאָך איין אָבקיהלונג, און ער איז דאָ איינער אליין מיט זיין אייז. איינער אליין, אָהן קאָנ־קורענטען.

די בלויע גוטמוטיגע אויגען האָבען איהם געלויכטען, א זיסער שמייכעל האָט זיך צולעגט אויף זיינע ליפּען, און עס האָט זיך איהם געזונגען אין הארצען און אלע גליעדער, און א פרעהליכער ניגון איז געלעגען אויף זיינע לעפּצען.

ער וועט דאָ א גליק כאַפּען, האָט ער געמיינט; זיין גאַנצע סחורה וועט ער אויספערקויפען, האָט ער געמיינט, און אומקעהרען זיך אהיים אָנגעלאָדען מיט געלד און מיט גוטען פערדיענסט, אזוי האָט ער געמיינט.

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט זייןביידעל אויף איין אָרט, פון וועלכען מען האָט איהם געקאָנט זעהן אין אלע עקען פון דעם גרויסען פּלאץ. דאָס פערדעל האָט שטיפעריש א וואָרף געטאָן צו איהם מיט'ן קאָפּף, און ער האָט עס אָנגעגלעט, פריינדליך אָנ־געקלאפּט איבער'ן רוקען. ער איז געווען צופריעדען. און מיט לאכעדיגע, לייכטענדיגע אויגען האָט ער זיך צוגעקוקט צום שפּיעל און געוואַרט אויף קונים.

זיי האָבען ניט געלאָזט לאנג וואַרטען אויף זיך. פון אלע עקען האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו שיטען, גרויסע און קליינע, פער־שוויצטע, צוהיצטע, פערסאָפּעטע און דורשטיגע נאָך איין אבקיהלונג.

און ער האָט זיך גע'בריה'ט. פלינק געגעבען די אָבקיהלונג, פלינק גענומען דאָס געלד און פלינק ארויסגעגעבען דעם אויסגאַב, און עס האָט זיך איהם געזונגען, און זיינע גליעדער האָט דורכגע־צוקט א פרעהליך לאכען.

און עס איז געווען, אז עטליכע האָבען זיך נישט געקאָנט דערוואַרטען, ביז ער וועט זיי דערלאַנגען די אָבקיהלונג, אָדער האָ־בען די נויטיגע מטבעות נישט געהאַט צו בעצאהלען פאר דאָס אייז, האָבען זיי זיך עס גענומען אליין. די הענד האָבען זיי אריינ־געשטעקט אין די בלעכענע עמער און געשפּארט אין מויל גאַנצע

הויפענס מיט אייז־קרים. א פערציטערטער איז ער געוואָרען, און אויפגעבראכט איז ער געווארען. און ווען ער האָט זיי געוואָלט פערטרייבען און אויפגעהויבען זיין האנד אויף זיי און אויפגעעפענט זיין מויל, האָבען זיי דערקאָנט, אז דאָס איז א איד.

דאן האָבען זיי אויסגעשריען אין איין קול: „דזשו! שיני!“ שיני! שיני! שיני!

און ווען ער האָט ווידער אויפגעטאָן זיין מויל צו זאָגען עפּעס אין זיין גרויסען כעס, האָט עס נאָך שטארקער אָבגעהילכט: „דזשו! שיני!“

שיני! שיני! שיני!

און עס איז געווארען א לאַכעריי, א פייפעריי און א היקעריי. קליינוואַרג און גרויסוואַרג זיינען העזה׳דיגער געוואָרען. קיינער האָט שוין יעצט נישט געטראכט מעהר פון קויפען, און מעהרער זיינען געוואָרען די הענד נאָך דער אומזיסטער אָבקיהלונג.

און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס זאָל ער טון. צי זאָל ער זיך ארויפוואַרפען אויפ׳ן עולם מיט זיינע פויסטען און ציינער, און שלאָגען און ווערגען און בייסען, אָדער צו זאָל ער זיך אויסציהען פאר זיי אויף די קניע און בעטען זיי רחמים מיט טרערען, דערציהלען זיי, אז דאָס איז געבאַרגטע סחורה, אז זיי מאכען איהם אונגליקליך. ער האָט זיך געוואַרפען אויף אַלע זייטען אין זיין גרויסער פערצווייפלונג, אויסגעשטרעקט די הענד מיט א דערשראָקענעם, בעטענדיגען בליק און געראנגעלט נאָך לופט און געזוכט נאָך ווערטער.

אָבער אַלץ העזה׳דיגער זיינען געווארען די נאשער, און אַלץ איינגער האָט מען איהם ארומגערינגעלט.

מען האָט איבערגעלאָזען די באָלס, פערגעסען דאָס שפּיעל, און פון אַלע זייטען איז מען געלאָפען צוםביידעל, און פון אַלע זייטען האָט עס געשריען און גערוישט:

שיני! שיני! שיני!

די יונגע פנים׳ער זיינען נאָך רויטער געווארען. די אויגען האָבען געבליצט, די ליפען האָבען זיך צושפּרייט אין א ווייטען לאַכען.

שיני! שיני! שיני!

און עס זיינען געווען אידישע קינדער אונטער דעם יונגען עולם. אידישע קינדער, אמעריקאניזירטע, וועלכע קענען נישט מעהר דאָס אידישע פאָלק, לאבען אוים פון זיין שפּראַך און פון זיינע דרכים. און זיי האָבען אויך געריפען „דזשו!“ און „שיני!“ און האָבען אויך געשפּארט די הענד אין די בלעבענע עמער, ארויס־גענומען פולע הויפענס אייז־קרים און געשטופּט אין מויל.

דאס בחור'ל האָט זיך אומגעקוקט נאָך הילף. אָבער ער האָט בעגעגענט נור לאכענדיגע, אויסלאכענדיגע אויגען. און א חברה קליינע לויפערס, יונגאטשעס, האָט זיך פערקליבען אויף א בערגעל פון מיסט און ברעטער און געוואָרפען פון דאָרט שטיינער.

א מורא איז אָנגעפאַלען אויף איהם. ער האָט זיך דערשראָקען פאר זיין לעבען. מיט די פויסטען האָט ער זיך ארויפגעווארפען אויף דאָס קליינוואַרג, וואָס האָט איהם ארומגערינגעלט, און געבעט־טען האָט ער זיך מיט טרערען אין די אויגען: „וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס האָט איהר אייך אָנגעזעצט אויף מיר?“

אָבער זיין בעס האָט נור ארויסגערופען געלעכטער, און זיין געבעט — שפּאָט. און קאלטבלוטיג זיינען געשטאנען די קליינע ווארפער און האָבען געוואָרפען א שטיין נאָך א שטיין.

דאן האָט ער זיך אריינגעכאפּט אין דאָס ביידעל און א טריב געטאָן דאָס פערד.

ענטלויפען! ענטלויפען!

עס האָט זיך אויפגעהויבען א הורראַ, און פון אלע זייטען האָט מען געמאכט מיט די הענד און געשראָקען דאָס פערדעל. מען האָט איהם פערשטעלט דעם וועג צום ארויסגאנג און געטריבען אָן א זייט.

נור ער האָט זיך דאָך ארויסגעכאפּט אויף די פרייע, ברייטע גאַס. יעצט אָבער יאָגען זיך!

אָבער דער גאנצער עולם איז נאָכגעלאָפען פון אלע זייטען און געשריען און געפייפט. דאָס דערשראָקענע פערד איז זיך פער־נאַנדערגעלאָפען און דאן פערנאנדערגעבריקעט זיך, האָט אויסגע־

בראָכען מיט די הינטערסטע פיס דעם פאָרדערסטען טייל פון דעם ביידעל און איז געבליבען שטעהן.

און ווידער האָבען איהם ארומגערינגעלט די כת לצנים. שיני! שיני! שיני!

יעצט איז ניטאָ מעהר קיין רעטונג. זיי וועלען איהם מיט שטיינער פערוואַרפען, זיי וועלען איהם פערמוטשען צום טוידט.

און ער האָט זיך אויסגעצויגען אין זיין ביידעל, מיט'ן געזיכט אראָב און האָט זיך פערנאַנדערגעוויינט.

דער נאָך טרויעריגערער צוגאָב.

און עס איז געוועזען, ווען דער אָרמער אידישער הענדלער איז געלעגען אין זיין ביידעל און האָט געוויינט, זיינען אָנגעקומען צוויי אידישע דיכטער, איין עלטערער און איין אינגערער. זיי זיינען געגאַנגען צום שיינעם טייך האָדסאָן צו געניסען די הערליכע נאַטור, צו דערוואַרמען זייערע הערצער און צו דערפרעהען זיי.

און אז זיי האָבען דערזעהען די גרויסע פערצווייפלונג פון דעם אידישען בחור'ל, זיינען זייערע הערצער אָנגעפילט געוואָרען מיט בּיטערקייט און מיט טרויער, און דער עלטערער האָט אויסגערופען אין זיין גרויסער טרויער: „וועה דעם אונגליקליכען! ווי זאָלען מיר איהם העלפען?"

און זיי האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן. צוויי שטרויענע געשטאַלטען, גבורים מיט דער פען, אָבער נישט מיט דער פויסט. און דער אינגערער האָט געזאָגט פערשעמט צו דעם עלטערן: „לאָ'מיר אוועקגעהן!"

אָבער דער עלטערער האָט דערזעהן א פּאָליסמאַן ווייט אין אָנהעב גאַס און א לאָז געטאָן זיך צו איהם. דער פּאָליסמאַן איז געקומען און פערנאַנדערגעטריבען דעם רווישענדען עולם מיט קלעפּ און שלעג און בעפרייט דעם אונגליקליכען פון זיינע פייניגער.

דאַן זיינען ביידע דיכטער אוועק צום שיינעם טייך האָדסאָן, צו געניסען די הערליכע נאַטור, צו דערוואַרמען זייערע הערצער און צו דערפרעהען זיי.

אָבער נישט דערפרעהט איז געוואָרען דעם עלטערנס הארץ און נישט דערוואָרעמט. ווי א שווערער שטיין איז געלעגען דאָס געזעהענע אויף זיין נשמה און פעראומעט זיין געמיטה. פאר דעם אידען אין זיך האָט ער זיך געפיהלט בעליידיגט, און דער גלות איז אויפגעשטאנען פאר איהם אין זיין גאנצער גרויזאמקייט.

דער אינגערער האָט איהם געטרייסט. ניין, דאָס איז נישט געוועזען קיין אויסברוך פון אנטיסעמיטיזמוס, פון דעם אייביגען האס צו דעם אידען — אמעריקא איז ריין פון דעם דאָזיגען שאנד־פלעק. דאָס איז געוועזען בלויז דער פרעמדען־האס, וועלכען מען זעהט אָפט אויף די גאסען פון די גרויסע שטעדט אין אמעריקא, דער האס צו דעם ניי־אָנגעקומענעם, צום גרינעם. שטעהט זיך וועניג אוים דער איטאליענער, וועלכער האנדעלט מיט פרוכטען אין די גאסען? ווערט ביי איהם נית אָפט צוכאפט זיין גאנצע סחורה? און ווי געהט עס דעם כינעזער? דעם גרעק?

נישט געלאָזען טרייסטען האָט זיך דער עלטערער, און מיט א געבראָכענעם קול האָט ער גערעדט. ניטאָ קיין שמערץ ווי דעם אידענס שמערץ. דער איטאליענער און דער כינעזער און דער גרעק האָבען זייער אייגען לאנד. דאָרטען האָבען זיי מעהר קיין מורא נישט פאר דעם פרעמדען־האס, דאָרטען זיינען זיי בעשיצט פון אזעלכע בעליידיגונגען, און אזעלכע טרערען זיינען זיי דאָרטען פערשפּאָרט. וואו איז אָבער דעם א י ד ע נ ס אייגענער ווינקעל? וואו איז ע ר בעשיצט פון דעם ברוטאלען, בעליידיגענדען האס? וואו ווערען א י ה ם פערשפּאָרט די דאָזיגע ברענענדיגע טרערען?

אָבער דער אינגערער איז נישט געריהרט געוואָרען און פרעה־ליך האָט געקלונגען זיין קול. נור נישט אזוי איכה׳דיג רעדען. אמעריקא איז זיכער א לאנד, וואו די אידען פיהלען זיך היימיש. און וואָס מעהר זיי וועלען אמעריקאניזירט ווערען, אלץ בעסער פאר זיי. אָבער אויך אין אלע אנדערע לענדער ווערט עס בעסער און בעסער. „מענשליכער ווערט דאָך דער מענש און פערמילדערט". דעם אידען איז יעצט בעסער נישט בלויז ווי מיט הונדערט יאָהרען צוריק, נור אפילו ווי מיט פינף און צוואנציג. און

מיר לעבען דאָך עפּעס אין דעם צוואַנציגסטען יאהרהונדערט — אין דעם צ ו ו א נ צ י ג ס ט ע ן יאהרהונדערט! וועה אונזערע טאַטעס, וועלכע האָבען פריהער געלעבט! וואויל אונז, וואָס מיר לעבען יעצט! אַך, נור קיין איכה'ס נישט לייענען! זאָל די פערגאַנגענהייט בלייבען פערגאַנגענהייט, און מיר, זאָלען מיר געניסען די יעצטיגע צייט אונטער דער אויפגעהענדיגער זון פון דער הערליכער צוקונפט.

„דעם קאָפּ הויך, און געניעסט! קלייבט נחת רוח! זעהט, איז דאָ נישט הערליך? — זעהט, ווי שיין דער האָדסאָן איז!“

ער האָט גערעדט ווי אין א פיעבער, און גרויסע זעהונגען האָט ער געזעהן פאַר זיינע אויגען. אָבער דער עלטערער האָט נור צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„מיט מיר איז עס אוים. איך פיהל עס. איך וועל שוין נישט א סך זעהען. און עס איז בעסער אזוי. וואָס גיט מיר דאָס אידישע לעבען? עלענד און נויט. וואָס האָב איך פון מיין אידיש שרייבען? אונ־כבוד און פערגעסענהייט. עט! — און וואָס איז מיט אייך דאָס מער? ליידט איהר נישט־טאָג טעגליך און וועט איהר ווייטער נישט ליידען אונטער אייער אידישען יאָך? אין אייערע וואָנצען זיינען שוין אויך גרויע האָר, און איהר זייט ערשט דרייסיג“.

נישט פערפינסטערט האָט זיך דער בליק פון דעם אינגערען, און ער האָט אויפגעלאַכט. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענד ווייט און ברייט און געפיהלט א גרויסע קראַפט, און זיינע אויגען האָבען געלויכטען, און געדונערט האָט זיין שטימע.

אַך, די זונן, די זונן, זי קומט! די נאַכט איז אויף אייביג פאַראיבער!

און די גרויע האָר אין די וואָנצען, זיינען זיי דען נישט בלויז א ביסעל העלערע, בלאָנדערע?

און ער האָט גענומען פערנאַנדערצושאָקלען דעם אַלטען, אריינצוגעבען מוט אין זיין הארצען און לעבען אריינצובלאָזען אין איהם. אָבער טרויעריג האָט יענער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און

זיי זיינען זיך צוגאנגען אהיים יעדער אין זיין וועג, טרויעריג און נידערגעשלאָגען דער איינער, פרעהליך און מונטער דער אנדערער.—

און עס איז געוועזען, אז ווען דער אינגערער איז געקומען צו זיך אהיים, א פרעהליכער און א גליקליכער, האָט איהם זיין יונגע פרוי בעגעגענט מיט א צייטונג אין דער האנד און מיט טרערען אויף די אויגען, און איהרע ליפּען האָבען געשטאמעלט:

„וועה, וואָס עס האָט זיך צוטון אין קישינעוו! הונדערטער און הונדערטער אידען זיינען געטויט און פערוואונדעט געוואָרען. טויזענדער זיינען בערויבט געוואָרען און געבליעבען אָהן א היים און אָהן א דאך איבער'ן קאָפּף. פרויען און מיידלעך האָט מען פערגוואלטיגט, מוטערס האָט מען די זויגענדע בריסט אָבגעשני־טען, און קליינע קינדער האָט מען אויף שטיקלעך צוריסען, ווי נישט נויטיגע שמאטעס. און ווען די אידען האָבען זיך צוזאמענגענומען צו בעשיצען זייער לעבען, האָט זיי די פּאָליציי פערנאנדערגעטריע־בען, און ערשט אויפ'ן דריטען טאָג, ווען די בעסטיעס האָבען זיך אָנגעזעטיגט מיט אידישען בלוט און טרערען, האָט די רוסישע רעגיערונג ערקלערט די שטאדט אין קריעגס־צושטאנד".

און דער יונגער דיכטער האָט פערגעסען אלע זיינע פריהערדיגע רעד, עס איז פערשוואונדען זיין פרעהליכקייט און מונטערקייט, און זיין הארץ האָט איהם פערקלעמט. ער האָט געכאַפּט די צייטונג און איינגעגעסען זיך אין די בלוטיגע שורות מיט בלוטיגע אויגען. און וואָס מעהר ער האָט געלייענט, אלץ דייטליכער און קלערער איז אויפגעשטאנען פאר איהם די גרויסע מאכטלאָזיגקייט און רעכט־לאָזיגקייט פון זיין אידישען פאָלק. ווי א בייזע איראָניע האָט יעצט געקלונגען אין זיינע אויערן זיין פריהערדיגער אויסרוף:

„אין דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט!"

וועה, וועלכען טרייסט קאָן ער געבען די הונדערטער געטוידטע און די הונדערטער פערוואונדעטע? וועלכען טרייסט קאָן ער געבען זייערע יתומים און אלמנות? וואס פאר א בערוהיגונג קאָן ער געפינען פאר די פערגוואלטיגטע און געשענדעטע? וואו איז דער באלזאם, וועלכען ער זאָל קאָנען גיעסען אויף די וואונדען פון

די מוטערס, וואָס זייערע עופה׳לעך זיינען אומגעקומען אין די שווארצע טעג?

ווער ווייס, צו קומען נישט פאָר אין דעם מאָמענט נייע הריגות אויף די אידען אין רוסלאנד? און וואו איז די גאראנטיע, אז זיי וועלען מאָרגען נישט פאָרקומען און איבער א יאָהר?

וועה צו דער מאכטלאָזיגקייט! וועה צו דער רעכטלאָזיגקייט!

ווער וועט זיך אָננעמען פאר די אונגליקליכע? ווער וועט זיך איינשטעלען פאר די אונבעשיצטע? וואו איז די אויסלייזונג פון דעם אייביגען שרעק?

קיינער נישט! ערגיץ נישט!

צו קיין לאנד קאָנען זיי זיך נישט ווענדען! קיין לאנד וועט זיי נישט וועלען אויפנעמען! אויך דאָס פרייע אמעריקא נישט. זי וועט צומאכען פאר זיי איהרע טויערען, ווען זיי וועלען קומען אָהן געלד, וואָס די פאָגראָמשטשיקעס האבען ביי זיי צוגענומען, אָדער מיט א מום, וועלכען די פאָגראָמשטשיקעס האבען זיי געמאכט.

וועה, וועה, וועה!

ער האָט געראנגעלט נאָך לופט, ער האָט געזוכט נאָך ווערטער. ער האָט געשאָקעלט די פויסטען געגען הימעל, און דאָס הארץ איז איהם פערגאנגען פאר נישט קאָנען העלפען, פאר נישט זעהען קיין הילף.

וואו נעמען דעם פאָליסמאן, וועלכער זאָל בעפרייען די אידען פון זייערע פייניגער — גלייך, שוין, אויף אָרט און שטעלע?!

וואו איז ער, דער פאָליסמאן? וואו איז ער? וואו איז ער? — — —

און ער האָט געהאט דאָס געפיהל, אז ער דארף זיך א וואָרף טון אויף דער ערד, מיט׳ן געזיכט אראב, און וויינען, וויינען, וויינען...

1903.

די יונגע.

פיער ארטען יונגען זיינען געוועזען אין דעם צימער, וואו אלטע האבען געהוליעט זייער שמחת תורה און וואו אלטע האבען זיך צו־היצט און צובייזערדט און אויסגערעכענט אויף די יונגע „וואס אין א קארט".

ארבעה בנים — ניי איינגעטהיילט.

יונגע, וועלכע זיינען קיינמאל נישט יונג געוועזען, וועלכע געהער־רען שטענדיג צו די אלטע, וועלכע זעהען נאך עלטער אוים, ווייל זיי נעמען אויף זיך אויף דעם שאינו יודע לשאול'ם אופן די גאנצע אלטע, פערשטויבטע, פערשימעלטע לאסט, וועלכע די אלטע האבען געטראגען און וועלכע שמעקט שטארק מיט פוילקייט, ווייל אלטע האבען זי געטראגען.

יונגע, וועלכע ווילען שטענדיג יונג זיין, וועלכע לעבען נור אין זייער יוגענד, וועלכע ווייסען נישט, וואס ליעגט פאר זיי און וואס ליעגט הינטער זיי, ווייל זיי ווילען עס נישט וויסען, וועלכע לעבען מיט'ן היינט, אהן נעכטען און מארגען, וועלכע געהען נישט מיט די אלטע, ענטלויפען פון די אלטע, ווייל אלץ, וואס איז אלט, שרעקט זיי, לאנגווײלט זיי, דערעסט זיי, וועלכע ווייסען, אז מיט יאהרען וועלען זיי אויך אלט ווערען און זיי ווילען זייער יוגענד אין גאנצען געניעסען.

יונגע, וועלכע פערביטערן זיך זייער יוגענד און האסען די עלטער, האלבע מענשען, וועלכע שטעהען שטענדיג אין מיטען וועג, וועלכע זוכען, אום קיינמאל נישט צו געפינען; וועלכע בלאנדזשען, ווייל יעדער גלייכער וועג איז זיי פערהאסט; וועלכע זיינען עהרליך און פיהלען זיך נישט אין זייער עהרליכקייט; וועלכע ליעבען, און בעדויערן דעם, וועמען זיי ליעבען.

און ענדליך יונגע, וועלכע וועלען שטענדיג יונג זיין, ווייל זיי לעבען, אום יונג צו מאכען, אום אלעס צו דערפרישען און צו בע־נייען; וועלכע טראגען אין זיך א גן עדן פון האפנונג, וועלכער בליהט שטענדיג, אפילו ווען זיי שטארבען. —

* * *

די יונגע, וועלכע זיינען קיינמאל נישט יונג געוועזען, האבען געהוליעט צוזאמען מיט די אלטע, גערעדט די אלטעס לשון און געזידעלט די יונגע. מען האט זיי נישט געקאנט אבשיידען פון די אלטינקע. די זעלבע מיענעס, די זעלבע עווית, די זעלבע בעווע־גונגען. זיי האבען אפילו פאר קיינעם קיין דרך ארץ נישט געהאט, ווייל זיי פיהלען זיך פאר גענוג אלט, אום קיינעם קיין כבוד נישט אבצוגעבען.

יאהרטויזענדע האבען זיך דאס גערדעהט אין קרייז; יאהר־טויזענדע האבען דאס געטאנצט. יאהרטויזענדע, אין וועלכע אלץ איז פערמישט און צומישט און מען וויים נישט מעהר, וואס פריער, וואס שפעטער, וואס עלטער, וואס אינגער.

יאהרטויזענדע האבען דאס גערעדט; יאהרטויזענדע האבען זיך דאס געזידעלט; יאהרטויזענדע, אין וועלכע אלע שטימען האבען זיך צונויפגעגאסען אין איין שטימע, און מען וויים נישט מעהר, ווער רעדט: איין טאן — עלטער און אינגער.

* * *

די יונגע, וועלכע ווילען שטענדיג יונג זיין, האבען פערלאזען דאס צימער. זיי זיינען אוועקגעגאנגען, ווייל מיט די אלטע איז זיי צו לאנגווייליג, ווייל מיט די אלטע קאנען זיי זייער יוגענד נישט געניסען. זיי זיינען ענטלאפען, ווייל די זידלעריי פון די אלטע איז דער עיקר געגאנגען אויף זיי און דאס האט זיי לוסטיג געמאכט, און געמאכט ביי זיי אלע רעד און מוסר־זאגען צו שפאט און ארויס־גערופען דאס פערלאנגען צו לעבען, ווי זיי לעבען.

זיי זיינען אוועק צו זייערע פערגניגונגען, צו זייערע שפיעלען, צו זייער הוליען. צו זייער הוליען נישט פון גאט וועגען און נישט

פון דער תורה וועגען, נור פון זיך אליין וועגען. צו הוליען, אום צו הוליען.

זיי זיינען אוועק צום לעבען, וואס פרעגט נישט און זוכט נישט און האט פאר גאר נישט קיין מורא, צום לעבען, וואס ליעגט אין פערגניגען, באדט זיך אין תאוות און פייפט אויף אלץ.

זיי זיינען אוועק, ווייל זיי האבען מורא פאר אלטקייט, וועלכע וועט זיי אליין אלט מאכען.

* * *

די יונגע, וועלכע זוכען, אום קיינמאל נישט צו געפינען, זיינען געזועסען און האבען געשמייכעלט. זיי האבען געשמייכעלט, ווייל זיי ווייסען, אז די אלע אלטע מ ו ז ע ן אבשטארבען, מ ו ז ע ן אראבגעהן פון דער וועלט־סצענע, מ ו ז ע ן אויסגעמעקט ווערען פון אונטער דעם הימעל, און וויפיעל די אלטינקע זאלען נישט לויבען די גוטע אלטע צייט, וועט עס זיי נישט העלפען אויף איבערצודרעהען צוריק דאס ראד און די וועלט וועט זיך געהן ווייטער איהר וועג, כאטש־בי — — צו „בראנפען“ און צו „מיידלעך“.

זיי האבען אבער געשמייכעלט פערלעגען, נישט מיט'ן גאנצען הארצען. זיי האבען געזוכט, געגראבען ביי זיך אין מח און אזוי האבען זיי געזאגט צו זייער הארצען:

„דאס טאנצט א ווילדע, אונענטוויקעלטע, אונגעבילדעטע מאסע — א מאסע וואס זיצט נאך אלץ אין דעם חשך מצרים און שטינקט נאך מיט דעם דארטיגען קנאבעל. נור פאר וואס קאן אט די ווילדע מצרים־מאסע אזוי בעגייסטערט ווערען און די נייע, די ענטוויקעלטע, קענען נור קריטיקירען און מיט פעראכטונג, פון אויבען אראב, שמייכלען און לאכען? פאר וואס האט די מאסע א טאנץ, אין וועלכען זי הערט נישט די פיס און צעהלט נישט די „פא“, ווייל עפיס העבט זי, שטופט זי, דרעהט זי און הייסט איהר שפרינגען, זינגען, קלאפען און קוליען זיך, און די נייע וועלט האט נור איין אויסגעלערנטע קאדריל און פאלקע?“

אזוי האבען גערעדט צו זייער הארצען די יונגע, וועלכע זוכען

אום קיינמאָל נישט צו געפינען, וועלכע בלאָנדזיען, ווייל יעדער גלייכער וועג איז זיי פערהאסט.

און זיי האָבען געשמייכעלט און טרויעריג איז זיי געוואָרען און א בייגקענים איז אויף זיי אָנגעפאלען. זיי האָבען געבייגקט נאָך איין אידעאל — נאָך איין אידעאל פאר דער נייער וועלט, פאר דער קומענדיגער מענשהייט, און אזוי האָבען זיי גערעדט מיט זייער בייגקענדיגען הארצען:

„צו וועט דען די צייט פערגליוועט ווערען אויף „בראנפען און מיידלעך“? צי וועט זיך די מענשהייט דאָ אָבשטעלען און דערביי בלייבען, ביז זי וועט צופוילט ווערען, אויסגעהן און אָב־שטארבען? וועט שוין די נייע וועלט, די היינטיגע וועלט, בלייבען אָהן איין אידעאל, וואָס זאָל אויפמונטערן, אריינברייגען אין התלהבות, אָנציינדען א פייער אין די אויגען און אריינטרייבען די רויטע פארב אין די באקען? דארפען מיר אפשר בעקלאָגען, וואָס מיר האָבען אָנגעוואָרען דעם גלויבען?“

אזוי האָט די פרומע, בעגייסטערטע פרעהליכקייט פון די אלטינקע ארויסגערופען א שווערע בייגקענים אין די הערצער פון די יונגע, וועלכע זוכען, אום קיינמאָל נישט צו געפינען, און פער־ביטערן זייער יוגענד.

זיי האָבען מקנא געווען די אלטע און בעדויערט, וואָס זיי האָבען פערלאָרען די אלטינקעס אידעאל.

אָבער אין א ווייל ארום האָבען זיי שוין אזוי גערעדט צו זייער הארצען:

„נארען זיינען מיר, וואָס מיר בעדויערן! קינדער זיינען מיר, וואָס מיר בעדויערן! דען נישט גרויס איז דאָס אידעאל פון די אלטינקע און נישט הייליג. נור קליין איז דאָס אידעאל פון די אלטינקע און ניעדריג. נישט שלום מאכט דער איד מיט דער גאנצער וועלט אין זיין פרומער בעגייסטערונג. דאָס ווארפט ער איהר די האנדשוה און רופט זי ארויס אויף א מלחמה. דאָס האָפט ער צו זיין גאָט — צו ז י י ן גאָט! — און זעהט שוין א פריער נקמה אין אלע פעלקער.

און ווען דאָס ארמע, בעדריקטע, גע׳רודף׳טע אידישע פאָלק זאָל אפילו האָבען דאָס רעכט צו האסען, דאָס רעכט אויף שנאה און נקמה — אָבער דער האס פון די אלטינקע איז נישט דער האס פון שטאָלץ, וועלכען מען קאָן ברעכען אָבער נישט בויגען, נישט דער האס פון א געבונדענעם גבור, וועלכער וויל זיינע קייטען צורייסען. נור דער האס פון ניעדריגקייט, פון א פויזענדיגען קנעכט, פון א שרעקעדיגער ברואה, וואָס קאָן נור פון הינטען אָנפאלען אויף זיין שונא, און די גבורה, וואָס אזא האס רופט ארויס, איז די גבורה פון דעם ניעדערטרעכטיגען „שפוך חמתך", איז די גבורה פון דעם זיטליך און קערפערליך שוואכען קינד, ווען ער געהט מיט זיין טאטען..."

אזוי האָבען זיי גערעדט צו זייער הארצען און געטרייסט זיך, וואָס זיי האָבען אָבגעלאָזען די אלטינקעס אידעאל, און געשמיי־בעלט און געלאכט איבער די אלטינקע, וועלכע מוזען אראָב פון דער וועלט־סצענע, און ווייטער געזוכט, אום נישט צו געפינען.

* * *

און די יונגע, וועלכע וועלען שטענדיג זיין יונג, האָבען געטאנצט און געהוליעט צוזאמען מיט די אלטינקע און מיט די יונגע, וועלכע זיינען קיינמאָל נישט יונג געוועזען.

אָבער אין די אלטע האָפקעלעך האָבען זיי אריינגעטאנצט גאנץ נייע טענץ, אין די אלטע נגונים האָבען זיי אריינגעזונגען גאנץ נייע ליעדער. און וועדליג ארום זיי האָבען זיך ארומגעטראָגען אלטע דיבורים, האָט זייער פאנטאזיע געשפינט און געוועבט נייע בילדער.

דען יונגע א י ד ע ן זיינען דאָס געוועזען, וועלכע האָבען זיך אויסגעלערנט מ ע נ ש ל י ך צו פיהלען.

דען יונגע מ ע נ ש ע ן זיינען דאָס געוועזען, וועלכע האָבען זיך אויסגעלערנט א י ד י ש צו פיהלען.

דען אויף דעם קבר פון טויזענדער אָבגעשטאָרבענע און אויף די חורבות פון טויזענדער אבשטארבענדע אידעאלען איז אויס־געוואקסען פאר זיי א ניי אידעאל.

דערפאר זיינען זיי דאָך יונגע, וועלכע וועלען שטענדיג יונג זיין, ווייל זיי לעבען, אום יונג צו מאכען, אום אלעם צו דערפרישען, צו בעלעבען און צו בענייען. דערפאר זיינען זיי דאָך יונגע, וועלכע טראָגען אין זיך א גן עדן פון האָפנונג, וועלכער בליהט שטענדיג, אפילו ווען זיי שטארבען. —

* * *

און דערביי איז געזעסען דער דיכטער, אלט ווי די וועלט און יונג ווי דער פריהלינג. און האָט אזוי גערעדט צום עולם אין זיין ווייטען און ברייטען, מיט אלעמען ליידענדיגען און מיט אלעמען זיך פרעהענדיגען הארצען:

„מיינע ליעבע, איהר זייט ביי מיר אלע גלייך, אלט און יונג, אלע אלטע און אלע יונגע. איהר זייט ביי מיר אלע גלייך.

איהר זייט אלע גלייכע קליינע טיילען פון דעם גרויסען לעבען, און איך טראָג אין מיר דאָס גרויסע לעבען". —

.1899

גאַסען-בילדער

1.

„גרויס־קאַפּיטאַל“ און „קליין־האַנדעל“.

א הייסער, הייסער זומערטאָג, און די מענשען לעכצען נאָך שאָטען און אָבקיהלונג..

שטעהען זיך צוויי מענשען ביי דער זייט פון טראָטואַר אין א פיעל־בעזוכטער געשעפטס־גאַס און האַנדלען מיט קאַלטען קוואַס.

איינער האָט זיין געטראַנק אין א קאַסטען אויף פיער רע־דער, אין א ווייס געפאַרבטען און ריין אָבגעוואַשענעם קאַסטען, אוף וועלכען עס שטעהט פון אַלע פיער זייטען מיט גרויסע, רויטע דרוק־אותיות: „קאַלטער קוואַס“. און אין דעם קאַסטען איז פאַראַן א בעזונדער אַבטיילונג פאַר די גלעזער, אין וועלכע עס ווערט אריינגעגאָסען די אָבקיהלונג פאַר די ערפרישונג־זוכענדיגע מענשען, און א בעזונדער אָבטיילונג מיט ריינעם וואַסער, וואו די געברויכטע גלעזער ווערען אָבגעשווענקט און אָבגעוואַשען. און דער קראַנט, פון וועלכען די געפאָדערטע אָבקיהלונג קומט ארויס, איז זילבער־ריין, בלאַנק און גלאַנציג. און ער אליין, דער בעל הבית פון דעם קאַסטען, א יונגער מאַן מיט איין אָבגעגאָלטען באָרד, איז אנגעטאָן אין א קאָלירטען העמד, וואס איז נור א ביסעל פערשוויצט אונטער די ארמס, און אין א ווייסען פאַרטוך, אויף וועלכען עס ליעגט וואו נישט וואו א שפריץ וואַסער.

דער אנדערער האָט זיין געטראַנק אין א קליינעם שמוציג־געלען פעסעל, וואָס ער האלט אויף זיין רוקען, צוגעשנירט צו זיך מיט צוויי לאנגע רימענס, מיט דעם מעשענעם, פערראָסטעטען קראַנט צו דער לינקער זייט, וואו ער צאַפּט אָב די געפאָרדערטע אָבקיהלונג. די גלעזער שטעהען אין א ברייטען לעדערנעם גאַר־טעל, וועלכען ער טראָגט ארום זיך. טרינקט א קונה אויס זיין ביסעל אָבקיהלונג, ווערט דאָס גלאָז נישט אָבגעשווויינקט, נור דער פעסעל־מאַן גיעסט אויס די עטליכע איבערגעבליעבענע טראָפּען מיט א שטאַרקער בעוועגונג פון זיין האנד און שטעלט אריין דאָס גלאָז צוריק אין גאַרטעל. און ער אליין, דער בעל הבית פון פע־סעל, א יונגער מאַן מיט א געלען שיטערען בערדעל, איז אָנגע־טאָן אין א גראָבען לייוועגטענעם העמד, וואָס איז דורכגעטונקט אין שווייס, און אין א פאַרטוך, וואָס איז גאַנץ נאַס פון פערגאָ־סענעם קוואַס.

געהען די מענשען, די אָבקיהלונג־בעדירפטיגע, און קויפען דעם קאַלטען געטראַנק פון דעם מאַן מיט'ן גערעדערטען קאַסטען. שטעהען ארום דעם גערעדערטען קאַסטען א סך מענשען הייסע, פערשוויצטע, מיט ארויפגערוקטע צום נאַקען היטלעך און קאַפּע־ליושען, און פאַכען מיט דער נשמה און וואַרטען, ביז וואַנען עס וועט קומען די צייט פאַר זיי. נור א מאָל רייסט זיך איינער אָב פון דעם רעדעל נישט קאָנענדיג זיך דערוואַרטען אויף זיין צייט, און געהט־צו צום פעסעל־מאַן און טרינקט אויס אויף גיך א גלאָז קוואַס, נישט אומקוקענדיג זיך נישט אויף דאָס גלאָז און נישט אויף דאָס, וואָס אין דעם גלאָז.

פערדריסט דעם פעסעל־מאַן, און ער קוקט מיט בייזע קנאה־אויגען אויף דעם קאַסטען־מאַן און דעם קאַסטען און דאָס רע־דעל ארום איהם. קאָכט עס אין איהם, אז דער קוואַס אין זיין פעסעל מוז היים ווערען, און אז עס געהט צו איהם צו א קונה, קאָן ער די אויגען נישט אזוי לייכט אוועקנעמען פון די איבער־געבליעבענע ארום דעם קאַסטען־מאַן. און, בעדיענענדיג דעם קונה,

זאָגט ער צו איהם, אָבער אזוי אז אלע זאָלע זהערען: „אָן אוים־באפּענים א ביסעל אויף זיין בורדע! קוואס פערקויפט ער דען? בורדע א ביסעל!" און ער רופט אָן די סחורה פון זיין קאָנקורענט נאָך מיט איין ערגערען נאָמען.

אָבער קיינער ענטפערט איהם א וואָרט נישט, און עס איז, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אליין. —

פרייער ווערט עס ארום דעם גערעדערטען קאסטען. איין אי־בערים אין דער לייזונג. און דער קאסטען־מאן, וועלכען מען האָט ביז יעצט קוים געקאָנט זעהען, ווייל ער איז געוועזען ארומגערינ־געלט און פערשטעלט פון די פיעלע טרינקער, קוקט זיך ארום מיט א צופריעדענעם געזיכט, מיט א גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען, און קלאַפּט מיט די מטבעות אין דער קעשענע. ער בע־געגענט און בעגלייט די פארבייגעהער מיט דעם פרעהליכען בליק פון זיינע לייכטענדיגע אויגען, שטעלט אָבער קיינעם נישט אָב, באַט קיינעם נישט אָן זיין סחורה. עס ליעגט א רוהיגע זיכערקייט אין איהם, אז מען זעהט איהם שוין, און ווייל נור עמיץ קוואס, וועט ער שוין קומען צו איהם, צו זיין קאסטען. אָבער דער פּעסעל־מאַן בעגעגענט און בעגלייט די פארבייגעהער מיט גיעריגע, דורכ־דרינגענדיגע בליקען און באַט אָן יעדעם מאָל מיט א מין בייזער אין קול: „קוואס!" און דער פארבייגעהער קוקט זיך אפילו נישט אום אין זיין זייט אָדער קנויטשט גאָר אָן די שטערן, וואָס ער איז אזוי אונאנגענעהם געשטערט געוואָרען אין זיין גאנג און אין דעם גאנג פון זיינע מחשבות.

טראָגט אריבער דער פּעסעל־מאַן זיין בליק אויף דעם קאס־טען־מאַן, און ער קאָן נישט פערטראָגען יענעמס צופריעדען גע־זיכט, און ער רעדט ארויס, גרייט אויף צוקריגען זיך: „קוק נאָר אָן זיין „לאכענדיגען" פּרצוף!"

מאכט זיך דער קאסטען־מאַן נישט הערענדיג, און דער פּע־סעל־מאַן וויל איהם דאָך מאכען צו רעדען. זוכט ער אוים עפּיס א הארבער וואָרט א גרעסערע בעליידיגונג.

האלט זיך דער קאסטען־מאן נישט איין און פרעגט: „וואָס ווילסטו? דו!“

ענטפערט איהם דער פעסעל־מאן, גאנץ געררייצט: „איך וויל, דו זאָלסט א כפרה איינגעמען, וויל איך!“

וויים נישט דער קאסטען־מאן, צו זאָל ער שטארק אין כעס ווערען אָדער נישט אויסמאכען זיך פון דעם „האָלאָדריגע“, און ער ענטפערט האלב אין כעס און האלב מיט א חוזק׳דיגען שמייכעל: „נעם דו איין א כפרה, אויב דו ווילסט. ווער הייסט דיר שטעהן דאָ, ווער? קיינער האלט דיך דאָ נישט“.

געהט אוועק אזא מין געשפרעך:

„דו ווילסט א פנים, איך זאָל אוועקגעהן, הא? דאָס איז אָבער מיין פלאץ ווי דיינער, און איך וועל דאָ דוקא שטעהן“...

„שטעה פון מיינעטוועגען, און ווער כאָטש צופלאצט שטעהענדיג“.

„ווער דו צופלאצט! דו ווערסט׳אָך שוין צופלאצט, וואָס איך נעם בא דיר אוועק קונים!“

צולאכט זיך דער קאסטען־מאן: „האהאהא, קונים נעמט ער בא מיר אוועק! ער ווערט צופלאצט און זאָגט אויף מיר!“

און דער פעסעל־מאן זאָגט מיט זיין גאנצער בייזקייט: „דו מאָגסט צופלאצט ווערען סיי ווי סיי, דו שטיק הנידע, דו!“

און אזוי געהט עס אָן. א וואָרט פאר א וואָרט, פסוק ווייטער פסוק, פארבייגעהער ווערען אויפמערקזאם. א רעדעל העבט זיך אָן צוזאמענצוקלייבען, נישט אויף קוואס צו טרינקען, נור אויף צו צוהערען זיך. אויף אָבצוקיהלען און אָבצופיהרען די מידע געמיטער דורך א „לעבעדיגע“ סצענע. איין אָרדנונגס־היטער געהט צו, צוטרייבט דאָס רעדעל און יאָגט אוועק די וואָרטפיהרער. דער קאסטען־מאן געהט אוועק אין איין זייט און דער פעסעל־מאן אין איין אנדערע. געהט ער דער פעסעל־מאן און זידעלט זיך נאָך אלץ, בלייבט עטליכע מאָל שטעהן און קוקט נאָך מיט בייזע אויגען דעם קאסטען־מאן, וועלכער שטופט זיין גערעדערטען קאסטען מיט א רוהיגער צופריעדענהייט. געהט, געהט דער פעסעל־מאן

מיט פוילע טריט, אלץ קוקענדיג אויף הינטען. און אז דער קאס־טען־מאן ווערט אָבגעשטעלט ווייט אין גאס דורך אַ קונה, קעהרט זיך דער פעסעל־מאן אום און געהט אהין, צום קאסטען־מאן. — —

2.

גליקזעליגקייט.

א רייכע געשעפט־גאס. ריעזיג־הויכע מויערן, ריעזיג־רייכע געשעפטען און אַ סך רעסטאָראנען.

און עס איז מיטטאָג־צייט אין אַ זעהר קאלטען, פראָסטיגען נאָוועמבער־טאָג. געהען די מענשען פון די געשעפטען אין די רעס־טאָראנען, צו שטארקען זיך דאָס הארץ און אָנצוגעמען זיך מיט נייע כחות. און אויך גאסענגעהער קומען אריין און עקיפּאַזשען פאָהרען צו, און די רעסטאָראַן־טירען ווערען נישט צוגעמאכט פאר די פיעלע געסט, מענער און פרויען.

און איינער פון די רייכסטע רעסטאָראנען שטעהט אין עק גאס, דאָרטין וואו זי ווערט איבערגעשניטען דורך אַ וועניגער רוישענדיגער זייטען־גאס. דער פארביילויפענדיגער טראָטואר אין דער זייטענגאס איז אויסגעלעגט מיט גראטעס, פון וועלכע עס קומט ארויס אַ ליעבע ווארמקייט און אַ געשמאקער, אפּעטיט־רייצענדיגער גערוך פון געקעכטס. דאָס קומט פון דער רעסטאָראַן־קיך, וועלכע ליעגט אונטער דער ברוק פון דער גאס.

זיצט אַ קליין ארם, אָבגעריסען מיידעלע אויף די גראטעס, ווארמט זיך און ציהט אין זיך די מיט שפּייז־אנגעזעטיגטע קיך־לופט. זי האלט אַ פאָדעם אין מויל, קייט איהם, שפּיעלט זיך מיט איהם, און קוקט מיט איהרע פערטראכטע אויגען דאס אראָב אונ־טער די גראטעס אין קיך אריין, פון וואנען עס דערטראָגט זיך אַ קלאַפּעריי מיט אַ סך געשיר און אַ גערויש פון אַ סך קולות, דאָס ארויף צום גרויסען רעסטאָראַן־פענסטער איבער איהר, הינ־טער וועלכען עס זיצען רוהיג און ברחבה'דיג די רעסטאָראַן־געסט, איינציגווייז, פּאָרווייז און גרופּענווייז, מענער און פרויען, וואר־

טענדיג, עסענדיג און פעררוהענדיג זיך נאָך דעם עסען. זי קוקט גלייכגילטיג ארויף און אראָב, און אראָב און ארויף, קייענדיג איהר פּאָדעם, פערטראכט. פון צייט צו צייט שטעלט זי אָן איהר פערטראכטען בליק אויף איינעם פון די זייטיגע ארויסגיינג פון דער רעסטאָראן און האלט איהם דארטין לאנג. זיווארט.

עפּענט זיך אויף די זייטענטיר, אויף וועלכע זי האָט געקוקט, און א אינגעלע לויפט ארויס. ארם און אָבגעריסען, ווי דאָס מיידעלע. נור זיין געזיכט איז מלא שמחה, און איןביידע הענד, צונויפגעלעגט ווי א שיסעלע, האלט ער עפּיס אין א פּאפּיער. ער לויפט גלייך צו דער מיידעלע, לויפט מיט התפּעלות, פול ענטציקונג. און ער לעגט פאר איהר אויס, מיט א פערכאפּטען אָטעם און מיט ציטערנדיגע הענד, דאס פּאפּיער, אין וועלכען עס ליעגען אָנגעוואָרפען שטיקלעך פלייש און קארטאָפעל, איבערבלייבעכטסען פון די רייכע טעלער.

פערליערט דאָס מיידעלע איהר גלייכגילטיגקייט און לאכט אויף מיט א שטילען געלעכטערל, טיעף פון הארצען ארויס, פול פון נשמה־גליקזעליגקייט, און איהרע אויגען צולייכטען זיך ווי צוויי דימענטעלעך,ווארם און גוט, און זי קייקעלט זיך איבער אויף א זייט פאר גרויסער פרייד.

שטעהט דאָס אינגעלע אויף די קניע איבער דעם פּאפּיער מיט דעם עסענווארג, און זיין התפעלות ווערט פערגרעסערט דורך דער גרויסער פרייד פון דער מיידעלע, און ער רייבט זיך די הענד צווישען די קני, און בויגט זיך און שאָקעלט זיך און ווארפט זיך מיט'ן גאנצען קערפּער, און לאכט א שטילען, הארציגען געלעכטער.

רוקט זיך צו דאָס מיידעלע צו דעם פּאפּיער, און זיי העבען אָן צו עסען. לאכענדיג, נחת'דיג, גליקזעליג. — —

זרבבל.

א.

דאס איז געוועזען אין די טעג פון אחשורש, דעם אחשורש, וועלכער האט געקעניגט פון הודו ביז כוש, הונדערט און זיעבען און צוואנציג מדינות. אין דעם דריטען יאהר פון זיין קעניגען איז ער אין כעס געווארען אויף ושתי זיין פרוי, ווייל זי האט איינמאל זיין ווילען נישט געטאן, און האט אבגעטאן זי פון זיך. און אז זיין כעס איז געשטילט געווארען, האט ער שטארק בעדויערט וואס ער האט געטאן און זיין הארץ איז פול געווארען מיט בייגקענים נאך ושתי׳ן. און עס האבען געזאגט זיינע דיענער: „זאל מען אויפזוכען פאר דעם קעניג אין אלע מדינות פון זיין קעניגרייך יונגע מיידלעך און שיינע. און דאס מיידעל וואס וועט געפעלען ווערען דעם קעניג, זאל קיניגין אנשטאט ושתי׳ן". און דאס איז געפעלען געווארען דעם קעניג און ער האט אזוי געטאן.

א יונגער איד האט געלעבט אין שושן הבירה, און זיין נאמען איז געוועזען זרבבל דער זוהן פון שאלתיאל. פון דוד׳ם קעניגליכען הויז האט ער אבגעשטאמט, איין אייניקעל פון דעם לעטצטען אידישען קעניג, און קעניגליך איז געוועזען זיין אויסזעהן. הויך אין וואוקס און ברייט אין די שולטערן, אין זיינע טיעפע שווארצע אויגען איז געלעגען דער בליק פון א הערשער, און זיינע לאנגע שווארצע האר אין דעם נאקען האבען עדות געזאגט פון זיין קראפט. ווער עס האט איהם געזעהען, האט איהם ליעב געקריגט און אבשיי געהאט פאר איהם, און די אידען זיינען געוועזען שטאלץ מיט איהם. זייער זעלבסטשטענדיגקייט, די נאך נישט לאנג פערלארענע, האט ער זיי דערמאנט, און געוועקט אין זיי געדאנקען

ווענען אַ בעסערע, זעלבסטשטענדיגע צוקונפט. און אַ יונג אידיש מיידעל איז געוועזען אין שושן, און זי האָט געהייסען שושנה, און מעהר פאַר אַלץ האָט זי געליעבט זרבבל. זיין שפּיעלצייג איז זי געוועזען און זיין לאַסקע, זיין טרייסט אין שווערע מינוטען און זיין אבּרוה נאָך הארטער ארבייט. קליין און צאַרט, וויס דאָס געזיכט און שוואַרץ דאָס האָר. איהר גאַנצע נשמה איז געלעגען אויפגעדעקט אין איהרע שוואַרצע אויגען אונטער די שוואַרצע זייד־דענע פעדימלעך פון די ברעמען און דאָס איז געוועזען די ליעבליכ־קייט אַליין. העל איז געוועזען איהר לאַכען און האָט גענלעט די אויערן פון אַלע איהרע הערער ווי זיידענס פון דמשק. און שטענ־דיג האָט געלאַכט איהר מויל, און פון איהרע האַלב אָפענע ליפּען האָבען ארויסגעפינקעלט וואונדערזאַם ווייסע קליינע ציינדעלעך.

און עס איז געוועזען, ווען אחשורש האָט בעפאָהלען צו זיך די שיינע טעכטער פון זיינע אונטערטאַנען אויף אויסצוקלייבען פון זיי אַ ווייב פאַר זיך אנשטאָט ושתי'ן, האָט זרבבל געוואוסט, אַז זיין שושנה וועט זיין די אויסגעוועהלטע. און ער האָט זי בעהאַל־טען אין איין אָרט וואו דעם קעניגס דיענער זאָלען זי נישט קאָנען דערגרייכען, און איז נישט אָבגעטראָטען פון איהר, ווי אַ לייב גרייט אָנצופאַלען אויף יעדעם, ווער עס וועט שיקען נאָך איהר זיין האַנד. אָבער צוערשט האָט ער איהר געזאָגט: „שיין ביזט דו, שושנה, און עס איז ניטאָ קיין גלייכען צו דיר אונטער דער זונן. פון אַלע טעכטער יהודה'ס ביזט דו די שענסטע, און אומזיסט וועט מען זוכען נאָך איינע צו דיר צווישען אַנדערע פעלקער. דער בליק פון דיינע אויגען איז די זיסעסטע בעריהרונג, און דער קוס פון דיין מויל איז די אייביגקייט. ווי אַ הויך פון אַ בלום איז דיין קערפּער און געלייטערט און זעליג איז זיין גענויעסער. צו ווילסט דו נישט, זאָג מיר, שושנה, געגומען ווערען אין דעם קעניג'ס הויז? און עס וועט זיין, אַז ווען אחשורש וועט דיך דערזעהן, וועט ער אַראָבלאָזען זיך פאַר דיר אויף די קניע, גלייך ווי די געטין עשתרות וואָלט זיך איהם בעוויעזען אין איהר שענסטער געשטאַלט. און דו וועסט ווערען דעם קעניג'ס ווייב, אַ קעניגין פון הדו ביז כוש, פון הונדערט און זיעבען און צוואַנציג מדינות. און גרויס און מעכ־

טיג וועסט דו ווערען, א הערשערין איבער לעבען און טויד פון אלע דעם קעניג'ס אונטערטאנען, און אלע וועלען ציטערן פאר דיר. זאג מיר, שושנה, און דו ביזט גלייך פריי, איך אליין עפען אויף די טיר פאר דיר . . ."

אבער נישט געלאזען ענדיגען האט זי איהם, און ארויפגעלעגט איהר ווייכע קליינע האנד אויף זיין מויל. זי האט זיך צוגעדריקט צו איהם מיט איהר צארטען בלומען־קערפער און איהר קאפף ארויפגעלעגט אויף זיין שטארקע ברוסט, און וויינענדיג און דערשראקען איז געוועזען איהר שטימע: „וואס שרעקסט דיין שושנה דו, דו בייזער זרבבל? מאל מיר דעם טויד אויס און פערניכטונג, רעד מיר פון שקלאפעריי און שווערע קייטען, זאג מיר, אז העסליך וועל איך ווערען, מיט א געזיכט פון א מצורעת, און דו וועסט דיין שושנה אזוי ניט דערשרעקען, ווי מיט דיינע רעד פון דעם קעניג און זיין קעניגרייך. און ווי האסט דו געקענט אזוי רעדען, זאג מיר, מיט וואס האב איך מיך אזוי פערזינדיגט? ווייסט דו דען נאך נישט, ווי שטארק מיין ליעבע איז צו דיר? זאג מיר, מיט וואס זאל איך עס דיר נאך בעווייזען, און איך וועל עס טון. מיט פערשיעדענע שפראכען רעדט די ליעבע, און האב איך דען נישט אויף זיי אלע צו דיר געשפראכען? האב איך נישט געווארקעט ווי א טויב צו דיר און האב איך נישט געשריען מיט פלאמען־צונגען פון ליידענשאפט? האב איך נישט געלאכט אין דיינע אומארמונגען מיט מיין העלסטען לאכען, און האב איך דען נישט געוויינט פאר אויפגעהן אין דער זיסקייט פון מיין ליעבע? דו בייזער זרבבל, דו איינציגער מיינער! ווי א קראנקע טויב איז יעצט מיין ליעבע, אראבגעלאזען האט זי איהרע פליגלען און אין טיעפער טרויער פערווארפען איהר מידען קאפף, און דו האסט דאס זי פערוואונדעט!"

שטארק צוגעדריקט צו זיך האט זי זרבבל, און זיין הארץ האט אין איהם געשריען פאר ענטציקונג. ער האט זי נישט אבגעשטעלט אין איהרע רעד, און יעדעס ווארט פון איהרע פורפורנע ליפען האט שווערער געמאכט זיין אטעם. ער האט נישט געקאנט רעדען, שווער געהויבען האט זיך זיין ברוסט און מיט זיינע לייכטענדיגע אויגען

האָט ער געטרונקען פון איהר ליעבע, און זיי זיינען געוועזען ווי א ים, וועלכען מען קאָן נישט אָנפילען.

און שושנה האָט ארויפגעוואָרפען ארום זיין נאַקען איהרע נאַקעטע ווייכע אָרעמס און זי האָט געשעפּציעט צו איהם, און איהר קול איז געוועזען ווי דער קול פון א ווייטער פויגעל: „דו ביזט מיין קעניג און מיין קעניגרייך איז דיין ליעבע. גרעסער און רייכער איז עס ווי דעם קעניג אחשורש׳עס. עס פערגעהט די זונן קיינמאָל אין מיין קעניגרייך, און איך געוועלטיג אין איהם אונבעגרענצט. דיין שטאַרקע ברוסט איז מיין פעסטע לאַנד, אויף איהר בוי איך מיינע הערליכסטע פּאַלאַצען. דיינע אויגען זיינען מיינע ימים, איך טונק מיך אין זיי ווי די אונטערגעהענדיגע זונן און ווי די אויפגעהענ־דיגע קום איך פון זיי אַרויס און מיין וועלט איז הערליך און ליכ־טיג. דיינע מעכטיגע ארמס זיינען מיינע אַרמעען און זיכער פיהל איך מיך אונטער זייער שוטץ. איך וויל קיין אַנדער קעניגרייך נישט און די גאַנצע וועלט אָהן דיר וועט מיר זיין צו ענג און צו עלענד. מיין ליעבער, מיין איינציגער, מיין פעסטונג און מיין זונן, בעשיטץ דיין שושנה, בעהיט דיין קעניגין!"

פעסטער צוגעדריקט צו זיך האָט זי זרבבל, און זיין שטימע האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג, און דאָך האָט זי געהערט פון גרויסער קראַפט: „מיט דיר איז זרבבל, און וועה צו יענעם, ווער וועט אויסשטרעקען נאָך דיר די האַנד, און זאָל עס זיין דער קעניג אליין. אָבער רעד צו מיר, שושנה, רעד צו מיר, מיין הערליכע. עפען מיר אויף דעם גן עדן מיט דיינע ווערטער, און איך בין דער גאָט, וועלכער וואָהנט אין איהם. וואַרקע מיר, מיין טייבעלע, און פיל אָן מיין האַרץ מיט זעליגקייט."

און שושנה האָט אויפגעלאַכט מיט איהר העלסטען לאַכען און דאַן האָט זי געפליסטערט: „קליין איז שושנה אָבער גרויס איז איהר ליעבע, און ווי דער ים האָט זי קיין ברעג. אָבער שושנה וויל בעצאָלט זיין, און זי לעכצט נאָך אַ קוש!"

פייערדיג האָט זיך זרבבל צוגעדריקט צו איהר און נאָך פייער־דיגער איז געוועזען זיין קוש. לאַנג האָט ער זיינע ליפּען נישט אָוועקגענומען פון איהרע ליפּען, און עס איז געוועזען ווי ער וואָלט

אויסגעלעבט אין דעם קוס זיין גאנץ לעבען. און ווידער און וויע־דער האבען זיי זיך צונויפגעגאסען אין זייערע קוסען, און שושנה האט געלאכט מיט איהר העלסטען לאכען. און פלוצלינג האט זי פערוואָרפען איהר קאפף און אויפגעהויבען צו איהם איהר בליק פול מיט חן און שטיפעריש און זעליג־זיס איז געוועזען איהר שטימע: „און וואס וואלט זרבבל געטאן, ווען שושנה וואלט אוועק צום קעניג אחשורוש?“

א ציטער האט געטאן זרבבל מיט'ן גאנצען קערפער און צו־געמאכט זיינע אויגען. באלד האט ער זיי אויפגעעפענט און פינסטער איז געוואָרען זיין בליק, און ער האט זי פעסט ארומגענומען ווי צו שיצען זי, אז קיינער זאל זי נישט אוועקנעמען, און זיין אטעם איז געוועזען שווער, און ער האט געזאגט, און זיין שטימע איז געוועזען הארט: „איך קען א גרויסען פעלזען, הויך איבער א טיע־פען אבגרונד. אויף איהם וואלט זרבבל ארויפגעקלעטערט און דאר־טען אויבען וואלט ער אויסגעשריען זיין אונענדליכען וועהטאג. און אין שטויב וואלט צופאלען דער פעלזען פון זיין אויפשריי און וואלט פערשווינדען אין דעם אבגרונד מיט זרבבל'ן.“

און שושנה האט געציטערט מיט'ן גאנצען קערפער, בלייך איז געוואָרען איהר געזיכט און איהרע ליפען האבען זיך קוים בע־וועגט: „זיי מוחל מיר, וואס איך האב דאס געזאגט“. און זרבבל האט זי צוגעדריקט צו זיך מיט דער גאנצער מאכט פון זיין ליידענ־שאפט, און זיינע אויגען האבען געברענט, און ער האט ארויפגע־דריקט אויף איהר זיין פייערדיגען קוס: „מיינע ביזט דו, אליין און איינציג, אין אלע אייביגקייטען!“

ב.

נאך דער דאזיגער געשיכטע האט דער קעניג אחשורוש אויס־געקליבען זיך פאר א ווייב אסתר, דאס שוועסטערקינד און די אָנ־גענומענע טאכטער פון דעם איד מרדכי, דעם זוהן פון יאיר. און המן דער זוהן פון המדתא, דער אגגי, האט אויסגענומען ביים קע־ניג אחשורוש און זיין שטול איז געטאן געוואָרען איבער אלע מיי־

ניסטאָרען. און אַלע, וועלכע האָבען געדיענט אין דעם קעניג׳ס הויף, האָבען זיך געבויגט און געבוקט פאַר איהם, נור דער איד מרדכי נישט. און דאָס האָט פערדראָסען דעם זוהן פון המדתא, און זיין הארץ איז פול געוואָרען מיט צאָרן. אָבער עס איז איהם נישט אָנגעשטאַנען נקמה צו נעהמען אין מרדכי׳ן אַליין. זיין כעס איז געוועזען ווי אַ ים, וועלכער גיסט זיך אריבער איבער זיינע ברעגען, און אין איהם האָט ער געוואָלט פערטרינקען און אומ־ברייננען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. דאַן איז ער געקומען פאַר דעם קעניג און האָט אויסגעבעטען ביי איהם די ערלויבנים צו פער־ניכטען די אידען. געלד האָט ער איהם אָנגעבאָטען, צעהן טויזענד צענטנער זילבער, און מיט גלאַטע ווערטער האָט ער גערעדט. „פאַראַן אַ פאָלק, צוזייט און צושפרייט צווישען די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קעניגרייך, און זייערע געזעצען זיינען פערשיעדען פון די געזעצען פון יעדעם אנדערן פאָלק, און די געזעצען פון דעם קעניג היטען זיי נישט אָב, און דעם קעניג לוינט זיך נישט צו לאָזען זיי אזוי ווייטער". גיפט איז עס געוועזען אין די אויערן פון דעם קע־ניג, גיפט אין זיין הארצען, און ער האָט זיך אָבגעזאָגט אפילו פון דעם געלד. ער האָט אראָבגענומען פון זיך זיין רינג און איבערגע־געבען איהם צו דעם אגגי, צו טון מיט די אידען, ווי זיין הארץ געלוסט. און המן האָט פערנאַנדערגעשיקט אַ בעפעהל אין דעם קעניגס נאָמען, געשטעמפעלט מיט דעם קעניגס רינג, אין אַלע הונ־דערט און זיבען און צוואַנציג מדינות פון דעם קעניג אחשורש, אויסצו׳הרג׳ענען און צו פערניכטען און צו פערטיליגען אַלע אידען, יונג און אַלט, קינדער און פרויען, אין איין טאָג, דעם דרייצעהנטען פון דעם צוועלפטען חדש, דאָס איז דער חדש אדר.

און די אידען האָבען זיך דערוואוסט פון אַלץ, וואָס איז געַ־טאָן געוואָרען, און אַ גרויסע אימה איז אָנגעפאַלען אויף זיי, אונ־ענדליך איז געוועזען זייער שרעק. זיי האָבען אויפגעהויבען אַ געשריי, אַ גרויסען און ביטערען, די קליידער אויף זיך צוריסען, און אין זעק זיך אָנגעטאָן און מיט אַש בעדעקט די קעפּ. זיי האָ־בען געזוכט נאָך עצות און נישט געפונען זיי. ווער וועט זיי אָב־ראַטעווען פון דעם זיכערען טויד? וואו זאָלען זיי זיך קערען

און וואוהין זאָלען זיי זיך ווענדען, וואו זאָלען זיי זיך בעהאַלטען און וואוהין זאָלען זיי ענטלויפען? און אין זייער גרויסען שרעק, און אין זייער גרויסען אונגליק האָבען זיי אויפגעהויבען זייערע אויגען צו דער קעניגין. אסתר מוז העלפען, די אידישע טאָכטער אויף דעם קעניגליכען טראָן. און מרדכי, איהר שוועסטערקינד, האָט זיך געווענדעט צו איהר, זי זאָל קומען פאַר'ן קעניג און בעטען איהם פאַר איהר פאָלק. ניט ענטשליעסען האָט זיך געקאָנט אסתר, ווייל ווער עס קומט פאַר דעם קעניג ניט גערופענערהייט מוז געטוידט ווערען, און זי איז נישט גערופען געוואָרען שוין דרייסיג טעג. שאַרפע ווערטער האָט איהר אָנגעזאָגט מרדכי. „דו זאָלסט נישט מיינען, אַז דו פון אַלע אידען וועסט געראַטעוועט ווערען, ווייל דו ביזט אין דעם קעניגליכען הויז. דען ווען דו וועסט אין דער יעצ־טיגער צייט שווייגען, וועט הילף און רעטונג קומען צו די אידען פון איין אַנדער אָרט, און דו און דיין גאַנצע משפחה וועט פערלאָרען געהן; און ווער וויים, צו ביזט דו נישט געקומען צו מלוכה נור צוליעב דער צייט.“ און אסתר האָט געלאָזען ענטפערן צו מרדכי'ן: „געה און זאַמעל צונויף אַלע אידען, וועלכע געפינען זיך אין שושן און פאַסט פאַר מיר און איהר זאָלט נישט עסען און נישט טרינקען דריי טעג, טאָג און נאַכט, אויך איך מיט מיינע מיידלעך וועלען אַזוי פאַסטען. און דאַן וועל איך קומען פאַר'ן קעניג נישט נאָך דאָס געזעטץ, און בין איך פערלאָרען, דאַן בין איך פערלאָרען.“ און מרדכי איז געגאַנגען און האָט געטאָן ווי אסתר האָט איהם אָנגע־זאָגט. און די אידען האָבען זיך פערקליבען אין זייער זאַמעל־הויז אין שושן, און געוויינט און געפאַסט און געיאָמערט און געהאָפט אויף אסתר'ן. און עס איז געווען, אַז ווען איינער האָט אויפ־געעפענט די טיר און איז אריינגעקומען, האָט מען איהם בעגעגענט מיט פון טרערען פערשטיקטע שטימען: וואָס זאָגט אסתר? וואָס טוט אסתר? וואָס הערט זיך פון אסתר'ן?

ג.

און זרבבל, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון המן'ס גזרה, האָט זיינע קליידער נישט צוריסען און זיין קאָפּ מיט אַש נישט בעדעקט. זיינע לאָקען האָבען זיך נאָך מוטיגער צואוואָרפען אויף זיין נאַקען און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ ווילדען כעס. זיינע הענד האָבען זיך צונויפגעדריקט אין אייזערנע פויסטען און ער האָט זיי געטרייסעלט אין דער לופטען ווי די פליגלען פון איין אדלער, און ער האָט אויפגעהויבען זיין שטימע, און זי איז געוועזען ווי די שטימע פון אַ דונער: „אָה, זיי וועלען חרטה האָבען! אַ צוזאַמענגעלאָפענער הויפען איז זיי דאָס אידישע פאָלק, לייכט צו פערניכטען און צו פערטילגען, אַ רעכטלאָזע מאַסע, מיט וועלכער יעדער קאָן טון, וואָס ער וויל. אָבער זיי וועלען זעהען, אַז עס איז ניט אַזוי, ווי זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט. צו טייער וועלען זיי בעצאָלען פאַר יעדעם אידישע לעבען; און אונזער אונטערגאַנג וועט זיין זייער גרעסטער בראָך. זיי וועלען חרטה האָבען! זיי וועלען חרטה האָבען!“

און ווי ער האָט אַזוי גערעדט מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט פויסטען, צו שטאָל און אייזען געוואָרענע, איז אָנגעקומען אַ שליח און האָט איהם איבערגעבראַכט דאָס געשפּרעך צווישען מרדכי'ן און אסתר'ן און גערופען איהם אין דאָס זאַמעלהויז, וואו אַלע אידען האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערקלייבען צו פאַסטען פאַר אסתר'ן דריי טעג און דריי נעכט. זרבבל'ס אויגען האָבען אויפגעפלאַקערט מיט אַ גרימצאָרן און ער האָט געזאָגט צום שליח: „געה זאָג צו דעם, וואָס עס האָט דיך געשיקט, אַז דאָס שיקזאַל פון אַ פאָלק קאָן נישט אָבהייגען פון אַ פרוי און פון דעם, ווי ווייט זי קאָן געפעלען איהר מאַן. געה זאָג איהם, אַז נישט צו פאַסטען איז יעצט די צייט און נישט צו וויינען. מיט געוועהר אין די הענד וויל מען די אידען פערניכטען, מיט געוועהר אין די הענד דאַרפען די אידען שטעהן פאַר זיך". און צו די, וואָס אַרום איהם, האָט ער זיך געווענדעט: „איהר האָט געהערט, וואָס איך האָב

געזאגט, געהט און טראגט עס פערנאנדער אין פאלק, אז אזוי האט געזאגט זרבבל דער זוהן פון שאלתיאל דער זוהן פון יהויכין קעניג אין ירושלים: זאל מען זיך צונויפקלייבען אין דאס זאמעלהויז, אויב מען וויל, אבער נישט אויף צו פאסטען און צו וויינען, נור אויף אבצוקלערען, ווי צו פערטיידיגען זיך." אבער די, וואס ארום איהם, האבען איהם נישט גערן געפאלגט, און איינער האט געזאגט: „זאל מען אבווארטען און זעהן, וואס וועט זיין מיט אסתר'ן." און זרבבל איז רויט געווארען פאר כעס און האט אויסגעשריען צו דעם זאגער: „מען זעהט אין דיר, אז דו ביזט דער זוהן פון א דיענסט און דיין נשמה איז די נשמה פון א געבארענעם קנעכט. געה פון מיינע אויגען און לאז זיך נישט מעהר זעהן!" און זיינע שלוחים זיינען אוועקגעגאנגען פון איהם, פערנאנדערצוטראגען זיינע ווערטער אין דעם פאלק, אבער מיט אקסעלצוקען און מיט א פערבארגענעם לאכען. און זרבבל איז אויפגעשטאנען און איז אליין אוועק צום זאמעלהויז, צו רופען די אידען צום קאמפף און צו זעלבסטפערטיידיגונג. אויף'ן וועג צום זאמעלהויז האט ער בעזוכט א סך הייזער. אבער אין דאס רוב הייזער האט ער געפונען בלויז פרויען און קינדער אדער קראנקע און אלטע, וועלכע האבען פאר עלטער ניט געקאנט ריהרען זייערע פיס. ווארום אלע מענער, יונגע און אלטע, וועלכע האבען נור געהאט קראפט אין זייערע לענדען, זיינען געוועזען פערקליעבען אין דעם זאמעלהויז. און אומעדום, וואו ער איז נור אריינגעקומען, האט ער געפונען טרערען און פערצווייפלונג, זעק אויף די לייבער און אש אויף די קעפ. און אומעדום האט מען איהם מיט יאמער צוגעשטאמעלט: וואס טוט אסתר? צו וויים ער נישט עפעס פון אסתר'ן? צו האט אפשר דער קעניג ניט בעשטעלט צו זיך אסתר'ן? און אז ער האט אנגעהויבען צו רעדען וועגען קאמפף און זעלבסטפערטיידיגונג, האט מען איהם אנגעקוקט, ווי ער וואלט גערעדט איין אונבעקאנטע שפראך. און א זעהר אלטער מאן האט איהם געזאגט מיט קוים בעוועגליכע ליפען און א שוואכער שטימע: „וועגען קאמפף רעדסט דו און זעלבסטפערטיידיגונג. יונגער מענש, איך האב נאך געקאנט דיין זיידע יהויכין און דיין עלטערפעטער צדקיה. די האבען זיך אויך געריסען אין קאמפף און

אויפגעהויבען זייער קאפ געגען נבוכדנצר, און דער סוף איז געווע־זען אונזער גלות. ניין, יונגער מענש, רוף נישט צו קאמפף און זעלבסטפערטיידיגונג. פאסטען דארף מען, נור פאסטען, און אסתר המלכה וועט אונז שוין ארויסהעלפען." און זרבבל האט בעגריפען, אז דעם אלטענס רייד זיינען דעם גאנצען פאלקס רייד און ער איז אוועק צום זאמעלהויז מיט איין אראבגעלאזענעם קאפף און לאנג־זאמע טריט.

ד.

אין דער טיר פון דעם זאמעלהויז איז זרבבל געבליעבען שטעהן און האט בעקוקט די גרויסע עדה. און ווען ער האט דערזעהן די מענער מיט די פערוויינטע אויגען און מיט די הענד אויף'ן קאפף, האבען זיינע אויגען געשאסען מיט בליצען, און זיינע דינע ליפען זיינען וויים געווארען פאר כעס און פעראכטונג. און עס האבען איהם ארומגערינגעלט די פערזאמעלטע, די אלטע פאראויס און היני־טער זיי די יונגע:

„וואס האסט דו אונז געבראכט, זרבבל?" האבען איהם די אלטע געפרעגט, „עפען אויף דיינע ליפען און זאג אונז, וועלכע נייס, און וואס הערט זיך און וואס ווייסט דו פון אסתר'ן?"

אבער דאס איז געוועזען צו זיין כעס, ווי בוימאויל צו א פייער, און ער האט אויפגעטאן זיין מויל צו רעדען שארפע ווערטער:

„וואס פרעגט איהר מיך וועגען אסתר'ן? וואס ווילט איהר, איהר גרויבערדיגע, פון דער פרוי? און וואס זאל איך אייך זאגען וועגען איהר — בין איך דען איהר געליעבטער און איך זאל אייך אויסדער־צעהלען איהרע שיינהייטען, די זיסקייט פון איהר קערפער און ווי רייצענד זי איז אין דער ליעבע?"

ערשטוינט האבען איהם אנגעקוקט די פערזאמעלטע, און די אלטע האבען איהם ווידער געזאגט: „וואס איז מיט דיר, זרבבל, און וואס האסט דו דען אויף יין הארצען? אין כעס ביזט דו און רעדסט צו אונז אזוינע הארבע ווערטער. אדער ווייסט דו נישט, וואס עס איז געשעהן? אז א גרויס אונגליק שטעהט פאר די אי־

דען, די פאַלשטענדיגע פערניכטונג? און ווער קאָן אונז העלפען, אויב נישט די קעניגין אסתר? אָדער ווייסט דו איין אַנדער הילף? זאָג אונז, און מיר וועלען הערען."

און זרבבל האָט זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער גרויס, זיי־נע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, און פון שטאָל און אייזען איז געוועזען זיין שטימע: „יא, איך קען איין אַנדער הילף, און איך בין געקומען זי אייך צו זאָגען. אין אייך ליעגט זי, אין אייער מוט און אין אייערע אָרמס!"

מיט אָפענע מיילער פאַר פערוואונדערונג און ערשטוינונג זיינען די פערזאַמעלטע געבליעבען שטעהן, און זרבבל האָט ווייטער גערעדט, און זיין שטימע איז געוועזען פול וואַרמקייט: „וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן? אָדער פערשטעהט איהר נישט, וואָס איך האָב געמיינט? אין אייך אַליין ליעגט אייער הילף, אין אייער מוט און אין אייערע אָרמס. וואס האָט איהר אייך אַזוי פערלאָרען? און פאַר וואָס האָט איהר אייך בעדעקט מיט אַש, און אייער פאַסטען וואָצו? איהר שוואַכט אָב אייערע קערפּער און ווילט לייכטער מאַכען איי־ערע פיינד זייער ארבייט? און איך זאָג אייך, בעוואַפענט אייך בעסער. גורט אָן אייערע לענדען און קרעפטיגט אייערע מוסקולען, אַנשטאָט צו פערברעכען די הענד אויף'ן קאָפּ אין פערצווייפלונג, לערנט זיי צו פיהרען אַ שווערט, און אַנשטאָט צו בלענדען אייערע אויגען מיט טרערען, לערנט זיי צו ציעלען מיט אַ פייל. נישט ווי שעפּסען, וועלכע ווערען לייכט געטריעבען צו דער שחיטה, נור ווי לייבען זאָלט איהר זיין, וועלכע טרעטען ארויס געגען זייערע יעגער. אַ שפּיעל איז עס אין די הענד פון יעדען איינציגען צו כאַפּען אַ שעפּס און קוילען עס, אָבער עס ציטערט דאָס האַרץ פון דעם לייבען־יעגער און איינער פון טויזענד קאָן עס זיין. איהר זיצט און וויינט און פאַסט און פייניגט אייך, און אונזערע פיינד וועלען שפּאָטען און לאַכען. מיר דאַרפען אונזערע שווערדען ניט שאַרפען, וועלען זיי זאָגען, און מיט אונזערע הונדבייטשען וועלען מיר אַוועקלעגען טויד די פערהונגערטע און דערשראָקענע אידען. און זיי וועלען לויבען המן'ען פאַר די ערלויבנים, וועלכע ער האָט בעקומען פון דעם קעניג, און פרייען זיך שוין אין פאָראויס אויף דאָס אידישע אייגענטהום,

וואס וועט זיי אזוי לייכט אנקומען. אבער ווען זיי וועלען וויסען, אז מיט גבורה וועט איהר זיי בעגעגנען און מיט מוט, אז אייערע הענד זיינען געלערנט צו פיהרען דאס שווערט און אייערע אויגען צו ציעלען מיט א פייל, מיט כבוד וועלען זיי אויף אייך קוקען און מיט רעספעקט. נישט לאכען און שפאטען וועלען זיי, נור גוט זיך איבער־לעגען. און זיי וועלען זאגען, מיר האבען די ערלויבנים פון המן'ען, אבער ווער וועט ערנעהרען אונזערע אלמנות און יתומים, ווען מיר וועלען פאלען פון די אידישע הענד."

און ווען ער האט אזוי גערעדט און נאך מעהר, האבען געשאָ־קעלט זייערע קעפף די אלטע, און די יונגע האבען געקוקט צו דער ערד אין א פערלעגענהייט. און ענדליך האבען די אלטע נישט אויס־געהאלטען און איבערגעריסען איהם אין זיינע רעד. און עס האבען איהם געזאגט די אלטע: „יונג אין יאהרען ביזט דו, זרבבל, און נאך דיינע יאהרען נאך אזוי רעדסט דו."

אבער זרבבל איז זיי אריינגעפאלען אין די רעד און זיין שטי־מע איז געוועזען פול מיט פעראכטונג: „יונג אין יאהרען בין איך! ווי האב איך נישט געזעהן, אז דאס וועט זיין אייער ענטפער! יונג אין יאהרען בין איך! אבער וואס טויגען אייך אייערע ווייסע האר, ווען איהר ווייסט אייך קיין עצה נישט און הייגנט אייך אן אן דעם אונטערקלייד פון א פרוי? יונג אין יאהרען בין איך! אבער יונג אין יאהרען און נאך אינגער איז געוועזען מיין זיידע דוד און ער האט דאך ארויסגעהאלפען דאס פאלק ישראל פון גלית'ן. אזוי ווי איהר יעצט, זיינען דאמאלס אויך געשטאנען אייערע מענער אין פערצווייפלונג. דערשראקען זיינען זיי געוועזען און פערציטערט און האבען ניט געוואוסט ווי צו העלפען זיך. דאן איז געקומען דער יונגער דוד און האט געבראכט זיי די רעטונג. יונג אין יאהרען, אבער ער האט געוואוסט, אז א קליין שטיינדעל, גוט געציעלט און גוט געטראפען, איז שטארקער פון תעניתים, מעכטיגער פאר טרערען. דערפאר זאג איך אייך, וואס צעהלט איהר מיר די יאהרען, זעהט, איך ברייננ אייך די רעטונג. זייט נישט ווי די ווייבער, די וויינערקעס, וועלכע וויינען ביי אלץ, וואס עס מאכט זיך מיט זיי. מענער זייט, וועלכע פיהלען די קראפט פון זייערע ארמס און די

מאכט פון זייערע לענדער. קומט און לאָמיר אויסרופען איין אויס־רוף אין די גאסען: „געקויפט האָט המן דאָס אידישע פאָלק און איבערגעגעבען עס צו פערניכטונג, אָבער נישט א חפץ איז דאָס אי־דישע פאָלק, וואָס קאָן געקויפט און פערקויפט ווערען, און נישט לייכט וועט זיך איינגעבען זיין פערניכטונג. בעוואָפענט האָבען זיך די אידען און זייערע ווערען אָרעמס געלערנט צום קאַמפף. און עס וועט זיין, אַז עס וועלען קומען זייערע פיינד צו פערניכטען זיי און צו פערטיליגען, וועלען זיי שטעהן פאַר זייערע לעבענס, ווי די לייבינטעס פאַר זייערע קינדער, און יעדער געפאַלענער איד וועט צוערשט אוועקשיקען אין טויט צעהן פון זיינע געגנער.“ קומט און לאָמיר אויסרופען דעם אויסרוף און איהר וועט זעהן, ווי לייגנער עס וועלען ווערען די פּנים'ער פון אונזערע געגנער און ווי אָבהענדיג זיי וועלען ווערען. וואַרפט אַראָב, זאָג איך אייך, די זעק, שיט אַראָב פון אייך די אַש און גלייכט אויס אייערע פּלייצעס. גורט אָן אייערע לענדען און נעמט שווערדען דאָפּעלשניידיגע אין אייערע הענד. און איהר וועט זעהן, אַז די ישועה וועט צו אייך קומען, און אייער ברכה וועט פאַלען אויף זרבבל'ן.“

זיין געזיכט האָט געפלאַקערט און מיט א פיהרער־אויג האָט ער בעטראַכט די פערזאַמעלטע. אָבער אַלע אויגען זיינען געוועזען אָב־געווענדעט פון איהם, און די אַלטע האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ. און אַז די טיר האָט זיך גראַד אויפגעעפענט און מרדכי איז אַריינ־געקומען, האָבען זיך אַלע א לאָז געטאָן צו דעם ניי־אָנגעקומענעם און אַרומגערינגעלט איהם און פערשאָטען איהם מיט זייערע פראַ־גען: וואָס זאָגט אסתר? וואָס טוט אסתר? וואָס הערט זיך פון אסתר'ן?

ה.

און מרדכי, דער זוהן פון יאיר, איז געוועזען אָנגעטאָן אין א זאַק און בעדעקט מיט אַש. זיין שטערן איז געוועזען דורכגעשניטען מיט טיעפע קנייטשען און זיינע אויגען זיינען געוועזען פערזאָרגט, און עס איז געוועזען צו זעהן, אַז פיעלע געדאַנקען בעדריקען זיין

מח. און ער האָט אויפגעטאָן זיין מויל און געענטפערט צו די פרע־נער: „גאָר נישט הערט מען פון אסתר׳ן. און וואָס ווילט איהר דען פון איהר הערען? ווייסט איהר דען נישט, אז דריי טעג האָט זי זיך אויסגעבעטען, און היינט איז ערשט דער ערשטער?“

און אַלע פערזאַמעלטע האָבען אראָבגעלאָזען אין טרויער זייערע קעפּ און געווישט זיך די אויגען. און אז מרדכי האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף אַ זיצבאַנק מיט אַ שווערען זיפץ, האָבען זיפצען און קרעכצען פון אַלע הערצער אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז.

און זרבבל איז געשטאַנען אַליין, און קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט. ביטער איז איהם געוועזען אויף׳ן הארצען צום אויפשרייען, און מיט זיינע פויסטען וואָלט ער געשלאָגען רעכטס און לינקס, און ער האָט בעפּרייט זיין געמיט מיט אַ ווילדען לאַכען. אַלע אויגען האָבען זיך אויפגעהויבען אויף איהם אין פער־וואונדערונג און מרדכי האָט געזאָגט: „זרבבל, אויסגעפּוצט אין זיינע שיינע קליידער, לאַכט מיט אזא בייסענדען געלעכטער — וואָס איז מיט איהם דאָס מער?“

און די אַלע, וואָס ארום מרדכי׳ן, האָבען זיך פערנאַנדערגע־רוקט, ווי צו געבען זרבבל׳ן אַ וועג, ער זאָל קאָנען צוגעהן צו מרדכי׳ן. אָבער זרבבל איז געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט, און פול פעראַכטונג און ביטערקייט האָט ער אויסגערופען: „זאָגט איהם, וואָס מיט מיר איז דאָס מער!“ און אין קורצע ווערטער האָבען זיי איבערגעגעבען מרדכי׳ן זרבבל׳ס רייד. אז ער רופט צום קאַמפּ דאָס פאָלק, האָבען זיי דערצעהלט, און עצה׳ט נישט צו פער־לאָזען זיך אויף אסתר׳ן.

און מרדכי האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו זרבבל׳ן, און זיי האָבען זיך איינער דעם אנדערן אָנגעקוקט, ווי צוויי פיינדליכע קעמפּפער, וועלכע מעסטען זיך מיט זייערע כחות. און דאַן האָט מרדכי געזאָגט און ער האָט געצוויגען יעדעס וואָרט: „אין יעדער צייט זיינען פאַראַן מענשען, וועלכע מיינען, אז די לייכטסטע זאַך דורכצוברעכען אַ וואַנד איז מיט׳ן קאָפּ.“

און זרבבל האָט אָבגעענטפערט מיט עקעל און שפּאָט: „אָבער נישט יעדע צייט האָט דאָס אונגליק צו האָבען אַ פיהרער מיט דעם

מוט פון א שוואכער אידענע, וועלכע קאן נור אויפהויבען די הענד אויף'ן קאפ און ביטער שרייען!"

און די פערזאמעלטע האבען אריבערגעטראגען זייערע בליקען פון מרדכי'ן אויף זרבבל'ן און פון זרובבל'ן אויף מרדכי'ן. עס איז געווען, ווי צוויי קעמפפער וואלטען ארויסגעטראטען פאר זיי צו ראנגלען זיך און אומצואווארפען איינער דעם אנדערן. און זיי האבען זיך אין גאנצען פערטיעפט אין דעם, וואס דארף פארקומען פאר זיי, און האבען זייער גרויס אונגליק פערגעסען. אבער דאך האבען זיי זיך אלע ענגער ארומגעקליבען ארום מרדכי'ן, און עס איז געווען, גלייך זיי וואלטען געוואַרט פון איהם אויף שוץ געגען זרבבל'ן.

און מרדכי האט געפיהלט, אז אלע זיינען מיט איהם און קיינער איז נישט מיט זרבבל'ן, און ער האט געזאגט די שטעכעדיגע ווער־טער: „בעסער א שוואכע אידענע אלס פיהרערין ווי א משוגענער, וועלכער רייסט זיך אויף גלייכע ווענד. די שוואכסטע אידענע קאן פערהיטען פון איין אונגליק, אבער דער קלענסטער משוגענער קאן אנברייינגען די שווערסטע אונגליקען. נישט בעליידיגען וויל איך דיך, זרבבל, אבער דאס, וואס דו ראטסט, איז משוגעת."

ביטער אויסגערופען האט זרבבל: „וועה צו א פאלק, וועלכען מען פרעדיגט, אז זעלבסטפערטיידיגונג איז משוגעת, און נאך מעהר וועה צו א פאלק, ביי וועלכען אזא פרעדיג געפינט אפענע אויערן. טויטע ביינער איז אזא פאלק, פון וועלכע יעדער סימן פון לעבען איז ארויסגעפלויגען."

מרדכי איז איהם אריינגעפאלען אין די רייד און זיין קול איז געווען רוהיג און זיכער: „ווער זאגט, אז זעלבסטפערטיידיגונג איז משוגעת? בין איך דען נישט פאר זעלבסטפערטיידיגונג? וויל איך דען, אז מיר זאלען אונז אליין אויסמארדען נאך איידער אונ־זערע פיינד וועלען אונז בעפאלען? וויל איך דען, מיר זאלען אויפ־הערען צו זיין? וויל איך דען נישט אבראטעווען אונזער פאלק? אונזער פאלק זאל זיך פערטיידיגען, אבער די וועגען צו זעלבסטפער־טיידיגונג זיינען פערשיעדען, און דיין וועג, זרבבל, איז משוגעת."

און זרבבל איז געשטאנען און האט געקוקט אויף מרדכי, ווי

ער וואלט איהם נישט פערשטאנען, און געפרעגט אין גרויסער פער־וואונדערונג, און זיין שטימע האט געציטערט: „ווי לאנג הייסט זעלבסטפערטיידיגונג פון א פאלק דאס שיינע געזיכט פון א יונגער פרוי? איז אסתר'ס לייב אונזער זעלבסטפערטיידיגונג?"

און ווייטער האט מרדכי רוהיג און זיכער געזאגט: „דו רופסט אונז זעלבסטפערטיידיגונג נור די קראפט פון די ארמס, און איך רוף זעלבסטפערטיידיגונג אויך די קראפט פון שיינהייט און די קראפט פון געלד. דו ביזט יונג, זרבבל, און דו ווייסט זיכער די קראפט פון שיינהיים, זאג, איז זי נישט דער זיכערסטער וועג? דעם קעניג'ס הארץ קאן אונז געקויפט ווערען דורך שיינהייט, און אסתר מוז עס טון. איז אסתר דען נישט מיין פעטער'ס טאכטער? איז זי מיר אליין דען נישט געווען ווי א טאכטער? איז זי דען נישט אונזער אלעמענס פלייש און בלוט? און דאך האבען מיר איהר אנגעזאגט, זי זאל איינשטעלען איהר לעבען און געהן צום קעניג מיט גערופענערהייט. און ווען איהר שיינהייט וועט דעם קעניג נישט ריהרען און זי וועט אומקומען, וועלען מיר אויסקלייבען נאך א שענערע אידישע טאכטער. און ווען מיר זאלען דארפען מקריב זיין אלע אונזערע שיינע טעכטער און שוועסטער און פרויען, א גרויסער ווערטאג וועט עס אונז זיין און שווער וועט עס אונז פאלען, אבער טון וועלען מיר עס. איז עס דען נישט זעלבספטער־טיידיגונג? און ווען אונזער שיינהייט וועט נישט העלפען, וועלען מיר אונז פערטיידיגען מיט אונזער געלד, מיט אונזער האב און גאב. המן האט אונז געקויפט מיט צעהן טויזענד צענטנער זילבער, וועלען מיר אונז אבקויפען מיט צוואנציג, מיט דרייסיג און מיט פיערציג. פון אייביג אן זיינען דאס געווען די זיכערסטע מיטלען צו זעלבסטפערטיידיגונג. איז יעקב אבינו נישט ניצול געווארען פון זיין ברודער עשו דורך זיין האב און גאב? האט זיך נישט דער קעניג אסא דיין עלטער־עלטער־זיידע אבגעראטעוועט פון בעשא מלך ישראל דורך אבקויפען בן הדד דעם קעניג פון ארם? און האט אונז יהודית נישט ארויסגעהאלפען מיט איהר שיינהייט פון האלאפערנוס'ן? אבער דיין זעלבסטפערטיידיגונג איז זעלבסט־פערניכטונג. קליין און ווינציג זיינען מיר צווישען די פעלקער אין

די הונדערט און זיעבעץ און צוואנציג מדינות. ווער וועט מורא האבען פאר אונזער געוועהר? ווער וועט זיך אויסמאכען פון דער קראפט פון אונזערע ארמס? און עס וועט נאך זיין, אז דער קעניג וועט דערהערען, אז די אידען בעוואפנען זיך, וועט ער נאך ארויפ־שיקען אויף אונז זיין שטארקען חיל, דעם צו מלחמה געלערנטען, און פון אונזער גאנצען פאלק וועט נישט בלייבען קיין שריד ופליט. געפעלט דאס דיר אזוי, זרבבל?"

אבער זרבבל האט אויסגעשריען הויך און ביטער: „שאם און שאנדע איבער דיר און איבער אלע, וועלכע געהען מיט דיר! שאם און שאנדע איבער דאס גאנצע אידישע פאלק, וואס זעהט אין געלד זיין הילף און אין די שיינע לייבער פון זיינע טעכטער זיין זעלבסט־פערטיידיגונג! יעצט וועל איך צורייסען מיינע קליידער און וועל אנטהון א זאק און בעדעקען מיין קאפ מיט אש! יעצט וועל איך וויינען און קלאגען מיין ביטערסטע קלאג! טויט איז מיין פאלק, א צופוילטע נבלה איז מיין פאלק. א פלאץ איז עס נור פאר ווערים, פאר קריכער און פויזער, און אלע לעבעדיגע גייסטער האבען עס פערלאזען. וואו נעם איך ווערטער, מיין עקעל אויסצודריקען און וואו נעם איך דעם דונער, אויף אויסצודונערן מיין כעס? וואו זיינען דיינע גבורים, יהודה? וואו זיינען דיינע העלדען, ישראל? זעה, ווער דיינע פיהרער זיינען, הער, וואס זיי לערנען דיך! אין זייער געמיינהייט שטעלען זיי זיך ניט אב אפילו פאר דאס הייליגסטע, און די עהרע פון דיינע טעכטער איז ביי זיי וועניגער ווערטה ווי דאס אונניצליכסטע לעבען! אלטער לייב, אין א הונד ביזט דו פער־קערט געווארען!"

נאך לופט האט זרבבל געראנגעלט און עס האבען איהם ווער־טער פערפעהלט. און ער האט צוריסען אויף זיך זיינע קליידער, און געריסען זיך די האר, און געשריען וועה און ביטער. ער האט גע־טרייסעלט די הענד אין דער לופט איבער'ן קאפ און אלץ גע'חזר'ט: „שאם און שאנדע! שאם און שאנדע!" און ער איז ארויס פון דעם זאמעלהויז מיט נישט פעסטע טריט ווי א שכור.

גאנץ ערשראקען און נזדעזט האבען איהם נאכגעקוקט די פער־זאמעלטע און קיינעם'ס מויל האט זיך נישט אויפגעטאן אויף צו

זאָגען אַ וואָרט. נור מרדכי האָט זיך אָבגעשמייכעלט און ארויסגע־רעדט די געפלינעלטע ווערטער: „צו איז עס דען נישט ריכטיג? עס איז בעסער צו זיין אַ לעבעדיגער הונד אַלס אַ טויטער לייב.“

אָבער די פערזאַמעלטע איז עס געוועזען גלייך ווי עמיץ וואָלט זיי פעראונרייניגט און בעשמוצט. און דאָך האָט קיינער נישט גע־פונען אין זיך דעם מוט אָוועקצוגעהן נאָך זרבבל׳ן.

ו.

און זרבבל איז אַוועק צו שושנה׳ן, אויסצורײדען פאַר איהר זיין הארץ און אויסצושרייען זיין כעס. מיט שנעלע טריט איז ער געגאַנגען, האָט נישט געקוקט רעכטס און לינקס, און שווער גע־קרעכצט: „וועה צו דער בושה! וועה צו דער חרפה!“ מיט רעש האָט ער אויפגעעפענט די טיר פון שושנה׳ס הויז, און ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, אַז ער וועט זיך ארויפוואַרפען אויף שושנה׳ס ברוסט און אויסיאָמערן זיין גרויסען בראָך. אויף זיין פאָלק, וואָס ער האָט פערלאָרען, וועט ער וויינען, אויף די אַכטונג צו איהם און העם גלויבען אין איהם, וועלכע זיינען אַוועק און וועלען זיך קיינמאָל נישט אומקערען מעהר. אָבער ווען ער האָט דערזעהן שושנה׳ן, איז ער געבליעבען שטעהן ווי צוגעשמידט, און זיין מויל האָט נישט געקאָנט ארויסברייענגען קיין טאָן. אין אַ זאַק איז שושנה געוועזען אָנגעטאָן און בלייך, איהרע אויגען רויט פון פיעל וויינען, און איהר קליינע געשטאַלט האָט אויסגעזעהן נאָך קלענער און ווי איינגעצויגען. און ווען זי האָט דערזעהן דעם אריינקומענדיגען זרבבל, האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געוויין, ווי ווען זי וואָלט עס לאַנג איינגעהאַלטען. און דאַן האָט זי געזאָגט, שלינ־גענדיג די טרערען: „ענדליך ביזט דו דאָ! ענדליך ביזט דו דאָ! — אַז מיט דיר איז וואָס געשעהן, האָב איך געגלויבט, און איך האָב געשיקט נאָך דיר, און מיינע שלוחים האָבען דיך ניט געקאָנט געפינען. אָבער זיי האָבען מיר געבראַכט די ידיעה, אַז געזונד ביזט דו און גאַנץ און דו ליפסט ארום אין פאָלק און פאָרדערסט עס אויף צו אַ בעוואָפענטען ווידערשטאַנד. איך האָב נישט געוואָלט גלויבען און איך האָב זיי געזאָגט, אַז ליגען האָבען זיי מיר געבראַכט.

דאָך מעהר און מעהר זיינען אָנגעקומען צו מיר די דאָזיגע ידיעות און איך האָב געמוזט גלויבען, און פינסטער און טרויעריג איז מיר געוואָרען מיין וועלט. דו בייזער זרובבל, ווי האָסט דו געקאָנט פערגעסען מיך אין אַזאַ שרעקליכע צייט? ווי האָסט דו געקאָנט מיך לאָזען אַליין אין אַ שעה פון געפאַהר? ווייסט דו דען נישט, אַז שרעקעדיג איז דיין שושנה, און ביי דער קלענסטער סכנה פערגעהט איהר געמיט? אָ, איך בין צום שטאַרבען! איך בין צום שטאַרבען!"

ווי פערגליווערט איז זרבבל געשטאַנען, זיינע אויגען האָבען געברענט, ווי אונטער הייסער אַש, זיין בליק איז געוועזען שטרענג און צאָרניג און זיין שטימע שניידענד: „דו ווייסט, וואָס איך האָב געטאָן, און דו קאָנסט צו מיר אַזוי נאָך רעדען? זרבבל איז געגאַנגען אויפפאָדערן דאָס אידישע פאָלק צו זעלבסטפערטיידיגונג, צו בעוואַפענטען ווידערשטאַנד, און זיין שושנה האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ זאַק, גאַנץ פערלאָרען פאַר שרעק! ביזט דו דאָס שושנה? ביזט דו דאָס מיין ליעבע? איז דיין האַרץ ניט אָנגעפילט געוואָרען מיט מוט און האָט עס אין דיר נישט געשריען פאַר ענט[illegible]קונג, וואָס נישט צווישען די שרעקעדיגע איז זרבבל און נישט צווישען די פערצווייפעלטע איז זיין פּלאַץ?"

נור ביטער געוויינט האָט אַלץ שושנה און אַלץ גע'חזר'ט: „אָ, איך בין צום שטאַרבען! איך בין צום שטאַרבען!"

זיין קאָפּ האָט זרבבל געשאָקעלט און ביטער געשמייכעלט: „איך האָב געמיינט אַ טרייסט וועל איך געפינען ביי דיר, אַ רפואה צו מיין אָנגעוועהטאָגטען האַרצען. שושנה וועט מיך פערשטעהן און וועט זיין מיט מיר, האָב איך געטראַכט, און זי וועט מיך קרעפּטיגען. אָבער וועה צו מיין עלענד, וואָס איז אַזוי גרויס! מיט טרערען האָט מיך שושנה בעגעגנט, מיט קליינמוטיגקייט און האַרבע אויסרעד. און זי האָט קיין אויערן נישט פאַר מיר און קיין האַרץ....."

אָבער שושנה האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, די ליפּען צוזאַמענגעצויגען אין אַ בייזער מיענע און אָנגערוקט געזאָגט: „איך קאָן קיין אויערן נישט האָבען פאַר דיר און קיין האַרץ. ווייל וואָס

דו ווילסט איז משוגעת, און דו ביזט צו שפּאָט אויף אַלע לעפּצען. אַ פאַנטאַזיאָר, זאָגט מען, איז זרבבל און אַ מענש פון חלומות. ער וויל, וואָס איז אונמעגליך, און ראָט, וואָס איז געפעהרליך. דאָס קליינע אידישע פאָלק וויל ער אויפהעבען געגען דעם אונצעהליגען פיינד און רופט עס זעלבסטפערטיידיגונג. פאַר וואָס ראָט ער נישט בעסער, אַז גרויס און קליין, מענער און פרויען, זאָל זיך דאָס אידישע פאָלק אריינוואַרפען אין די טייכען און ימים, וועלכע דורכפלייצען די הונדערט און זיעבען און צוואַנציג מדינות? אַזוי פרעגען אַלע און שאָקלען אויף דיר די קעפּ. זיינען זיי דענן נישט גערעכט און זיינען דענן זייערע רעד נישט ריכטיג? ווי האָב איך דאָ געקאָנט ענטציקט זיין, און די פרייד פון וואַנען זאָל זי צו מיר געקומען? ווייל דו האָסט מיך פערגעסען, געלאָזען מיך אַליין און ביזט אוועק נאָך געפעהרליכע חלומות?"

דערהעכערט זיין קול האָט זרבבל און געזאָגט די שאַרפע ווערטער: „וועגן מיט דערנער וואָלסט דו מיך גערראַשען מיין ליעב און מיט ענדיסען, וואָלסט דו מיר נישט אַזוי וועה געטהאָן ווי מיט דיינע רעד. ווען די אַלע שפּאָטער האָבען געלאַכט פון מיר, איז מיין הארץ געוואָרען אָנגעפילט מיט כעס און פעראַכטונג און איך האָב מיך געפיהלט שטאַרק אין מיין שנאה. אָבער ווען דו ביזט צוגעשטאַנען צו דעם שפּאָט און צוגעגעבען דיין קול צום געלעכטער, בין איך דער אונגליקליכסטער און דער עלענדסטער אונטער דעם הימעל. פרעמד ביזט דו מיר געוואָרען, שושנה, מיט דיינע רעד האָסטו אויסגעגראָבען איין אָבגרונד צווישען אונז, און ווען זרבבל האָט פערלאָרען שושנה'ן, האָט ער פערלאָרען זיין לעבען".

און מיט שרעק אין די אויגען האָט שושנה אויפגעשריען: „אָ, וויא קאָנסט דו אַזוי רעדען?"

און ווי זי האָט איהם אַזוי אָנגעקוקט מיט איהרע דערשראָקענע אויגען און איהרע באַקען האָבען געפלאַמט, איז געריהרט און וויידך געוואָרען זרבבל'ס הארץ, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איהר מיט ליעבע און ליידענשאַפט, צוגעדריקט זי צו זיך מיט זיין גאַנצען ברען און לאַסקע און געשעפציעט: „מיין איינציגע, מיין ליעבע, זיי דו מיט זרבבל'ען, לאָך דו נישט אויס פון מיר,

גלויב דו אין מיר. גלויב, אַז נישט משוגע בין איך געוואָרען און נישט קיין מענש פון חלומות. גלויב, אַז צו גרויסע זאַכען בין איך געבאָרען געוואָרען און גרויסע זאַכען וועל איך אויספיהרען. איך וועל אויפנעהמען אַ קאַמפּף מיט די שפּאָטער און פּאָלקס־פערפיהרער און וועל זיי פערניכטען. איך וועל אויסלערנען מיין פּאָלק שטאָלץ צו זיין און וועל איהם פיהרען צום זיעג. זיי דו מיר דער ברונען, פון וועלכען איך זאָל שעפּען זאַפט פאַר מיין מאַרך, קראַפט פאַר מיינע אָדערן. גיס מוט אין מיר אַריין און מונטער אויף מיין מידע זעעלע. זאָג מיר, אַז איך בין גערעכט און די, וואס לאַכען פון מיר, זיינען געשלאָגען מיט בלינדענים. זאָג מיר, אַז דו האָסט אַ טעות געהאט און נור אויף אַ קליינער ווײַלע ביזט דו אָבגעשטאַנען פון דיין זרבבל".

אָבער שושנה האָט געוויינט, דאס געזיכט בעהאַלטען אין איהרע הענד, און שטיל געמורמעלט: „איך קאָן נישט! איך קאָן נישט!"

מיט גרעסערער לײַדענשאַפט האָט זרבבל איבער איהר גערעדט: „זעהסט, זיי ווילען זיך אויסקויפען פון דער סכנה מיט דעם לייב פון אסתר'ן. זיי שיקען זי, זי זאָל איינשטעלען איהר לעבען און אַליין ווילען זיי יוצא זיין מיט פאַסטען. און ווען אסתר'ס לייב וועט נישט העלפען, וועלען זיי אָנווענדען געלד, אָדער איין אנדער שיינעם ווייבער־לייב, אָדער ביידע זאַכען אין איינעם. זאָג, איז עס נישט העסליך, שושנה? איז עס נישט געמיין און פחדניש? אַלץ שרייט אין מיר געגען דעם, שרייט אין דיר גאָר נישט געגען דעם? מענער זאָלען שיקען אין פאָראויס אַ פרויענלייב! שושנה, איך האָב קיין ווערטער נישט, ווי נידערטרעכטיג דאס איז! פיהלסט דו עס שושנה? פיהלסט דו דיך נישט, ווי בעשמוצט, ערניעדריגט, בעשפּייט? שושנה, זעה, ווי עס ציהען זיך אָן מיינע מוסקולען — פיהלסט דו מיין קראַפט? מיינע הענד פיהל איך ווי ריעזענפליגלען אויף אַריבערצוטראָגען מיין פּאָלק איבער אַלע תהום'ען און געפאַהרען. פאַר וואס האָבען זיי מורא צו נעמען געוועהר אין זייערע הענד? זיעגען אָדער פאַלען, אָבער נישט אָבקויפען זיך. מענער, וועלכע בעהאַלטען זיך הינטער אַ

פרויען קליידעל, האבען קיין שום עהרגעפיהל נישט, און מיין גאנץ פאלק זאל בעשטעהן פון אזעלכע מענער ? ! זרבבל'ס פאלק זאל קיין עהרגעפיהל נישט האבען ? שרייט אין דיר גאר נישט נעגען דעם, שושנה ?

נור שטיל איז געוועזען שושנה אין זיינע ארמס און האט קיין ווארט נישט געזאגט. און ער האט אלץ גערדרונגען אין איהר און ליידענשאפטליך ארייגעקוקט איהר אין די אויגען און אלץ געבעטען : „זאג מיר, שושנה, זאג מיר !“

און ענדליך האט שושנה שטיל ארויסגערעדט : „דו בלייב מיט מיר, זאלען זיי טון ווי זיי פערשטעהען.“

„צו שאם און צו שאנדע פאר דאס גאנצע אידישע פאלק ? !“ זרבבל האט עס ארויסגעשריען און א גרויסע טרויער האט איהם פלוצלינג אנגעפילט.

דאן האט שושנה געזאגט איהרע אונפארזיכטיגע ווערטער : „זיי זיינען די מעהרהייט, דער רבים, זיי פערשטעהען עס בעסער !“

און זרבבל איז אויפגעשפרונגען, ווי ווען א שלאנג וואלט איהם א ביס געטאן. ער האט געוואלט אויפשרייען מיט ביטערע קולות, אבער ער האט דערפיהלט, ווי א גרויסער כעס שטייגט אין איהם אויף. ער האט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף זיין הארץ און גע־ריבען זיך די ברוסט, און פלוצלינג האט ער זיך א קער געטאן צו דער טיר. אבער ביי דער טיר איז ער געבליעבען שטעהן און האט אנגעשפארט זיך און געזאגט, און זיין קול איז געוועזען הייזעריג : „דו וועסט מיך מעהר נישט זעהן, שושנה !“

א שוידער איז דורכגעגאנגען שושנה'ן דורך אלע גליעדער און פול שרעק און פערצווייפלונג האט זי ארויסגעשריען: „אבער, זרבבל ! “

און ער האט ווידער ארויסגעשעפציעט : „דו וועסט מיך מעהר נישט זעהן, שושנה !“

דערשראקענער האט אויפגעשריען שושנה : „אבער, זרבבל!“ און זי האט צוגעטראגען איהרע ציטערדיגע בלייכע הענד צו איהרע באקען און איהר בליק איז געוועזען ווי פון א דערשראקענער פער־וואונדעטער טויב.

און זרבבל האָט גערעדט און זיין שטימע האָט געציטערט:

„איך ליעב דיך און שטארק ווי דער טויט איז מיין ליעבע. ביי נאכט אויף מיין געלעגער וועל איך דיין נאמען רופען, און מיין הארץ וועט פערגעהן פאר בייִנקענים. מיט די נעגעל פון מיינע פינגער וועל איך מיר מיין לייב צוקראַצען און מיינע אויגען וועלען ברענען אונטער זודיגע טרערען. אָבער נישט דו קאָנסט זיין זרבבל'ס ווייב, נישט דו די מוטער פון זיינע קינדער. דו וועסט מיך מעהר נישט זעהן, שושנה!"

שווער געוואָרפען האָט זיך שושנה'ס ברוסט, איהר שנעלער אָטעם איז געוועזען דורכגעוויקט מיט טרערען, און הארצרייסענד איז געוועזען איהר אויסגעשריי: „זרבבל!"

אָבער ער האָט שוין אויפגעעפענט די טיר, און שטעהענדיג אין איהר, האָט ער צוגעווענדעט צו שושנה'ן זיין געזיכט און פעסט ארויסגערעדט: „געה און לערן דיך צו זיין זרבבל'ס ווייב!" און דאן האָט ער צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

זי האָט אויפגעשריען און דאס איז געוועזען דער געשריי פון א פערוואונדעטער הירשין. זי איז צוגעשפרונגען צו דער טיר, אָבער איהרע פיס האָבען זיך איהר אונטערגעבויגט. זי האָט אויסגעשפרייט די הענד אויף די צוגעמאַכטע טיר, און געקרעכצט און געוויינט אין איהר גרויסען אונגליק. זי האָט נישט גערעדט, איהר האלז איז איהר צוגעשנירט געוואָרען, און די צונג האָט זיך נישט בעוועגט. ערשט שפּעטער האָט זי געקאָנט ארויסשעפּציען גאַנץ שטיל: „זרבבל, זרבבל, זרבבל!" נור זיין נאמען האָט זי שטיל געפליסטערט און מעהר האָט זי נישט געקאָנט. דאן האָט זי זיך ארויפגעוואָרפען אויף איהר געלעגער מיט די הענד אויף'ן געזיכט, גאַנץ צונויפגעקאָרטשעט, און עס איז איהר געוועזען, ווי עמיץ וואָלט זי געפּאַטשט.

און זרבבל האָט געשפּרייזט דורך נאכט און פינסטערניס, ווייט הינטער דער שטאָדט, אין טיעפער איינזאַמקייט, דאָרטען, וואו א גרויסער פעלזען האָט זיך אויפגעהויבען הויך איבער א טיפען אבגרונד.